STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05233

DER FUKHS, ODER, GELD UN SHVINDEL

O. Bloshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער
פוּכּס
אָדער
גֶעלְד און שְׁווינְדֶעל

איין ראמאן אין פיער טהיילע

פון

ע. בלאשטיין

דריטער און פירטער טהייל

ווילנא

ЛИСИЦА или ДЕНЬГИ и ИНТРИГИ.
Разсказъ въ 4-хъ частяхъ. Ч. 3. и 4.
С[illegible]іе А. Блоштейна. Собств. и изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА. Типографія Л. Л. Маца. Завальная 30. 1913 г.

דריטטער טהייל

29

חולת אהבה:

שמשין שטערן האט זיך אביסל פערעכנט. וואס ער האט געמיינט, ער וועט דיא טאכטער אוועק שיקען, וועט זיא פערגעסען אויף אלעס. עס פער- געסט זיך אבער ניט דאס, וואס מען וויל פערגעסען. דער מענש איז נאך ניט קיין הערר איבער זיך אליין. אין דעם מענשענקארפער איז דא צוויא ארטען טהאטיגקייט: דיא, וואס ער טהוט מיט זיין ווילען, אונ דיא וועלכע טהוט זיך אליין. האטש ער מעג דאס ניט וועלען. דער מענש קען זיך ראספאראזייען (בעהערשען) איבער זיינע אויסערליכע גליעדער: געהען, ווען ער וויל; ארבייטען מיט דיא האנד, ווען ער וויל: קוקען מיט דיא אויגען, ווען ער וויל, — אונ דאס אלעס קען ער זיך ניט טאן, ווען ער וויל ניט. אבער איבער דיא אינערליכע גלידער קען ער נישט בעהערשען. דאס הערץ קלאפט, דיא בלוטען פליהען אין דיא אדערן, דיא געדאנקען אין קאפף זיינען שטאנדיג טהאטיג, אונ דער מענש קען ניט זאגען: הערץ, הערראויף צו קלאפען... הערראויף צו פיהלען; קאפף, הערראויף צו טראכטען. עס טראכט זיך אונ עס פיהלט זיך נאר ניט ווילענדיג. שמשין האט זיין טאכטער אוועק געשיקט פון דער היים; איהרע פיס, איהרע האנד, איהרע אויגען האבען איהם געפאלגט, ווייל דאס ווענד זיך אן איהרען ווילען. אבער דאס הארץ האט זיא ניט געקענט צוריק האלטען אונ זאגען: הערראויף צו פיהלען אונ פערגעס אלעס, וואס עס איז געוועזן. יא, איהר הערץ איז געבליבען בייא אדאלפען.

ווייט פון דער היים, ווייט פון איהר געליבטען, האט זיא ניט אויפגעהערט צו טראכטען וועגען איהם; ער איז איהר פון זינען ניט ארויס. ווען זיא האט זיך גענומען איבערלעגען אלעס, וואס דא איז געשעהען, אונ האט איהם געפונען דורכאויס שולדיג, האבען זיך דאך בייא איהר אריין גנבעט געדאנקען אנדערע, פערקעהרט: פיילייכט איז ער גאר ניט שולדיג... פיילייכט ליבט ער יענע גאר ניט... פיילייכט איז יענע זיינע אפערוואנדטע, אקראנקע, וועלכע אויס גוט הערציגקייט האט ער גענומען אונטער זיין שוטץ, ווייל איהר העלפען מיט וואס ער קען, — פאר וואס ניט? פאר וואס זאל מען ניט רעכנען, אז דא שטעקט מיטלייד (רחמנות) אין דער זאכע, ניט ליבע, אונ דער פערדאכט (חשד) אויף איהם איז גאר אהנע גרונד. ער איז יע געקומען אין פערלעגענהייט. ווען זיא האט איהם דער מאנט יענע; אבער זיין געזיכט האט אויס געדריקט

אזוא פיל ערגסט , אזוא פיל שמערצען אונ אזוא פיל ליבע צו איהר , אז זיא האט דאס ניט געקענט פערגעסען , זיין פיל ליידענדעס געזיכט האט איהר אימער געשוועבט פאר דיא אויגען אונ עס האט אין איהר דער וועקט אזוא פיל געוויסענסביסע , וואס זיא איז פון איהם אוועק געפאהרען אזוא גוואלדזאם , אזוא גראב , האט זיך מיט איהם ניט דורך גערעט וויא געהאריג איז , ניט ערקלארט זיך , וואס דא האט געשעהען ; עס קען זיין , עס וואלט אלעס וויעדער גוט געווען , וויא פריער . זיא האט זיך דיא ביטערסטע פארוואורפע געמאכט , וואס זיא האט דאס אבגעטאן אזוא אונאיבערלייגט , אזוא איבער איילט . וויא פיל מוז ער דאס ליידען ! ... וואס פאר אוואונדע זיא האט דאס געמאכט אין זיינעם הארצען . אוי וויא ! אויב ער איז טאקע ניט שולדיג , וואס פאר אפערברעכען זיא האט דאס אבגעטאן !

אין אזעלכע געדאנקען וואר זיא פערשלונגען דיא גאנצע צייט . זיא האט זיך צוריק געצאגען אין איהר צימער , וואס דיא טאנטע האט איהר אבגעגעבען אפארט ; זיא פלעגט ווייניג אוים געהען , ווייניג מיט מענשען פערברייגען , פלעגט אוים מידע געזעלשאפטען אונ האט זיך גאר אב געקוועלט מיט איהרע טרויעריגע געדאנקען אליין .

זייא דארפען זיך פאר קיינעם ניט פערמרויט . פאר קיינעם זיך געקלאגט אונ בייא קיינעם קיין ראטה געפרעגט . וואס זאל איך רעדען ? וועמען זאל איך ערצאהלען ? פלעגט זיא צוא זיך זאגען : ווער וועט מיך פערשטעהען ? איך קען זיך אליין ניט ארוים זאגען אלעס , וואס איך לייד ; איך פערשפיעה נאר אליין מיינע ווייטאגען . מיינע עלטערן זיינען שוין אלט ; זייא קענען מיך ניט פערשטעהען , זייערע הערצער זיינען שוין אבגעשוואכט פאר אזעלכע געפיהלע אונ פאר אזעלכע שמערצען ; וואס איך וועל זייא זאגען , וועלען זייא מיינען , אז דאס איז קינדערשע דומהייטען , קינדערשע קאפריזען . ניין . איך קען זייא גאר גישט זאגען ; איך מוז פרעסען מיינע שמערצען מיר אויף מיינעם הארצען . אליין טראגען . . . אליין ליידען . . . ניטא פאר מיר קיינע הילפע . . . א , וואו נעהם איך אדאלפען ? איך וואלט אוועק געבען אהאלבעס לעבען , נאר איך זאל זיך מיט איהם קענען זעהען אונ זיך דורך ריידען .

אזוא געהט אוועק אטאג נאך אטאג , אוואך נאך אוואך . אמאליע לעבט אימער פאר זיך אונ זיא געהט אוים , וויא אליכט . זיא עסט ניט , זיא טרינקט ניט , זיא ווערט שוואכער אונ שוואכער ; זיא איז געווארען אבגעצעהרט , איהרע אויגען מאט , איהרע באקען בלייך : ניטא דער אמאליגער פורפור , דיא אמאליגע פרישקייט אויף דיא ליפפען . זיא איז געווארען קראנק אונ בעטלעגעריג .

מען האט גערופען דאקטורים ; אבער דיזע קענען איהר גישט העלפען . זייא קענען נאר היילען קערפערליכע שמערצען . אבער ניט וואס דיא זעלע , וואס דאס הערץ ליידעט . איהר איינציגער דאקטאר איז אדאלף , אונ ווען ער איז ניטא , זא איז פאר איהר ניטא קיינע מעדיצין .

30 ו

ווער קען היילען די קראנקהייט.

עס איז שוין איינינע וואכען ווי אמאליע איז קראנק און מען זעהט נאך קיינע בעסערונג.

אמאליע ליגט אויף איהר בעט אין איהר צימער. נעבען בעט שטעהט א טישל אנגעשטעלט מיט פלאקאנציקעס מיט מעדיצין, מיט קאראבקעס פילען און מיט נאך זאכען, וואס דער דאקטער האט פערארדנט. זיא ליעגט די אויגען צו געמאכט, די רעכטע האנד אראב געהאנגען פון בעט. זיא איז בלאס און מאגער, אבער דאך רייצענד שיין, איין הימלישעס וועזען אויף ערדען. די מוטער זיצט דער ביי אויף א שטוהל, האלט איהר טאשענטוך אויף די אויגען און בליפעט.

די קראנקע גיט א זיפץ; די מוטער ווישט גלייך אויס איהרע אויגען, מאכט זיך א רוהיגע און מונטערע מינע, אום יענע זאל ניט זעהען ווי זיא ליידעט צו ליב איהר.

— וואס, מיין טאכטער? — פרעגט די מוטער, אינדעם זיא וואלט גערען הערען פון איהר א ווארט.

— אראלף! — זאגט לייזע די קראנקע מיט איהר שוואכע שטימע.

— בעמיהע דיך צו האלטען רוהיג, מיין טאכטער. דוא וועסט זיין געזונד. דער דאקטאר האט געזאגט, אז דוא וועסט זיך האלטען רוהיג. וועסטו באלד געזונד ווערען. די מעדיצין ווירקט זעהר גוט.

אמאליע עפנט האלב איהרע אויגען. א טרויעריגער שמייכעל האט א שוואכ געטאן אויף איהרע בלאסע ליפען. די מוטער האט פריי אויפגעאטהמט.

— דוא ביזט צו פרידען, מיין קינד, זאגט זיא לעבהאפט, — דוא פיהלסט דיך רוהיג... בעסער... רייד מיין מיאכטער: דוא זעטצט מיר א ריין א נייע נשמה, ווען דוא ווייזט א פריימוטה. זאג דאך, דוא פיהלסט זיך בעסער. יע?

— פרעג ניט, מאמע.

— פאר וואס עפעס ניט פרעגען? איך וויל דאך וויסען, צו דוא פיהלסט זיך בעסער. מיר האבען זיך שוין גענוג אנגעליטען פון דיר; עס איז שוין צייט, מיין טאכטער, מיר זאלען פון דיר קיין צער ניט האבען.

— עס איז ניטא, אויף וואס צו האפען, מאמע.

— וויא, מיין טאכטער? — זאגט די אלטע מיט שרעקען. — דוא מאכסט מיך שוידערן, אמאליע. איך האב געהאפט, עס איז שוין בעסער... דוא האסט געשמייכעלט, איז דיר דאך געווים רוהיג אפשר הארצען...

— איך האב געלאכט, מאמע, פון דער מעדיצין.

— וואס איז צו לאכען, אמאליע? עס בעהאנדעלט דאך דיר א גרויסער אבעריהמטער דאקטער.

— עס קען זיין... אבער מיר... וועט ער נישט העלפען, מאמע...

— וואס רעדסט דו, מיין טאכטער?

— עס איז אומזאנסט אלע אויס גאבען, מאמע, אומזאנסט דיינע מיהע.

— ער האט אבער געזאגט, אז דיין קראנקהייט איז ניט שטרענג, אז דוא וואלסט זיך נאר געקענט האלטען רוהיג.

— יע יע, רוהע איז פאר מיר דיא בעסטע מעדיצין... נאר גיב דאך מיר, מוטער, דיזע רוהע!... יע איך פיהל דאס... אבער דיא רוהע, דיא גאלדענע רוהע וואו נעהמט מען?

— עס ווענדט זיך אן דיר, מיין טאכטער; בעמיהע דיך...

— ניין, דאס נעהמט מען ניט אליין... דאס מוז מען געבען...

— דוא זאגסט דאך, אז דער דאקטער...

— יע, אז דער דאקטאר קען מיר קיינע רוהע געבען, געוויס... אבער... עס איז פראנען איין אנדער דאקטאר...

— ווער? זאג, מיין קינד, איך וועל דיר אראב ברינגען א דאקטער. וועלכען דוא ווילסט נאר... נאר ווער איז ער?

— אדאלף! ענטפערט זיא לייזע.

— אדאלף, זאגסט דו? אדאלף קען דיר דען העלפען?

— א, אדאלף, אדאלף! איך וויל איהם זעהען... איך וועל מיט איהם ריידען,... אונ דאס וואלט מיך רעטען.

דבורה יהודית האט זיך פערטראכט. עס האט איהר געגומען מישען אין קאפף: אז אלע צרות האט מען פון דיזער פערפלוכטע ליבע... אז קראנק איז זיא געווארען פון דעם אדאלפען, אונ היינט מיינט זיא פון איהם געהאלפען צו ווערען. ענדליך זאגט זיא:

— דוא האסט פערגעסען, אמאליע, וואס אדאלף האט דיר געטאן?

— איך האב נישט פערגעסען; אבער איך גלויב דאס ניט. אדאלף איז מיר געוועזען טרייא אונ וועט עס ניט אויפהערען צו זיין. איך וויל אונ איך קען אויף איהם קיין שלעכטעס גלויבען. א גיב מיר אהער אדאלפען האטש אויף פינף מינוט... איך וויל מיט איהם ריידען האטש צוויי ווארטער.

— דוא ווייסט דאך אבער, אז דיא פארטיע מיט איהם איז אונמעגליך... דער פאטער זיינער...

— עס קען זיין, מוטער: אבער איך טראכט ניט וועגען ביידא'ן הען, וועגען גליקען פון לעבען... מיינע טעג זיינען געציילט... איך וויל נאר האטש... איינמאל זעהען איהם אונ ריידען אפאר ווארטער.

— ווייסט דוא וואס איך וועל דיר זאגען, אמאליע?

— נו?

— אז אדאלף וואלט געווען וויר[ק]ליך...

— נו וואס? רייד!

— אז ער וואלט געווען טרייא, וויא דוא מיינסט, האט ער געדארפט אליין דיך אויפזוכען, בעטען ביא דיר פערצייהונג... היינט אז ער זוכט דיך ניט, זא איז ער ניט ווערט, דוא זאלסט טראכטען וועגען איהם.

— יע, — ענטפערט אמאליע מיט אביטערן זיפץ, — יע, דאס איז ריכטיג... אדאלף זאל מיך ניט זוכען... זאל זיך ניט דיא מיהע געבען, מיר האטס צו שרייבען. אוי ווייא! אוי ווייא; איך האלט ניט אוים!... יע, מוטער, דוא ביזט גערעכט, אדאלף איז מיר טאקע פאלש...

זיא האט פערדעקט איהרע אויגען מיט איהרע אוים געמאגערטע האנד אונ האט געכליפעט. דיא מוטער האט פערביסען דיא ליפען פון פערדרוס, וואס זיא האט ארוים גערעדט אזעלכע ווארטער, מיט וועלכע זיא האט בעריהרט איהרע ברענענדע וואונדע.

— נאר ניין! — גיט זיך אהאפ אמאליע צוריק. — ניין. עס קען ניט זיין, אדאלף איז מיר ניט פאלש. יע, ער זוכט מיך, דאס איז ניט אנדערש. נאר ער קען מיך ניט געפינען... ער ווייס דאך ניט, וואו איך בין... דער פאטער וועט דאך איהם ניט זאגען... מען דארף איהם שרייבען. יע, מוטער? איך וועל איהם אנשרייבען אפאר ווערטער, אונ דוא מוטער וועסט עס אוועק שיקען? הא? נאר ניין, דער בריף קען אריין פאלען צו זיין פאטער אין דיא האנד... א ווייא! מיר זיינען אקרוזאייעט פון מענשען, וועלכע זיינען אונזערע גוטע פריינד אבער וועלכע ברייגען אונז אום... מאמע, מאמע! לאז מיר מיינע לעצטע מינוטען זעהען אדאלפען.

דיא מוטער האט זיך ערשט איבער צייגט, אז זייא האבען זעהר שלעכט געטאן, וואס זייא האבען אוועק געפיהרט דיא טאכטער פון דער היים אונ אזוא פלוצלונג אוועק געריסען פון אדאלפען. זיא האט זיך ערשט בעשלאסען צו טאן וואס נאר מעגליך איז צו ברייגען אהער אדאלפען. פיללייכט האבען זייא טאקע געהאט אביטערן טעות אונ אדאלף איז גאר ניט שולדיג; אונ עס קען גבייליך זיין, אז וויא ער וועט קומען אונ זייא וועלען זיך דורך ריידען, וועט זיא זיך נעהמען בעסערן אין געזונט אונ דאן וועלען זייא גלייך פאהרען אהיים.

אמאליע וואר געטרייסט פון דער מוטערס בעשלוס. דיא האפנונג צוא זעהען זיך מיט אדאלפען האט איהר געגעבען פרישע קראפטען, איהרע קראנקהייט אריבער צו טראגען. זיא האט זעהר הארטע געהאט, וואס זיא האט זיך מיט דער מוטער פריער ניט געהאט דורך גערעט, וואלט זיא אזוא פיל ניט געליטען אונ וואלט ניט קראנק געווארען. נאר אז זיא ווארט מיט איהר פריער

ביידען, וואלט זיא איהר נישט געהערט. היינט אז דיא מוטער האט געזעהען זיא איז דער פון קראנק געווארען, האט זיא שוין געמוזט טאן איהר וואונש, פיליבט וועט זיא דאדורך געראטעט ווערען.

דבורה יהודית האט גלייך געשריבען שמשינען פון אלעס, וואס דא טהוט זיך און וואס עס איז היינט נייטיג צו טאן, האט ער געענטפערט, אז ער גלויבט ניט, דיא טאכטער זאל ווערען אזוא קראנק פון אזא קלייניגקייט; ער גלויבט ניט אין אדאלפס טרייהייט און זייער בונד קען אים קיינעם פאל ניט צו שטאנדע קומען. אלזא איז קיין נוצען, ווען מען זאל זייא צו זאמען פיהרען; זיא וועט נאך ווערען דער פון מעהר אויפגערעגט און מעהר קראנק. בעסער לאז געהען, וויא עס געהט, און מיט דער צייט וועט אלעס אריבער.

דבורה יהודית האט געזעהען, אז שמשון וויל דערינען ניכטס טאן, האט זיא זיך גענומען אליין טאן דערינען. זיא האט געשריבען צוא איהרע אגוטע פריינדין און געבעטען, זיא זאל זיך זעהען מיט אדאלף אייזבערג, זיך מיט איהם אפילו דורך ביידען וועגען דער פאמיליע שטערן, הערען, וואס ער וועט איהר ענטפערן, און זיא זאל איהם אויפגעבען איהר אדרעסע.

דער ביילע זעהענדיג, וויא דיא מוטער איז טהאטיג איהרען וואונש צו ערפילען, איז אמאליע געווארען מונטערער, הייטערער און האט זיך גענומען בעסערען אין איהר געזונד. דיא יוגענד. הייטערער מוטה און גוטע האפנונג זיינען דיא בעסטע מעדיצינישע מיטעל אין איינער קראנקהייט.

פון איהר גוטער פריינדין האט דבורה יהודית באלד ערהאלטען איין ענטפער, אז אדאלף אייזבערג איז ניטא דער היים; ער איז אוועק געפאהרען און זיא ווייס ניט וואוהין.

פון אנפאנג איז זיא איינגעפאלען, אז דאס פאהרט ער אראב געשאפטס-האלבער; נאר אמאליע האט זיך אבער באלד איבערלעגט: פיליבט איז ער דאס אוועק געפאהרען איהר זוכען, און ווילע ער ווייס ניט ריכטיג, וואו זיא איז, דער פאר געפינט ער איהר ניט. דיזער געדאנקע האט איהר געעפנט דיא אויגען; איהר פרויענהערץ האט דאס איהר געזאגט, אז דאס איז אזוא, עס קען אנדערש ניט זיין. זיא האט זיך דאס אזוא איינגערעדט פאר געוויס, אז דאס אליין איז שוין געוועזען פאר איהר א טרויסט און האט שוין געהאפט, אז פריער — שפעטער ער וועט איהר שוין געפינען, און וויא זייא וועלען זיך נאר זעהען, וועט שוין אלעס ווידער ווערען גוט וויא געוועזען.

31

וויא דיא פארטיע זיכער צו שטעלען.

דער לעזער וועט זיך געוויס ערינערן דעם געשפרעך, וועלכער איז געוועזען צווישען אדאלף אייזבערג און פריילין אייכענשטאם. ער איז ארויס.

פון איהר צימער אצומישטער . אצוטומילטער . ער וואר זעהר בעוועגט פון דער ליבע , וועלכע זיא האט איהם ערוויזען אונ פון דיא אויפאפפערונג , וואס זיא איז בערייט צו טאן פון זיינט וועגען ; ביא איהר איז רעכט אוועק צוא געבען איהר קאפיטאל , אום אייזבערגס געשעפטען ווידער פעסט צו שטעלען . ער האט זיך אבער דער מאנט אן אמאליען , זא האט ער איהר , מאטילדען , גלייך ענטדעקט , אז ער ליבט איינע אנדערע , זא קען ער איהר ניט ליבען . ער האט געמיינט , אז דיזע ווארטער וועלען האבען אויף איהר אגוואלדיגע ווירקונג , אונ זיא וועט זיך גלייך פון איהם ענטזאגען . ערסט ניין , זיא האט איהם געענטפערט , אז זייא וועלען אלע דרייא אונגליקליך זיין , דאס הייסט , ביא איהר איז רעכט אונגליקליך צו זיין , נאר פון דער פארטיע זיך ניט צוא ענטזאגען . דאס איז אוואונדער ; וויא וויל מען דאס הייראטהען איינעם , וועלכער ליעבט איינע אנדערע ? נאר אויף ליעבע איז ניטא וואס צו פרעגען : ליעבע געהט אלע מאל געגען דעם גראדען פערשטאנד אונ אויך ניט אויף דעם גראדען וועג . נאר אויסער דעם וואר דערינען נאך צווייא אורזאכען אונ זעהר וויכטיגע : ערסטען איז איהר ניט אנגעשטאנען אונ עס וואר פאר איהר אויך אגרויסע בעליידיגונג , אז מען זאל קענען ליבען איינע אנדערע , איינע ארמע אונ נאך יענער געבען דעם פארצוג געגען איהר , אזא פארנעהמעס פריילין — אלזא האט זיא געוועלט ראכע נעהמען אן יענער אונ אן איהם אויך מיט דער הילפע פון זיין פאטער . אונ צווייטען איז זיא דא געוועזען פערוויקעלט אין דער זאכע דורך געלד אויך . האראן אונ פוכס האבען געפונען פאר נייטיג , איהר אריין צו האפען אין זייער נעטץ דורך געלד אנליהען . פריער נאך , ווען זיא האט געזעהען , אז דיא פארטיע איז שוין אבגעמאכט , איידער זיא האט נאך געוואוסט , אז אדאלף קען נאך פראטעסטירען , איז זונדעל איין מאל אריין געלאפען צו איהר מיט האסט אונ האט ביא איהר געבעטען אושירע פאר האראצען . זיא האט דאס גערן געטאן אונ איז צו פרידען געוועזען , אז זיא קען נאך טאן אגעפאליגקייט דעם פאטער פון איהר חתן . שפעטער צוא אז זיא האט געזעהען , וויא אדאלף איז ווייט פון דער פארטיע מיט איהר אונ זיא האט זיך געפונען געקריינקט דאדורך , וואס איין אנדערע האט דעם פארצוג געגען איהר , זא האט זיא געוועלט דורכאויס דיא פארטיע זאל דוקא זיין אונ האט געווינשט צו קריגען עפעס אמאכט אין איהרע האנד , אז זיא זאל קענען אויס פיהרען .

דאן איז אריין געקומען צו איהר פוכס . ער האט פון איהר אויס געהערט דעם רעזולטאט פון אדאלפס וויזיט . האמיש ער האט ניט ערווארטעט , אז דיא זאכע זאל גוט איינגעהען צום ערשטען מאל , דאך האט עס איהם נא־ צו מישט זיינע געדאנקען . ער האט זיך פערטראכט . זיא האט געוואוסט , אז ער איז אפיפיגער יונג , האט זיא געווארט , וואס וועט ער דא איהר יעצט זאגען .

ענדליך האט ער אנגעהייבען:

— פריילין, דיא פארטיע איז פאר אייך העכסט פארטהיילהאפט.

— יע, זיא איז פאסענד, — ענטפערט זיא.

— דא איז אפיינע פאמיליע, — זאגט ער ווייטער, — הארוץ אייזבערג איז איין פארנעהמער מאן אין שטאדט. איך וועל אייך ניט ליגענען... איך וועל געהען מיטין אמת... ער איז אפילו יעטצט אביסיל פערענגט, וויא אדאלף האט אייך געזאגט: נאר דאס איז גאר נישט... באלד געהט עס פערביי. דער זוהן זיינער, אדאלף, איז אשיינער, אקלוגער, אגוטער געשאפטסמאן... קורץ, ער האט אין זיך אללע מעלות, וואס מען קען זיך נור ווינשען.

— , איך לייקנע ניט, אבער....

— אבער איינע אנדערע האט זיך דא אריין געמישט. דאס איז גאר נישט. אשטיקל ליעבע... איין אבדרוקטענעס, וואס געהט פארביי וויא אחלום, און עס איז גאר ניטא ארום וואס צו ריידען.

— ביא איהם איז דאס אבער קיין חלום ניט... ביא איהם איז דיא זאכע גאנץ ערנסט.

— גאר יעטצט. איהר הערט נאר מיר. איהר וועט זעהען, וויא עס וועט זיך אללעס אויס לאזען אויף מיינע רייד; דיא פוסטע ליבע מוז פערשווינדען. איהר האלט זיך גאר פעסט אן אונזער הויז. אפאטער איז אפאטער און ער האט נאך דיא גאנצע מאכט; איהר פערשטעהט?

— אבער...

— לאזט, לאזט... נאר, מיין פריילין, אום שטארקער צו מאכען דיא זאך איז מיין ראטה, איהר זאלט זיך אן איהם שטארקער אנקניפפען.

— איך פערשטעה ניט, וואס איהר מיינט, הערר פוכס.

— איך מיין נאר מאטעריאליש... איהר ווערט נאר בעטהיילינט אין זיינע געשאפטען.

— וויא אריין טרעטען מיט איהם אין קאמפאניע?

— ניט גאר אין גאנצען. איהר ברייננט נור ביא איינינע זומען... שטיטצט איהם מיט זשירעס.

— זיינע געשאפטען שטעהען דאך היינט שוואך?

— נו גוט, דאדורך ווערען זיא שטארקער און איינטראגליך און אייערע קאפיטאלען ווערען מעהר געזיכערט און מיט דעם צו גלייך וועלען זייא זיכערן דיא פארטיע. דער פאטער וועט זאגען צום זוהן: ענטוועדער בעשלים זיך אויף דיא פארטיע, אדער טראג אריין צו פריילין אייכענשטאם איהר געלד און ער איז אמאן פון עהרע: ער וועט אויפאפפערין זיינע פערמיינטע ליבע צו ליב זיין עהרע.

דיזען פארשלאג האט מאטילדע אנגענומען. זיא וויל אויפאפפערין

איינינע זומען, אום דיזע פארטיע זיבער צו שטעלען. יעצט ווייסען מיר שוין וואו הארין האט גענומען געלד צו געבען אדאלפען אויף דיא טארגעס. ווארויבער ער הא זיך אזויא געוואונדערט.

ווען אדאלף איז אוועק געפאהרען, איז פוכס אליין געקומען צו איהר אונ האט איהר ערצאהלט; דען אז זיא וועט דאס הערען פון איין אנדערען אונ מיט איין אנדער ערקלארונג, וועט עס ערגער זיין, אלזא איז גלייכער ער זאל איהר אליין דערציילען אונ ערקלארען אז דאס איז גאר אטובה פאר זייא, ער האט איהר געזאגט, אז זיין געליבטע איז פון איהם ענטלאפען, זיא האט איהם פערהאכט נאר אין גאנצען, ווייל ער טראכט וועגען איין אנדערע, אונ דיזע אנדערע איז טאקע זיא מאטילדע. עס איז העכסט נייטיג, ער זאל יענע ניט קענען געפינען, װעלען זייא זיך ניט קענען ערקלארען אונ זייער האס וועט שטייגען, דער צוא וועט ער זיך נאך אנקוועלען איהר זוכענדיג, וועט ער זיא נאך פערהאסען, וואס זיא האט איהם פערשאפט אזויא פיל חלאפאט אונ אונאנגענעהמליכקייטען. דאס אלעס וועט פיהרען דאצו, אז זייא זאלען זיך צערבייסען אין גאנצען.

אין דיזעם פונקט איז זיא שוין געוועזען פערזיכערט, אז אלעס געהט צום ציעל אונ איהר וואונש וועט ערפיהלט ווערען אויפען בעסטען ארט.

יעטצט האט זיא גענומען אבשייד פון הארין אייזבערג אלס כלה פון זיין זוהן אונ איז אוועק געפאהרען אהיים, ביז אלעס וועט דער ווייל אויס געפיהרט ווערען, ביז דער וועג צום גליק וועט איהר שטעהען אפען אונ פרייא.

אלזא זיינען אללע דרייא געליבטע פאנאנדער געפאהרען.

32

וואס וועט זיין מיט דעם קינד?

וואס טהוט זיך מיט דער ארעמע יתומה, מיט רחלען?

ווען אדאלף איז אוועק געפאהרען, וואו ער האט ניט געוואוסט, צוא ער וועט זאמען צו ניט, איז ער אוועק צו רחלען, האט פון איהר גענומען אבשייד אונ האט איהר געלאזען געלד אויף איהר אונטערהאלט אויף אפאר מאנאטען.

רחל איז שוין געווארען געזונד אונ האט זיך שוין גענומען צו איהר ארבייט. אדאלפ׳ס שטיטצונג מיט דער פלעגע פון איהרע שכנות האבען איהר פיל גוטעס געטאן. ווען ניט יענער פאק צרות, וואס איהר שטעהט פאר, וואלט זיא שוין געוועזען גאר רוהיג; אבער הייגט דיא ערינערונג אן דעם קריזיס, וואס דארף אויס ברעכען, האט איהר דאס לעבען פערביטערט.

ווען אדאלף פלעגט אריין קומען צו איהר, פלעגט ער זיא אימער טרייסטען אונ זאגען, אז ער נעהמט אלעס אויף זיך. דאס הייסט אללע אויסגאבען,

וָואס עֶס וָועט פָּארְדֶערְן; נָאר זִיא זָאל זַיין רוּהִיג. הָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוָועֶן צוּ איהר אַזוֹי גוּט, פוּן דֶעסְט וֶוענֶען הָאט זִיא מִיט אִיהם אַוָוארְט נִיט גֶערֶעדְט וֶועגֶען יֶענֶעם פּוּנְקְט אוּנ זִיא פְּלֶעגְט אִימְמֶער אוֹיס מַיידֶען צוּ רֵיידֶען דָאפָאן. אוּנ עֶר, אַלְס עֶדֶעלְמַאן, הָאט אוֹיךְ דַאפָאן נִיכְטְס גֶערֶעדְט; עֶר הָאט גַאנְץ גוּט גֶעוואוּסְט, אַז דָאס אִיז נִיט פוּן דִיא זַאכֶען, פוּן וָועלְכֶע מֶען קָען רֵיידֶען אַזוֹיא אָפֶען, דֶעסְטָא וֵוייניגֶער מִיט אַפְּרֶעמְדֶען מֶענְשֶׁען פוּן פָארְנֶעהְמֶען שְׁטַאנְד. עֶר הָאט נִיט גֶעוָועלְט בֶּערִיהְרֶען אִיהְרֶע וואוּנְדֶע אוּנ אִיז נִיט גֶעוָועֶן נֵייגִיעֶרִיג צוּ ווִיסֶען, וָוער יֶענֶער מֶענְשׁ אִיז, דֶער שׁוּלְדִיגֶער פוּן אִיהר אוּנְגְלִיק. וָואס קָען דָאס נוּטְצֶען פַאר אִיהם? פַאר אִיהר? יֶענֶער הָאט אִיהר פֶערְוָוארְפֶען אִיז פֶערְפַאלֶען; גֵייטְעֶן קָען עֶר אִיהם נִיט. וָואס דֶען? זִיא דַארְף הָאבֶּען גֶעלְד שְׁטִיטְצוּנְג, — דָאס וָועט עֶר אִיהר גֶעבֶּען גֶענוּג. אוּנ מִיט דֶעם קִינְד לָאז זִיא טָאן וִויא זִיא ווִילְל, צוּ הָאדֶעוָוען אַלֵיין, צוּ גֶעבֶּען אֵיינֶעם אַנְדֶערְן. דָאס אִיז אִיהם אַלֶעס עֶנַאל (אַלְץ אֵיינְס). גֶעלְד וָועט עֶר אִיהר גֶעבֶּען מֶעהר קָען עֶר פַאר אִיהר נִיכְטְס טְהוּן, אוּנ בֶּעסֶערֶעס קָען מֶען נִיכְטְס פֶערְלַאנְגֶען.

מִיט אִיהר שְׁבֶעוְנִתְע אִיז שׁוֹין רחל גֶעוָועֶן מֶעהר פֶערְטְרוֹיט. יֶענֶע אַלְס פְּרוֹיעֶנְצִימְמֶער. פַאר וָועלְכֶע מֶען דַארְף זִיךְ נִיט אַזוֹיא זֶענִירֶען, אוּנ ווִיעדֶער אַלְס פְּרוֹיעֶנְצִימְמֶער, וָועלְכֶע אִיז אִיבֶּערְהוֹיפְּט זֶעהר נֵייגִירִיג, הָאט אִיהר, ווִיא מֶען זָאגְט, מֶעהר גֶעצוֹיגֶען פַארִין צוּנְג, אוּנ זִיא הָאט מִיט אִיהר דַאפָאן שׁוֹין מֶעהר גֶערֶעדְט. אִיהר הָאט זִיא עֶרְצֶעהלְט אַלֶעס, דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אָנְפַאנְג אָן; נָאר אִין אֵיין זַאךְ הָאט זִיא זִיךְ צוּרִיק גֶעהַאלְטֶען: הָאט אִיהר נִיט אוֹיס גֶעזָאגְט, וָוער דֶער שׁוּלְדִיגֶער אִיז. זִיא וֵוייס, עֶר אִיז אַבַּאנְדִיט, אוּנ וָוען זַיין נָאמֶען זָאל בֶּעוואוּסְט וָוערֶען אִין דֶער זַאךְ, קָען עֶר זוּכֶען אִיהר דִיא גְרֶעסְטֶע צָרוֹת אָן צוּא טָאן, דַאנְגַאסִירֶען דֶער פָּאלִיצֵייא אוּנ זָא וֵוייטֶער... עֶר אִיז פֶאהִיג אוֹיף אַלְץ. אַלְזָא וָואהְרֶענְד זִיא הָאט נָאךְ דִיא צָרָה מִיט זִיךְ, דַארְף זִיא זַיין נָאמֶען נִיט אַרוֹיס זָאגֶען.

אַלְזָא מִיט דֶער שְׁבֶעוְנִתְע הָאט זִיא זִיךְ גֶעהַאלְטֶען עֵצוֹת, וָואס צוּ טָאן, וָוען עֶס וָועט קוּמֶען דִיא קְרִיטִישֶׁע שְׁטוּנְדֶע. גוּט, דֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ אדאלף, אִיז אִיהר אַזוֹיא גוּט; עֶר שִׁיטְצְט זִיא אוּנ שְׁטִיטְצְט זִיא, וִויא אֵיין עֶכְטֶער בְּרוּדֶער; אָבֶּער ווִיא קָען זִיא דָאס זַיין אַזוֹיא גְרָאבּ, נָאךְ פֶערְלַאנְגֶען פוּן אִיהם שְׁטִיטְצוּנְג צוּ הָאדֶעוָוען אַפְּרֶעמְד קִינְד, וָואס טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ נָאךְ אַשַׁאנְדְלִיכֶען נָאמֶען? ... אוּנ וָואס וֵוייס מֶען? דִיא וָועלְט אִיז שְׁלֶעכְט, בֵּייזֶע צִינְג אִיז דָא זֶעהר פִיעל... אוּנ דֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ הָאט נָאךְ גֶעווִיס שׂוֹנְאִים אוֹיךְ וָועט מֶען נָאךְ גֶעווִיס זָאגֶען, אַז דָאס קִינְד אִיז זַיינְס. אַלְזָא אִיז הֶעכְסְט נֵייטִיג, אוֹיף אִיהם דִיזֶע לַאסְט נִיט אוֹיף צוּ לֵייגֶען, אוּנ מֶען דַארְף זֶעהֶען דוּרְכְאוֹיס. דָאס קִינְד נִיט צוּ הַאלְטֶען בֵּייא זִיךְ אוּנ נִיט צוּ הָאדֶעוָוען. וֵוייטֶער אִיז זִיא דָאךְ אַמֶעדְכֶען, וָואס דַארְף נָאךְ טָאן אַשִׁדוּךְ, זָא מוּז זִיא זִיךְ דָאךְ

האלטען דיין פאר דער וועלט. דארום האבען זייא בעשלאסען צו טאן, וויא אללע טהוען בייא אזעלכע פאללע, דאס הייסט, אונטער ווארפען וואו עס איז . . . אונ פאר וואס טאקע ניט בייא דעם פאטער אליין פון דעם קינד? ווער איז דען מעהר פערפפליכטעט צו ערציהען א קינד וויא זיין פאטער? אי וואס? ער וועט פעראיבעל האבען? נו, לאז ער זיך פאראיבעל האבען. ער איז אליין נור דער שולדיגער, טא לאז ער אליין ליידען.

דאן קען ער שוין טאן וואס ער וויל; דאן האט זיא שוין פאר איהם קיין מורא ניט. דאס וואר דער ענטשלוס, וואס רחל האט געפאסט צו טאן, ווען עס וועט קומען יענע צייט.

33.

דיא לאוואוסקע.

אדאלף איז אוועק געפאהרען נאך אדעססא, וויא מיר ווייסען. קומענדיג אהין, האט ער זיך גלייך אוועק געלאזען איבער דיא רישעליע שטראסע זוכען א פאמיליע — נאמען קארענפעלד, ווייל דער נומער פון דעם הויז איז געוועזען פערמעקט מיט טינט. דיא גאס איז זעהר לאנג אונ גרויס; ער האט געמוזט געהען פון הויז צו הויז אונ נאך פרעגען בייא יעדען דווארניק. אין אדרעסנעם שטאל האט ער געפרעגט, האט ער גאר ניט געפונען אזא נאמען; גאר דאס האט איהם ניט אבגעשראקען; עס גיבט פיעלע איינוואוהנער, וואס פארשרייבען זיך ניט אין אדרעסנעם שטאל. אדער פילייכט האט יענער ערשט איבער געצויגען אין דיא נייע וואוהנונג אונ וואר נאך ניט פערשריבען. אדאלף איז זיך געגאנגען לאנגזאם, שפאצירענדיג אונ האט זיך אבגעשטעלט נעבען יעדען דווארניק. דער ווייל האט ער זיך לאנגזאם צו געקוקט אויף דיא פאראיבער געהענדע: פילייכט בעגעגענט ער אמאליען אדער איהר מוטטער איז אויך מיט איהר מיט געפאהרען.

אויף מארגען . . . א פריידע! עס האט זיך איינגעפונען דער נאמען, וואס ער זוכט. נו אדאנק גאטט! יעצט האט ער שוין אמאליען. אבער וואס טהוט מען? אזויא פראסט ארײן געהען אונ נאך פרעגען אפרייליין אמאליע שטערן — איז עפעס נישט. מען היט זיך דאך פון איהם, וועט מען איהם געוויס ניכטס זאגען, אונ פון יעטצט אן וועט מען זעהען איהם גאר אוים צו ווייכען. זא האט ער זיך בעשלאסען, ער וועט פריער אזויא נאך שפירען.

ער האט אלזא גענומען אפט ארום געהען אויף דעם ארט הין אונ צו ריק. אויב זיא איז דא, מוז זיא דאך ווען ארויס געהען אונ ארײן געהען; יעסטא מעהר אז דא האט זיא ניט, פאר וועמען זיך צוא היטען. ער איז אלזא ארום געגאנגען אויף דעם ארט עטליכע טעג, איבער הויפט דעם מארגענס

און פארנאכט. ער פלעגט וויא פיל מאל בלייבען שטעהען און נאך שפירען.

איין מאל פאר נאכט האט ער געזעהען. איז צו געגאנגען אהער אפאר אהערד מיט אדאמע געארעמט; דיא דאמע זעהט אוים וויא אמאליענס וואוכבס; עס דוכט זיך איהם אוים, וויא זיא האט אויף איהם אקוק געטאן פון אונטערין וואוואל און דאכט זיך אקוק אפיל בעדייטענדען. נו, זאגט ער, אט דאס איז אמאליע, ניט אנדערש. דיא פאאר זיינען ארוף אויף דיא טרעפפע, ער געהט זייא נאך אום צו זעהען, אין וועלכע קוואטיר געהען זייא אריין. דאס הויז איז אפירעטאזיגע, אלזא איז אויף דער טרעפע אין אכט קוואטירין אריין צוא געהען. דיא פאאר האט נישט געארט, ווער עס געהט זייא נאך: ער קען דאך געהערען צו איין אנדער קוואטיר אויף דיזע טרעפפע.

אדאלף האט געזעהען, וויא זייא זיינען אריין אין דעם אויבערסטען שטאק אין דעם פערטען, אין דער לינקען זייט. יעטצט וויים ער שוין אקוראט, וואו אמאליע איז, — היינט וואס טהוט מען? וויא געהט מען אריין? ער האט זיך בעשלאסען, ער וועט שטעהען עטליכע טעג אפען גאס און וועט נאך קוקען אין דיא פענסטער, פילייכט וועט זיא איהם זעהען און דאן וועט זיא איהם ארויף רופען אדער זיא וועט געפינען איין אנדער מיטיל, וויא מיט איהם צו זעהען זיך. ער האט געוועלט דינגען אקוואטיר געגענאיבער איהר וואוהנונג, דאן וואלט זיין גאר לייכט צוא נויף צוא ריידען זיך; איז אבער דא קיין קוואטיר ניט געוועז צו דינגען.

ער פלעגט אלזא קומען אהער אללע טאג און פלעגט אבשטיין שטונדען וויים און קוקען אין דיא פענסטער. אין אקליינער שטאדט אז מען שטעהט שטענדיג אויף איין ארט, איז דאס יעדעם אויפפאלענד און מען קען צוא געהען צו איהם פרעגען; וואס דארף ער דא? נאר אין אגרויסע שטאדט וואו עס לויפען פאר ביא הין און צוריק טויזענדער מענשען, יעדער זעהר בעשעפטיגט, קימערט עס קיינעם ניט פאר דעם אנדערין און מען קען זיך שטעהען און קוקען וויא פיל דאס הארץ געלוסט.

ער שטעהט און קוקט אויף דיא פענסטער פון דעם פערטען עטאז ער זעהט, אפיגורע פון אפרויענצימער קוקט אויף איהם דורך דיא גארדינען און, דאכט זיך, זיא ווינקט איהם ארויף צוא געהען. ער פאקט מוטה געהט אריף דיא טרעפפע מיט קלאפפענדען הערצען, קומט צו דער טהיר, אין וועלכע ער האט פאר עטליכע טעג פריער געזעהען דיא פאאר אריינגעהען און קלינגט אן.

דיא טהיר האט זיך גלייך געעפנט.

— פריילין שטערן וואוהנט דא? — פרעגט ער.

— יא... ביטע! — ענטפערט מען איהם.

ער געהט אריין. מען ווייזט איהם אטרעפפע ארויף צו געהען אויף נאך איין עטאזש. ער פרעגט ווייטער; מען ענטפערט ניט, מען ווייזט איהם

נאר אויף דיא טרעפע. ער קלערט, אמאליע מוז דא האבען פאר זיך איין אפארטעם צימער אין אסעזאניין (אשאלקע). אדאלף גערט ארויף. אטהיר שטעהט האלב אפען; ער עפענט, נייט אריין, קוקט זיך ארום, — קיינער איז דא נייא. נו גוט, — טראכט ער ביי זיך, — באלד וועט זיא אריין געהען, קיינער וועט אונז ניט שטערן אונ מיר וועלען זיך קענען דורך ריידען זעהר בעקוועם.

ער געהט ווייטער. עס איז דא נאך אצימער מיט איינפאכע מעבל, אטיש, אקרעסלא, עטליכע שטוהלען, אדיוואן אונ אבעטט. אין דעם צימער איז נאר איין פענסטער, וועלכעס קוקט ארויס אויף דאס דאך פון דעם הויז.

ער שטעהט אונ ווארט; אט באלד גייט זיא אריין, ער וועט איהר פאלען אפען האלז, זייא וועלען זיך אין צארטליכער אומארמונג בעטען אום פערציי‌הונג ביא איינאנדער פאר אזוא פיל פערדרוס אונ אונאנגעהמליכקייט, וואס זייא האבען זיך איינאנדער פערשאפט ניט ווילענדיג. זייא וועלען זיך אלעס ערקלארען אונ עס וועט אלעס ווידער ווערן גוט וויא פריער.

זיא קומט אבער נאך אלס ניט. נו, — טראכט ער ביי זיך — זיא מאכט געווים איהר טואלעט. נאר דאס איז שוין דיא איטעלקייט דער פרויען. דארף זיך דען אמאליע פאר מיר פוטצען? איז זיא דען ניט פאר מיר דיא זעלבע, ווען זיא וואלט טראגען איין איינפאכעס קלייד? נו מען מוז איהר דאס אויך פערצייהען. איך האב אזוא פיל געווארט, לאם איך נאך אביסל ווארטען.

ער האט זיך אוועק געזעצט אונ ווארט. האט ארויס גענומען אבלאט צייטונג פון דער טאשע אונ האט גענומען לעזען. דאס ווער פאר נאכט. עס איז שוין געווארען דונקעל; ער האט שוין מעהר ניט געקענט לעזען. ער לייגט אוועק דאס בלאט. זיא איז נאך אימער ניט געקומען. וואס קען דאס זיין? ניט שוין זאל זיא זיך פון איהם דאס אוים לאכען? נו, מען דארף אוועק געהען. ער שטעלט זיך, געהט צו צום טהיר, וויל עפענען, — זיא איז פערשלאסען. ער נעהמט קלאפען, מען עפענט ניט; ער נעהמט שרייען, — מען רופט זיך ניט אב. וואס איז דאס? צו מען האט זיך פערגעסען אן איהם, צווא דאס איז טאקע אלאוואשקע פאר איהם? . . . חאצו? ווארום? וואס האט מען צו איהם? אונ אז ער וויל שוין יע געפינען אמאליען . . . אונ אז ער וויל שוין יע ריידען מיט איהר . . . וואס איז דאס אזוא פאר אפערברעכען?

ער נעהמט ווייטער קלאפען . . . ווייטער שרייען, — מען עפענט ניט, אונ מען ענטפערט ניט. ער האט גענומען ארום לויפען איבערן צימער וויא אמיגער אין זיין קלעטקע. האט גענומען קלאפען אין פענסטער, — עס איז נאר ניש. ער ברעכט אוים דיא שויבען, שטעקט ארויס דעם קאפף, שרייט

קאראאול , — עס העלפט גאר נישט. דאס פענסטער קוקט ניט ארויס אפען גאס אונ ניט אפען הויף ; ער זעהט קיין מענשען , אונ קיינער זעהט איהם ניט . נעבען פענסטער איז אהויכע וואנד פון אדערבייאיגען הויז ; פון ביידע זייטען פענסטער זיינען צוויא וואנדלעך פון דעם בוידים , וואו הין עס קען זיינע שטימע ניט אריין דרינגען , אונ וואו קיינער איז ניטא , ווער עס זאל איהם הערען . צווישען דער הויכער וואנד אין דיזעם הויז איז אשמאלער זאוואוליק אפינסטערער , וואס נעהט אראב פיר עטאזען טיף ; אראב צו לאזען זיך , איז ניטא אן וואס צו האלטען זיך , אונ ערכט איז דארטען אונטען ניטא קיין תאד ארוים צו געהען , ווען מען זאל שוין יע קענען דערלאנגען אונטען .

אדאלף זעהט , ער איז ארעסטירט , ער איז וויא אקאזעמאט .

ער וואר אזוא אנגעמאטערט , אז ער איז געפאלען אפען בעטל אונ איז ענטשלאפען געווארען .

34

טויטשרעקנים ;

ער האט אבגעשלאפען דיא גאנצע נאכט זעהר שטארק , האט זיך ניט איין מאל אויפגעכאפט אונ ניט דער מאנט זיך , וואס מיט איהם טהוט זיך . אויף מארגען האט ער זיך ערוואכט , ווען עס וואר שוין גוט ליכטיג . ער האט זיך פערגעסען , וואס מיט איהם טהוט זיך , ער מיינט , ער איז ביי זיך אין צימער , וויל נעהמען פאר דעם גלעקל אונקלינגען , עס זאל אריין צו איהם וועלכער פון דיא הויז מענשען אונ וויל זיך נאך ארגערן , וואס מען האט דאס פענסטער געלאזען אפען אגאנצע נאכט . ער רייבט זיך אויס דיא אויגען , קוקט זיך ארום , ער דער מאנט זיך , אז ער איז ווייט פון דער היים אונ ער איז גאר ארעסטירט פון אונבעקאנטע מענשען שלעכטע . ער שפרינגט אראב פון בעטל , לויפט דורך דיא פאאר צימערן הין אונ צוריק , קוקט זיך גוט ארום , צו וועט ער יעטצט ניט געפינען איין ארט וויא ארויס צו געהען פון דאנען . עס איז היינט ניט אנדערס , וויא נעכטען איז געוועזען . דיא וואנט איז שטארקע , דורך דאס פענסטער איז אונמעגליך אראב צו לאזען זיך ; ער געפינט מעהר ניט אקליין קעמערל אין אזייט פון פארנט , פון וועלכער עס איז אויך קיין אויסגאנג ניטא . שלעכט , וואס טהוט מען ? וואס וויל מען פון איהם ? וואס קען דאס בעדייטען ? איז דא אמאליע , וויא קען זיא צו לאזען צו אזא מארדעריא ? וואס ווילען יענע פון איהם , דיא וואס מיינען איהר צו שיטצען ? וויעדער איז דא אמאליע ניטא , וואס ווילען פון איהם דיא פרעמדע מענשען , וועלכע ער קען ניט אונ וועלכע קענען איהם ניט ? דער ווייל האט איהם גענומען קוועלען דער הונגער ;

ער האט שוין ניט געגעסען פון נעכטען מיטאג אן . וואס ? מען וויל איהם נאך אפשר פערהונגערן לאססען ? אשוידער איז איהם דורך געלאפען אללע גלידער .

ארום געהענדיג הין אונ צוריק אין העפטיגער אויפוואללונג , האט ער דערזעהען נעבען טהיר אויף אשטוהל אלאבען ברויט פראסטע מיט אקווארט וואססער . דאס האט מען איהם געבראכט אין מיטן נאכט , וואהרענד ער האט נאך געשלאפען . ער זעהט , אז דא מיינט מען איהם צו האלטען לאנגע , ווען מען האט איהם איינגערייט אזוא פיל הארטש . נו , וואס קען מען מאכען ? מען מוז ליידען . עס מוז דאך פארט ווען עס איז געהמען איין ענדע .

ער האט זיך גענומען דער ווייטע שטיללען דעם הונגער , האט זיך עטוואס בערוהיגט . ווען דער מענש איז אין אשלעכטע לאגע אונ דער צו קוועלען איהם נאך הונגער אונ קעלט , זא איז זיין לאגע שרעקליכער אונ טרויעריגער ; ווען ער איז אבער זאט , זא איז איהם זיין לאגע ניט אזוא שרעקליך אונ דיא האפפנונג אויף אגוטען אויסגאנג גיבט איהם נייע קראפטע דאס לייכט אריבער צו טראגען .

עס איז אזוא פאראיבער אטאג , צוויא אונ דרייא טאג . ער איז אימער פערשפארט , קיינער קומט צו איהם ניט , אונ עס זעהט אויס אז מען האט אן איהם גאר פערגעסען . זיינע הארטש האט ער נאך , קיין אנדערע ברייגט מען איהם ניט . נאר דאס ברויט מוז זיך אין דעם טאג ענדיגען , זא וועט מען איהם דיזע נאכט געוויס בריינגען אנדערע ברויט . אלזא האט ער זיך בעשלאססען , דיזע נאכט צו זיין וואך , אונ וויא יענער וועט אריין קומען , וועט ער איהם גלייך בעפאללען אונ וועט זיך זעהען ארויס צו רייסען פון דער טהיר , עס מעג דא ווערן צווישען זייא אגעשלעג אויף טויט . דיזער געדאנקע , אז ער וועט זיך שוין היינטיגע נאכט בעפרייען , האט איהם מונטער געמאכט אונ ער האט זיך שוין עטוואס בערוהיגט .

דעם זעלבען טאג פאר נאכט עפענט זיך דיא טהיר אונ עס געהט אריין איין אלטער מאן . אדאלף האט ניט געפרעגט : ווער ער איז אונ וואס וויל מען פון איהם אונ האט זיך גלייך אוואורף געטאן צום טהיר ; אבער דיזע האט זיך גלייך צו געמאכט אונ פערשלאססען .

דער מאן איז אלט איאהר זעכציג , איז הויך אונ מאגער מיט איינגעפאללענע באקען אונ מיט אשיטערע בערדל אגראע ; איז רייך געקליידעט . ער איז פינסטער אונ מיריש .

— הער צו , יונגער מאן , — רופט ער זיך אב צו איהם מיט אהייזעריגער שטיממע איהם שטארר אנקוקענדיג , — איך האב דיך געהאלטען דרייא טעג אויף ברויט אונ וואססער .

— שטייטס ! ניט אדאלף אנעשרייא ראזענד . ער האט זיך גלייך געוועלט ארויף ווארפען אויף איהם אונ דערווערגען ; נאר ער האט זיך צו ריק געהאלטען :

ער האט געוועלט וויסען , וואס טהוט זיך דא . . . צו איז אמאליע דא ; אונ ווייטער האט ער זיך גלאט דער מאנט , אז דא האט ער צווייא טהירען הינטער זיך .

— שטייטס ! — שרייט ער , — אט אזעלכע מארדערייא טהוט זיך דא אב ! . . . מען רויבט אוועק פון אמענשען זיינע פרייהייט אונ מען מוטשעט איהם אזוא טיראניש ! האט איהר וואס צו מיר , איז דאך פראגען בייא אונז פראוואסודיע !

— אזעלכע משפטים טהוט מען אליין , — ענטפערט דער אלטער . — פראוואסודיע איז דא צו שוואך , יונגער מאן !

— איהר מיינט , איך וועל דאס אייך שווייגען ! איהר וועט בייא מיר פערשווארצט ווערען . . . איך וועל זיך מיט אייך אברעכענען אויף דער וועלט .

— דער פון לאך איך . אסימן האסטו , יונגער מאן , אז דאס , וואס איך האב דיר געטאן , איז נאך גאר אקלייניגקייט געגען דעם , וואס איך וועל דיר נאך טאן .

— פאר וואס ? וואס האב איך אייך אזונס געטאן , אז . . .

— דוא ווייסט גאנץ גוט אליין , יונגער מאן , איך דארף דיר גישט זאגען . מען געהט צו אמאן אין שטוב , פידרען לובקעס מיט זיין יונגע ווייב . . .

— וואה . . הא . . . וואסער ווייב ! — האט גענומען אדאלף שטאבלע , — איך ווייס ניט פון קיין פערהייראטהעטער פרויא .

— נאטירליך , זיא איז ערסט ניט לאנג פערהייראטהעט . פריער ווען דוא האסט זיא געקענט , איז זיא געווען אלס פריילין .

— אבער . . .

— ניט גערעדט ! — שלאגט איהם איבער דער אלטער . — וואס דוא וועסט גאר זאגען , וועל איך דיר קיין זאך ניט גלויבען . איך ווייס גאר איין זאך , אז אלס פריילין האט זיא נאך געווים געהאט חתנים אדער געליבטע , דוך דאס וויא דוא ווילסט , היינט איז זיא מיין פרויא , וועט זיא שוין מעהר דאס ניט האבען . דאס שווער איך דיר , אונ דוא קענסט מיר גלויבען . אונ מיט דיר טאקע וועל איך אב שלאגען דיא פליגלען פון אללע איבריגע לובאוניקעס , אז זייא וועלען שוין פערזאגען אצעהנטען צו טראכטען וועגען פרעמדע פערהייראטהעטע פרויען .

— וואס טהוט זיך דא ! — וואונדערט זיך אדאלף , איך פערשטעה איין ווארט .

— דוא וועסט באלד פערשטעהען . דאס ווייס יעדער , אז איינעם מיידעל אשיינע וויל ניט גערן געהען פאר איין אלטען מאן ; אבער זיא איז ארעם , איהר פאטער איז אלט אונ שוואך אונ זעהר ניט רייך , זא האט זיא איינגעווילליגט צו נעהמען איין אלטען מאן אבייבען , אום צו קענען לעבען

אנטען טאג אונ אום צו שטיטצען איהרע ארמע עלטערן. עס האט זיך געפונען אשדכן, וועלכער האט אונז צו נויף געפיהרט. איך האב אריין געשיקט צו איהר פאטער אפאר טויזענד רובל, איהר ווידער האב איך געשיקט קליידער אונ צירונג. וואס ביא פרויענצימער איז טהייערער פאר ארץ אין דער וועלט, — אונ אט איז זיא געקומען צו מיר. זיא האט פער־זוארפען אלע איהרע חתנים מיט איהרע געליבטע דיא אבאדראנצעס אונ איז געקומען צו מיר. פאר דרייא טעג צוריק איז געוועזען אונזער חופה. איצטער האסטו זיך געקענט אונטערשטעהען צו קומען אהער צו פאהרען, זיא אויפצוזוכען. איך ווייס אבער. וואס איך האב צו טאן; איך ווייס, עס וועלען קומען איהרע געליבטע איהר אבשטאטען וויזיטען. זא האב איך נאך געשפירט. איך האב דיך געזעהען, וויא דוא טרעטסט ניט אב פון מיינע פענסטער; איך האב אויך געזעהען, וויא זיא קוקט אויף דיר דורך דיא גארדינען. גו יעטצט ביזטדו אריין אין מיין נעטץ. איצטער וויל איך זיך אברעכנען מיט דיר אויף דער וועלט.

אדאלף איז געשטאנען וויא אצומישטער. אלזא האט גאר אמאליע געהייראטהעט אונ איהם אזוא נידערטראכטיג פערוואָרפען. יעטצט איז שוין דיא מאאס פון זיינע צרות צו פול. ער האט פערגעסען, וואס מיט איהם טהוט זיך יעטצט.. אז ער איז נאך גאר ניט פרייא... אז ער איז אין דיא האנד פון אשלעכטען מענשען, וועלכער טהוט מיט איהם וואס ער וויל. ער ווייס יעטצט נאר איין זאך; אמאליע האט איהם פערוואָרפען, אמאליע האט געהייראטהעט.

— אויף ווידער זעהען! — זאגט דער אלטער, אונ וויל ארויס געהען. אדאלף געהט איהם נאך.

— דוא וועסט דא נאך בלייבען, — זאגט דער אלטער.

— וואס נאך ווילסטדו פון מיר?

— אונזערע רעכנונגען זיינען נאך ניט קוויטירט.

— אזוא! — שרייט אדאלף ראזענד. ער איז ארויף געפאלען אויף דעם אלטען מיט גוואלדיגער וואוטה, האט איהם צו געדריקט צום וואנד, האט איהם אנגענומען פארן האלז אונ גענומען ווערגען. דער אלטער האט זיך גענומען ווארפען מיט דיא לעטצטע קרעפטען אונ שרייען מיט אפערשטיקטען קול.

עס האט זיך באלד געעפענט דיא טהיר, עס זיינען אריין צווייא מענשען מיט קאנציקעס אין דיא האנד. אדאלף האט איהם אב געלאזען, טרעט צו ריק אין שרעקען.

דער אלטער האט זיך אב געטרייסעלט, האט זיך אוועק געזעטצט זיך צו ערהאלען. אדאלף האט אנגעהייבען מיט נוטען:

— מיין העדר, איך בעט אייך, לאזט מיך אוועק; איך בין ניט שולדיג.

— וויא אַזוא בּיזטדו ניט שולדיג, אַז דוא האָסט דאָ אַזוא געקוקט בּייא מיר אין פֿענסטער, אַזוא נאָך געשפּירט.

— איך וועל אייך זאָגען דיא וואהרהייט: מיין כּלה איז פון מיר אַוועק געפאהרען, בּין איך דאָס געקומען אַהער זיא זוכען.

— אַהאַ, אַט איז ריכטיג, וואָס איך האָבּ געזאָגט.

— הערט, מיין כּלה הייסט אמאליע.. הייסט דען אייער פרויא אמאליע?

— איך קוק ניט אויף נעהמען. דיא יודען פון אייער געגענד צו קאָווערקענען דיא נאָמען; ווער עס הייסט דוואשע ניט זיך אַנאָמען טאַטיאַנאַ. וויא איז איהר אידישער נאָמען?

— איך ווייס ניט.

— נו האָבּ איך איין אַנדער פראַגע. איך וועל זיך מאַכען וויא איך פאהר אַוועק, פערשטייסט דו? אָבּער איך וועל בּלייבּען היא און זיא וועט ניט וויסען. דיך וועט מען אַראָבּ פיהרען אונטען אין זאַל, איהר וועט מען זאָגען, אַז אַיונגער מאַן וואַרטעט אויף איהר. זיא וועט גלייך אַרויס. אויבּ זיא וועט דיר פאַלען אַפּען האַלז, וויא דיא מאָדע איז, דאַן וועל איך מיט מיינע לייטע פּלוצלונג אַרויף קומען, און דוא וועסט קריגען 25 אודאַרעס אַט מיט דיא קאַנטשיקעס, וואָס דוא זעהסט. פאַרשטייסטדו מיך? דאָס האָבּ איך זיך אויס געלערנט פון דיא מערקען, וועלכע וואהנען דאָ וועהר פיל, וויא זיך אָבּ צו רעכנען מיט דיא לובּאַוניקעס, וואָס גנבענען זיך אַריין צו זייערע ווייבּער. נאָר אויבּ זיא וועט דיך אָנקוקען וויא אַפרעמדען דאַן לאָז איך דיר אַוועק. אויף ווידער זעהען, יונגער מאַן! מיט דיא רייד איז דער אַלטער אַרויס געגאַנגען.

35

פייער! פייער!

אדאלף איז געבּליבּען אַליין אין זיין געפאַנגניס נידערגעשלאַגען. וויא עס זעהט אויס, איז אמאליע דאָ געוועס דאָ. דיא ערצאהלונג פון דעם אַלטען פּאַסט זיך אין גאַנצען אַהער. איהר פאָטער איז איין אַלטער איין אַרמער; זיא איז אַשיינע, ליבּט איין אַנדערן; ער האָט געזעהען, וויא זיא האָט געקוקט אויף איהם דורך דיא נאַרדינע. היינט אַז דאָס איז אמאליע, אוי וויא! האָט זיא דאָך נאָר געהייראַטהעט... און וועמען? אוי וויא! איין אַלטען מאַן.. אָ, וויא אונגליקליך זיא איז! איהר לעבּען איז פערבּיטערט אויף אייבּיג. איהם, אדאלפען האָט זיא פערוואָרפען, ווייל זיא איז איהם חושד, ער איז איהר ניט טרייא... און האָט זיך אַוועק געגעבּען פאַר איין

אפפער פאר איין אלטע מאן איין אבזר, וועלכער וועט זיא ניט אויפהערן צו קוועלען מיט זיין פערפלוכטער אויפערזוכט. א וואס פאר אשרעקליכע דראמע דא האט זיך אבגעשפילט מיט זייא. אונ נאך צו אלע דיזע קראנקונגען שטעהט איהם נאך פאר אזא שאנדע, אזא בעליידיגונג! דען וויא זיא וועט איהם דערזעהען, וועט זיא דאך ניט אנדערש מוזען אויסרופען אוואַרט פון פריידע, פון ענטציקען. א, אונ אמאליע וועט מוזען צו זעהען מיט איהרע אויגען, וויא דיא דינער מיט זייערע קאנטשיקעס וועלען איבער פאלען איבער דעם, וועלכען זיא האט אזוא געליבט. דיזער געדאנקע האט איהם געמאכט שוידערן. דיא שאנדע האט איהם מעהר געקוועלט וויא דיא יסורים, וואס איהם ערווארטעט. היינט נאך דעם געה, זוך פראוואסודיע, וועו ער האט זיך קיין עדות ניט, ווען ער איז דא אזוא פרעמד, אונ האט פאר זיך קיינעם שוטץ. שרעקליך.

אין דיזע שרעקליכע געדאנקען איז פאראיבער נאך צוויא טעג, וואס ער האט פערבראכט אויף ברויט אונ וואסער. ער האט אימער געזוכט עפעס וויא אבצורעכנען זיך מיט דיזעם אונמענשען.

אויף דעם צווייטען טאג פון אבענד, דאס הייסט אויף דעם פינפטען טאג פון זיין ארעסט איז אריין צו איהם אדינער אונ האט איהם אראב גערופען. עטיצט וועט זיך ענדיגען זיינע טרויעריגע לאגע, אבער וויא וועט זיך דאס ענדיגען?

דער דינער האט איהם אנגעזאגט, אז ער זאל פארזיכטיג זיין אונ, וויא ער וועט איהר דערזעהען, זאל ער איהר קיין וואונק ניט געבען; דען וויא ער ניט איהר נאר איין וואונק, אז דא שטעקט אלאוואושקע, וועט דאס גערעכנט ווערען, אז ער איז ווירקליך איהר געליבטער אונ ער בעקומט גלייך דיא פערשפראכענע שטראפע.

אדאלף איז אריין אין דעם זאל, וועלכער איז זעהר רייך מעבלירט אונ העל בעלייכטעט: אויף דעם טיש שטעהט אגרויסע לאמפע מיט אבאלל האראדיגען אבאזשור (לאמפענשירם). ער איז געבליבען אליין. ער ציטערט וויא אבראט; ער וויל ניט געהען, וויל קיינע בעוועגונג מאכען; דען עס קען איהם פערראטהען. דער דינער, וואס האט איהם אראב גערופען, איז דורך געגאנגען דעם זאל האט געעפנט אטהיר פון איין געבענציטער, גייט אריין, אונ עס הערט זיך וויא ער זאגט:

— מאדאם, איונגער מענש איז געקומען אונ פרעגט זיא.

— וויא איז זיין נאמען? — פרעגט זיא.

— איך וויים ניט, מאדאם. ער זאגט ניט.

— איך געה באלד ארויס, — ענטפערט זיא, — גייא!

אדאלף שוידערט. דען ער וויים גאנץ גוט, אז אין איין אנדער ציממער שטעהט דער אלטער בערייט מיט זיינע מלאכי חבלה.

עס עפנט זיך דיא טהיר פון דעם געבענצימער, עס געהט ארויס איונגעס פרויענצימער, רייצענד שיין, רייך געקליידעט, געהט האסטיג צו איהם צו אונ ניט אגעשרייא; אך! זיא ניט אטראט צוריק אונ זאגט פערלעגען:

— ווער זינד זיא, מיין הערר?

אדאלף האט דער זעהען, אז דאס איז ניט אמאליע. ער האט פרייא אויפגעאטהמעט: אליזא איז אמאליע ניט פערהייראטהעט אונ ער איז פרייא. אלע שרעקען אונ אלע אונרוהען זיינע זיינען אויגענבליקליך פערשוואונדען.

עס עפנט זיך גלייך נאך אטהיר פון איין אנדער צימער. עס איז אריין דער אלטער מאן, געבען איהם יענע צווייא דינער מיט דיא קנטשיקעס.

— דוא זעהסט, דינה, אט דיא צווייא קאנטשיקעס זיינען אנגעגרייט פאר דיינע לובאוניקעס. אונ זאלסט ווייטער וויסען: ווען איך בין ניטא דער היים, בין איך אויך דער היים, היינט ביזט דוא מיינע, זאלסט דוא פערגעסען אויף אלע דיינע אמאליגע בעקאנטשאפט, אונ אוים! אונ דוא יונגער מאן — זאגט ער צו אדאלפען, — ביזט יעצט פרייא. געה געזונטערהייט. איך זעה, דוא האסט געהאט אטעות, זא האסט דו געהאט אביסל שרעק בייא מיר; אבער דאס וועט דיר זיין אלעהרע אויף ווייטער: דוא זאלסט ניט געהען זוכען דיינע געליבטע, ווען זייא זיינען פערהייראטהעט פאר איין אנדערן.

אדאלף האט שוין געהאט אפלאן פארטיג וויא זיך מיט איהם אב צוא רעכנען. ער געהט צו צום טהיר, אום צו זעהען צו איז זיא ניט פערשלאסען אונ אום דער ווייל זאלען יענע צווייא דינער, וועלכע מען האט יעטצט ניט נייטיג, זאלען זיין ארויס געגאנגען. ער קעהרט זיך אום צוריק אין זאל. דער אלטער זיצט אויף אשטוהל ביים טיש, זיין יונגע פרויא שטעהט נעבען טהיר פון איהר צימער; דיא דינער זיינען ניטא.

— אונ דוא אלטער כלב! ניט אדאלף אנגעשרייא באזענד, — דוא מיינסט דאס אין אמת'ן, עס וועט דיר גלאט אראב, וואס דוא האסט מיך געהאלטען ארעסטירט פינף טעג אויף ברויט אונ אויף וואסער!... וואס דוא האסט נאך געוועלט מיך שאנדליך בעהאנדלען!

— געה זיך דיר קלאגען וויא פיל דוא ווילסט, ווער האלט דיך?

— איך וועל זיך נירגענד קלאגען. איך וועל טאן, וויא דוא האסט געטאן אונ דאס וועט דיר זיין אלעהרע אויף דער פאר, וואס דוא האסט געקויפט אמענשען, וואס דוא רופסט אן ווייב אונ בעהאנדעלסט זיא וויא אשקלאפין.

— נייא צו אלע שווארצע יאהרען! — שרייט דער אלטער אונ האט שוין געוועלט נעהמען פארן גלעקעל, עס זאלען אריין זיינע יונגען.

אדאלף האט געכאפט דעם לאמפע, וואס איז געשטאנען אויף דעם טיש, אונ האט אווארף געטאן אויף דעם אלטען, איז האסטיג ארויס פון דאנען אונ איז אראב געלאפען פון דיא טרעפפע שרייענדיג: פייער! פייער!

ארויס לייפענדיג אפען נאס האט אדאלף אקוק געטאן אין פענסטער, עס זעהט זיך אפלאקער פול, רונד דיא שטוב, אונ עס הערט זיך אלארם אונ אנגעפילדער. מענשען האבען גענומען צו זאמען לויפען אונ אדאלף איז אוועק אויף זיין קוואטיר.

36

דער שד.

קומענדיג אויף זיין לאזי, האט אדאלף אלאנגע צייט ניט געקענט קומען צו זיך פון אזוא פיל ליידען, אונרוהען אונ שרעקען, וואס ער איז אויס געשטאנען, ער פאהרט אזוא ווייט, קומט אויף איין ארט, זוכט אמאליען, ער האט קוים מיט דער גרעסטען שוועריגקייט אויסגעפונען דעם מאן, ביי וועמען, ער מיינט, אמאליע וואוהנט; ער איז שוין גליקליך, ער האט איהר שוין, — מיט אמאל אזעלכע טויט שרעקנים; מען האלט איהם געפאנגען אונ מען וויל איהם פערמוטשען אונ דער צו נאך דארף ער זעהען, וויא אמאליע, זיין טייערע אמאליע האט געהייראטהעט פאר איין אנדערן. ער איז קראנק געווארען אונ איז אבגעלעגען דרייא וואכען צו בעט.

דיזע דרייא וואכען זיינען פאראיבער אונ ער האט זיך גענומען בעסערן אין געזונד. זיין קאפף האט געארבייטעט: וואס זאל ער יעצט טאן? צו פאהרען אהיים, צו נאך ווייטער זוכען? היינט וויא קען מען ניט זוכען? זיא איז דאך פארט היא... אז דער פאטער שרייבט צו איהר אהער בריף, איז זיא דאך דא געוויס פערהאנדען. אונ אוועק פאהרען אזוא אונ ניט האבען אויס געפיהרט, דארף ער זיך שעמען פאר זיך אליין. אנדערס וואו אליבהאבער טהוט אויף דיא גראסטע העלדענטהימעריא, אונ ער האט מעהר ניט וויא זיא אויפצוזוכען, אונ דאס קען ער אויך ניט. פוי, דאס פאסט איהם ניט. מען דארף ווייטער זוכען.

וויא ער איז נאר געווארען גענוג שטארק, אז ער האט שוין געקענט ארויס אפען גאס, האט ער זיך אוועק געלאזען ווייטער זוכען.

אין אגאנץ אן אזייט האט ער געפונען אהויז, וואו עס וואוהנט איינער מיט'ן נאמען ראגענפעלד; נאר וויא באלד, אז ראגען אונ קארן איז איין זאך, זא האט ער זיך גענומען דא נאך שפירען. אבער פון גאס נאך קוקען וויל ער ניט; ער האט זיך שוין גענוג אנגעליטען דער פאר, געהען אין שטוב, וויא אין איין געטין אריין, וועט ער דאס היינט אויך ניט טאן. מען דארף דאס היינט דער געהען אויף איין אנדער אופן.

ער האט גענומען בעטראכטען דאס הויז. הינטען ציהט זיך אלאנגער גארטען; הינטער דעם גארטען זיינען וויעדער דא הייזער, וועלכע וויא עס שיינט, געהערען צו איין הויז בעזיטצער דען זייא האבען אויך אגאנג אין דעם

גארטען. אונ אין איינעם פון דיזע הייזער, א גליק! גיבט זיך אב אציטער צו מיטהען. ער איז גלייך אוועק אהין אונ האט אבגעפונגען דיזעס ציטער.

אין זיין ציטער האט ער געהאט אפענסטער, וואס האט געקוקט אין גארטען, אונ גראדע געגען דיא וואהנונג פון דעם ראגענפעלד פון דער הינטער זייט, נאר אריין קוקען אין דיא פענסטער וואר עס אונמעגליך: ערסטען איז עס צו וייט אונ צווייטען פערשטעלען איהם דיא בוימער. האטש זיא זיינען יעצט קאהל וויא אין ווינטער, אבער דאך זיינען זייא הויך אונ מיט פיל צווייגען. ער האט זיך אזא געראזט געהען אין גארטען אלע נאכט נאך קוקען אין דיא פענסטער פון ראגענפעלדס קוואטיר. אינוויינינג איז ליכטיג, ער זעהט דיא פערזאנען, וועלכע געהען דארט ארום, אבער ניט דייטליך. ער זעהט דארט אפריילין געהט זיך דארט ארום אונ זיא האט פיל אהנליכקייט צו אמאליען. עס קען זיין, אז דאס איז זיא טאקע. היינט וואס טהוט מען יעצט? אריין געהען? — ניין, מען מוז דעם מאל פארזיכטיג זיין, ניט אריין געהען, וואו ער וועט ניט זעהען מיט זיינע אויגען, אז אמאליע איז געווים דא. אבער גוט זעהען אין דיא פענסטער פון דעם צווייטען עטאזש איז ניט לייכט, שיידען ארויף קלעטערן אויף איינעם פון דיא ביימער, וואס שטעהען הארט ביים פענסטער. ביי דער נאכט זעהט זיך אינוויינינג גאנץ קלאר. ער קלעטערט ארויף אפילו זעהר שווערליך, אבער ער איז ארויף, איז געבליבען זיצען אויף אדיקען צווייג. זיך, אנהאלטענדיג אן דעם שטאם פון בוים. זיין געזיכט קומט יעצט אויס גראדע געגען פענסטער, ער זעהט אלעס קלאר, וואס אינוויינינג טהוט זיך.

אין דעם פענסטער, וואו ער קוקט אריין, זעהט ער אגרויסעס ציטער; פון דעם ציטער פיהרט אטהיר אין נאך אציטער; דארטען זעהט זיך אבעט, אויף וועלכעם עס ליגט אימיצער קראנק; דער ביא זיצט איין אלטעם פרויען-ציטער. ער זעהט, עס געהען ארום נאך מאנספערזאנען אונ פרויענציטמער; אין אזייטיגע קאמער, ווייט פון איהם זיצט אפריילין, וועלכעם שיינט איהם אמאליע צו זיין. ער זעהט, מען רעדט עפעס זעהר שטארק אונ מען האמפערט זיך איבער וואס. מיט אמאל גיבען זיך אלע אוואריף צום פענסטער, מען בלייבט שטעהען אין שרעקען אונ מען ווערט שטיל קוקענדיג אויף איהם.

נאר אויב דוא ווילסט וויסען, מיין ליבער לעזער, דיא אורזאכע פון זייער פלאצליכען שרעקען, טא קום אריין אינוויינינג; מיר האבען ניט וואס מורא צו האבען, אזוא וויא אראלף.

דאס קוואטיר פון ראגענפעלד איז צוטהיילט אין צוויא העלפטע: אין איינער, וואס וואר צום גאס, וואוהנט ער אליין, אונ אין דער אנדערן, וואס צום הויף אין גארטען, וואוהנט אמלמד. דיזער האט אפרויא מיט צוויא טעכטער; איינע פערהייראטהעט אונ איינע אלס פריילין. דיא פערהייראטהעטע ליגט יעצט אין קינפעט (קינדבעט) אונ נעבען איהר זיצט דאס איהר שוויגער, איין

אלטעס פרויענצימער. ביי איהם געפינט זיך איין אקעסטניק אאינגער איאהר צווועלף; ער געהט דא אין קלאס, און ביי איהם לערנט ער העברעיש. דער פאטער פון דער קינפעטארין קלעבט דאס איצטער אן שיר המעלות און מאכט אשטריך פון קרייד ארום די ווענד פון דעם צימער.

— וואס בעדייט דער שטריך פון קרייד, וואס איהר מאכט? — פרעגט איהם דער אינגעל, וועלכער זעהט דאס צום ערסטען מאל.

— וויא הייסט עס! דא איז דאך דא אקינפעטארין, — ענטפערט דער אלטער.

— איך פערשטעה ניט, — וואונדערט זיך דער אינגעל, — מיט וואס איז די קרייד אגעזונד פאר די קראנקע.

— דוא ביזט גאר אגולם, הלעבען! ערגערט זיך דער אלטער. — ווייסט דוא דען ניט, אז דאס איז אמחיצה, די שדים זאלען ניט קענען אריין געהען.

דער אינגעל קוקט איהם אן פערוואונדערט.

— וואס קוקסט דו וויא אגולם? — פרעגט דער אלטער.

— הערט וואס איך וועל ביי אייך פרעגען: ווער איז שטארקער אמענש צו אשד?

— אנייע שאלה! געוויס איז שטארקער אשד; וואס איז דאס פאר אניים?

— טא וועל איך ביי אייך פרעגען אקשיא: איך האב ניט לאנג געלייענט, אז אין 70 טען יאהר האבען די פרייסען בעלאגערט פאריז, און די איינוואוהנער פון פאריז זיינען געוועזען אין גרויס שרעקען, — טא וואס האבען זייא זיך געדארפט אזוא פיל שרעקען? האבען זייא געזאלט ארום פיהרען אשטריך פון קרייד ארום שטאדט, וואלטען שוין די פרייסען ניט געקענט צו קומען, און אמעשה מיט אסוף! דא איז דאך אממה נפשך; מה דאך אז דאס איזוגעגען שדים גוט, וואס זייא זיינען שטארקער פאר מענשען, איז דאך געגען מענשען אודאי גוט, אפשיטא דפשיטא!

די ווייבער זיינען געבליבען שטעהען פערוואונדערט; דאס איז דאך טאקע אקשיא בנאמנות. זייא ווארטען וואס וועט דא דער אלטער איהם געבען צוא ערקלערען. נאר ער האט איהם געענטפערט מיט צווייא ווארטער:

— וואס זאל איך מיט דיר ריידען? דוא ביזט אגרויסער באלוואן און ווייטער גאר נישט.

— ווייטער וועל איך ביי אייך פרעגען נאך אקשיא: וואס קריידט מען אן דא ביי אקינפעטארען און ניט אין אנדערע הייזער?

— ווייל שדים האבען האלט צוא גנבנען קינדער, — איצטער פערשטייסט דוא שוין?

— אויף וואס דארפען זייא די קינדער? איך האב געהערט, אז לייט בעקלאגען זיך, אז זייא האבען גרויסע צרות פון קינדער, — צוא וועלכע שווארציאהרען דארפען זייא די צרות? הא?

— הײנט װאס זאל איך מיט דיר רײדען ? דו א ביזט אגראװיסער שוטה , און װײטער גאר ניששט .

— עס קען זיין , דאס איז גאר אליגען . דיא שדים גנבנען גאר קײן קינדער ניט .

— נײא שוין נײא , משוגענער , — רופט זיך אב דעם מלמדס װײב . — אנײער אבקלער , שדים גנבנען שוין גאר קײן קינדער ניט . װאס דיא שקצים קענען זיך אב זאגען , איז טאקע פון זײא ניט אױס צו האלטען , חלעבען !

— װיא ? — רופט זיך אב דיא אלטע , װאס זיצט נעבען דער קינפעטארין — װיא ? דער יונגאץ גלױבט ניט , אז עס איז פראגען געהאפטע קינדער ?

— אודאי גלױבט זיך דאס מיר ניט , — ענטפערט דער אינגעל .

— נו װעל איך דער צײלען , װאס איך האב אלײן געזעהען . פאר מיר אין דיא אױגען האט זיך פאסירט אזא מעשה .

— איהר האט אלײן געזעהען , אשר ?

— געזעהען דעם שד האב איך ניט , — איך װעל קײן ליגען ניט זאגען — נאר איך האב געזעהען , װיא דאס קינד איז ניט געװארען . דאס איז געװען אזא מעשה : בײא אײנעם אשכן האט זיין מײדעל געהאט אקינד .

— אמײדעל האט געהאט אקינד ! — װאונדערט זיך דעם מלמדס װײב .

— איך װאונדער זיך דאס טאקע אױך . נאר װיא דיא מעשה איז , האט פארט געהאט אקינד . מילא בקיצור , װאס זאל איך אײך אפולע ברײען ? דיא מײדעל האט געהאט אקינד . און עס איז געװארען אקלאג : שטײטס , מען װעט זיך דער װיסען , זא איז זיא דאך אונגליקליך . . . זיא װעט דאך קײן שידוך ניט קענען טאן , שרײט חי וקים . . . . עס איז שלעכט און שלעכט ! ערשט דיא זעלבע נאכט איז זיא געװען אלײן אין צימער . . . . זיא האט אײנגעשלאפען , האפט זיך אױף . . . גיט אקוק , — דאס קינד איז ניטא . . . ניטא און ניטא ! דער פענסטער איז געװען אפען . . . נו פערשטעהט מען דאך , אז דא האט זיך ארײן געמאכט אניט גוטער . . . ניט דא געדאכט . . . ניט היגע געדאכט . . . װיא דיא ערד שװײגט , אזױא זאל אלל דאס בײז שװײגען .

— איך קלער , — זאגט דער אינגעל , — אז דאס האט געמוזט קומען איהר געליבטער , האט צוא גענומען דאס קינד און אװעק געטראגען אין אפאלים פון אשול , אום פטור צו װערען פון דעם פעקיל צרות .

— שװײג שוין , שװײג , יונגאץ אײנער ! — שרײט דיא אלטע . — װאס ער האט דא אנגעפלױדערט ! פון זײערע קרומע מוחות איז ניט אױס צו האלטען . מען זאגט זײא אגלײכע זאך , נײן , בײא זײא מוז אױס קומען סיװארט נא װיװארט , פערדרײט און פערקרימט . נו טאטע דערבארעמדיגער !

— אױ , עס חאפט מיר אן אשױדער , — רופט זיך אב דיא קראנקע קינפעטארין מיט איהר שװערע שטימע .

— זארג נישט, זארג נישט, מיין טאכטער! דיר וועט נישט שאדען. דיא וועגד איז שוין ארום געבריידט אונ ווייטער זיטץ איך דאך לעבען דיר... איי איי איי!

דא האט פלוצלונג דיא אלטע גענומען שרייען אין גרויס שרעק.

— וואס איז? וואס איז? — האבען דיא אללע איבעריגע גענומען שרייען אונ זיינען האסטיג צו געלאפען צו איהר. דיא אלטע האט פון שרעק ניט געקענט צוואֹרט ארויס ריידען, זיא האט קוים געקענט ווייזען מיטן פינגער אפען פענסטער. אללע האבען אקוק געטאן אונ זיינען געבליבען שטעהן וויא פון אדונער געטראפען. זייא זעהען, עס שטעהט פון יענער זייט פענסטער א פיגורע מיט צפאר אויגען, מיט אשפיץ צפען קאפף אונ דאס איז ביין צוויטען עטאז...

דער ווייל דיא קינפעטארין האט געהאלעשט. אנדערע האבען איהר געגומען מינטערין אונ אנדערע האבען זיך ניט געקענט אריהר טאן פון ארט פון שרעק.

דער ווייל דער אינגעל, דער יונגאץ, איז אראב געלאפען פון דיא מירעפ, ער האט זיך געלאזט לויפען זעהען דעם שד. אין שטוב איז דא דער ווייל געוואֹרען אלארעם, אגעפילדער, עס זיינען אנגעלאפען דיא שכנים פון ראגענפעלדס פאמיליע. מען לויפט ארום איבער דיא צימערין הין אונ צוריק. אונ מען קוקט שוין מעהר אין פענסטער ניט; דען יעדער האט מורא צו קוקען אויף אניט-דא-געדאכט.

וויא מיר ווייסען, וואר דיזע פיגורע ניט קיין אנדערע וויא אדאלף, וועלכער האט דא נאך געקוקט, צו וועט ער ניט דער זעהען זיין אמאליען. ער האט געטראגען אפען קאפף אבאשליק, אונ דאס האט זייער שרעקען שרעקליכער געמאכט. וויא ער האט דער זעהען דעם טומיל, וואס דא איז געוואֹרען, האט ער אשוידער געטאן. נו, זאגט ער, באלד וועל איך שוין ווייטער האבען גרויסע קלאגען. מען וועט מיך געוויס האלטען פאר אגנב... מען וועט מיך האפען, דאן בין איך פערלארען. ער איז האסטיג אראב פון בוים אונ איז ארויס פון גארטען. דער שרעקען פאר דעם טייוועל האט יענע ניט געלאזען אראב לויפען צו איהם אונ דאס האט אים גערעטעט. ער איז גלייך ארויף אפען גאס פון ראגענפעלדס קוואטיר, ער זעהט עס איז אטוביל אין איינגעלאף פון טענשען. ער האט זיך דאס צום נוטצען געמאכט אונ איז אויך אריין אין דער קוואטיר גאנץ אונגעשטערט. יעטצט וועט ער שוין דער זעהען אמאליען.

ער איז אריין בייא זייא אין שטוב, האט זיך גוט ארום געקוקט, האט אויך געזעהען דאס פריילין, דעם מלמדס מיידעל, וועלכע וואר זעהר שיין אונ האט איהם ערמאנערט אן אמאליען, — אבער דאס וואר ניט אמאליע אונ ער איז אוועק אויף זיין קוואטיר פול ביטטערין פערדרוס.

37.

דיא ליעבע איז בלינד.

אדאלף האט שוין צווייא מאל געהאט אטעות, אונ דיזע צווייא טעותן האבען איהם פיל פערדרוס פערשאפפט. עס איז שוין בעוואוסט, אז מען זאגט אמענשען אזאך, וואס איהם ווילט זיך, זא איז ער שוין איבערציינט, אז דיא זאך איז שוין ווירקליך אזויא, ניט אנדערס: אונ אויב עס מאכט זיך דרינען אנדערע ערשיינונגען, וואס בעווייזען פונקט פערקעהרט, גיט ער דארויף ניט אכט, אונ ער געהט זיך זיין וועגס, וויא ער האט זיך פריער פעסט געזעצט. שמשינס בריף האט איהם געזאגט, אז אמאליע איז אין אדעססא, זא איז ער געקומען אין אדעססא. ער האט געזוכט אנאמען קארענפעלד, האט איהם געפונען, גוט; ער זעהט אפריילין, פון ווייטען אהנליך צו אמאליען, געהט אין דיזעס הויז, זא איז געוויס, אז דאס איז אמאליע, וואס וואוהנט ביא דעם קארנפעלד. חאטש קארענפעלד האט גאר געוואוהנט אפען צווייטען עטאז, אונ ביא איהם האט קיין פריילין געוואוהנט, אונ דיא פערמיינטע אמאליע איז גאר געוועזן אפרויא פון איין אלטען מאן אפען פירטען עטאז. אדאלף האט ניט געענדי נאך נעפארשט אונ איז געגאנגען גלייך אהין, וויא זיין פאנטאזיע האט איהם פארגעשטעלט, — איז איין געפאללען אין דיא האנד פון איין אייפערזיכטיגען מאן אונ האט געהאט גרויסע צרות. דער אנדער נאמען וואר ראגענפעלד. וויא באלד אז ראגע אונ קארין איז איין זאך, זא איז דאס דער מאן, וועמען ער זוכט. ער האט נאך געקוקט פון גארטען, האט גיזעהען אפריילין, אהנליך צו אמאליען, זא איז ער ווייטער זיכער, אז ער האט איהר שוין געפונען, חאטש דער ראגענפעלד האט געוואוהנט אפארט אין זיין קוואטיר צום גאס, אונ דאס פריילין וואוהנט ביא איהר פאטער אין דעם קוואטיר, וואס צום הויף. גראד יעמאלט ווען ער קוקט נאך, איז דארטען געלעגען אקינפעטארען. עס ווערט אגעשפרעך פון שדים, מען דער זעהט איהם, עס ווערט אשרעק אונ אטומיל, אונ עס האט פיל ניט געפעהלט מען זאל איהם האפען אונ רעכנען פאר אגנב. נאר דער שרעק, וואס זייא האבען געהאט, האט זייא אבגעהאלטען צו לויפען נאך איהם אונ ער האט זיך ארויס געוויקעלט פון נאייע קראגען. אויף איהם איז מקוים געווארען דער שפרוך:

דיא ליבע, דאס הימלישע קינד.
איז אויף ביידע אויגען בלינד.
האהבה בת — השמים
היא יפעה עורת עינים.

צווייא מאנאט איז אדאלף פערבליבען אין אדעססע, האט איטמער

נאך געמאכט זייגע אונטער זכונגען ; ער האט אבער גיכטס געפונען . ער האט זיך אבער איבערלעגט , אז די אדרעססע האט געמוזט זיין א טעות ; שמשין האט געהאט אנגעשריבען צוויא בריפע איינעם צו דער טאכטער אונ איינעם צוא איין אנדערען אין אדרעססא , אונ האט פערביטען די בריפע . אונ דיזער טעות האט איהם פערשאפט אזויא פיל צרות אונ פערדרוס .

ער האט געפילט , ער ווערט קראנק . ער איז גלייך אוועק געפאהרען אהיים אונ האט זיך געלייגט צו בעטט .

האראץ אייזבערג האט געווארט , אז אדאלף וועט קומען ראזאצאראוועט אין גאנצען , וועט ער זיין העכסט אויפגעבראכט אויף אמאליען , וועלכע האט איהם פערוווארפען אונ , וויא עס זעהט אויס , זיך נאך אויס געלאכט פון איהם ; אלזא וועט ער שוין וועגען איהר גאר ניט טראכטען אונ וועט גערין טאן דיא פארטיע מיט פריילין אייכענשטאם . אדאלף איז אבער געקומען אקראנקער , אונ דיא קראנקהייט האט מעהר אונ מעהר צו גענומען , זא איז יעצט קיין צייט צו טראכטען וועגען פארטיען . מען דארף זעהען צו טאן וואס יעצט נייטיג איז , אנווענדען אללעס , וואס מאגליך איז , איהם געזונט צוא מאכען .

אדאלף האט געקראגען אהיטין קראנקהייט אונ אין דער היטצע פלעגט ער ריידען אימער שלעכטס געגען שמשין שטערין אונ זיין הויז , פלעגט זייא זידלען אונ שימפפען , אונ בעדראהען , אז ער וועט זיך מיט זייא אברעכנען פאר אללע פערדרוס , וואס זייא האבען איהם פערשאפט . ווידער געגען מאטילדען האט ער קיין שלעכטס גערעדט ; נאך פערקעהרט , עס פלעגט זיך איהם אב דוכטען , ער אונטערהאלטעט זיך מיט איהר אונ ערקלארט זיך איהר אין ליבע . האראץ האט דאס געזעהען , האט עס איהם זעהר געפרייט , אז אדאלף איז דורך דריגגען מיט טיפע שנאה געגען שמשינ׳ס הויז אונ איז אזויא געניינט צו דער פאביקיע אייכענשטאם . וויא עס זעהט אויס , געהט אללעס , וויא געוואונשען . איצטער פעהלט מעהר ניט , ער זאל געזונד ווערען .

דיא צייט געהט פארווערטס . עס איז שוין מעהר וויא אמאנאט , זינד אדאלף איז געקומען אהיים . ער הייבט זיך שוין אן צו בעססערען אין געזונד . איצטער דארף מען איהם לאזען בייא דער איבערצייגונג , אז אמאליע איז אויס . דאצו איז נייטיג , איהם קיינע געלעגענהייט צו געבען צו בעגעגענען זיך מיט וועמען פון שטערינס הויז . אונ וויא מען היטעט איהם יעטצט אב מיט דיעט , אזויא דארף מען יעטצט אבהיטען , אז דיא מענשען , וועלכע קומען אריין צו איהם , זאלען ניכטס רעדען פון שמשין שטערין ; אונ ווען ער וועט גאר געזונד ווערען , זאל מען איהם ניט לאזען ארויס געהען אליין , אום ער זאל ניט פערבלאנדזשען אהין .

עס איז פאראיבער נאך אוואך אונ צווייא . אדאלף איז שוין פאלקאמען געזונד ; ער פאהרט שוין ארויס אין שטאדט , אדער דער פאטער לאזט איהם

ניט אב פון זיך . מען שרייבט שוין צוא מאטילדען , אז זיא קען זיך שוין ריכטען אויף תנאים ; האראץ האט אדאלפען געפרעגט , אונ ער האט געשוויגען , טא וואס דארף מען מעהר ?

עס איז שוין באלד פיר מאנאטען זינד זייא זיינען אללע פאנאנדער געפאהרען . אמאליע איז נאך איממער דארטען בייא איהר טאנטע . דער פאטער האט ניט פערלאנגט , זיא זאל קומען , זא איז זיא נאך לאנגער דארטען פערבליבען . זיא האט געוואוסט , אז אדאלף איז נאך ניט געוועזען געקומען , זא האט זיא ניט געהאט נאך וואס צו איילען זיך . זייער פריינדין , וואס דבורה יהודית האט זיך מיט איהר קאררעספאנדירט , האט איהר געשריבען , אז אדאלף איז געקומען , נאר ער ליגט צוא בעט קראנק . דיזען בריף האט זיא אמאליען ניט געוויזען , אונ זיא האט געבעטען איהרע פריינדין , זיא זאל איהר שרייבען , אז אדאלף איז נאך ניט געקומען ; נאר ווען ער וועט ווערען געזונד , זאל זיא שרייבען , אז ער איז ערשט געקומען צוא פאהרען , דאן וועלען זייא אויך קומען אהיים , האטש שמשון מעג זיך ניט וועלען .

אמאליע איז שוין לאנג געווארען געזונט . היינט ווייס זיא , אז אדאלף איז געקומען צו פאהרען , זא קלייבט זיא זיך שוין אויך צוא פאהרען אהיים , פיללייכט וועט ער זיא בעזוכען , אונ ווען ניט , וועט זיא זוכען צו זעהען זיך מיט איהם .

38

די בשורה פון דעם קינד .

זונדל פוכס זיטצט בייא זיך אין זיין וואוהנונג , אויף אשטוהל , האלט די פיס פערוווארפען אויף נאך אשטוהל , רויכערט אציגאר אונ לאזט קנוילען רויך . ער דענקט נאך אן אללע זיינע פלאנער , וואס ער האט געטאן אונ וואס ער האט נאך צוא טאן . ער האט שוין ערפאהרען , אז אמאליעס מוטער זוכט אדאלפען , אונ אז זיא זוכט איהם , וועט זיא איהם געוויס געפינען . דאן ריידען זייא זיך צו זאמען , אונ עס פאלט איין דאס גאנצע געביידע , וואס ער האט געבויט . איין אונגליק דאס איז געוועזען אדאלפס קראנקהייט ; די בעסטע צייט איז פערבייא אונ יעטצט קען אללע טאג קומען אמאליע , וואס טהוט מען יעצט ? וואס פאר אשווינדעל געפינט מען עפעס יעצט אוים ? נאך איין שטיקעל צו פאלל אנוטער איז יעצט גייטיג , אונ די צייט איז זעהר דרינגענד .

מען האט אנגעקלאפט אין טהיר , עס איז אריין פייקע .

— א , פייאינקע ! — רופט ער אוים פריידיג , — נוט וואס דוא ביזט געקומען ; נאר אז דוא ביזט געקומען , געוויס האסט דוא פאר מיר גיים .

— מיר ערווארטען , די טעג דארף קומען אמאליע מיט דער מוטער .

— זיא קומט געוויס ? ווארום ?

— ערשטענס איז זיא דארטען ביי דער טאנטע זעהר לאנג, שוין באלד אחדשים פיר; וויא פיל איז דער שיעור? אונ צווייטענס שרייבט דיא מוטער, זיא איז דארטען ניט געזונט, ווייס איך? נאר אין אמתן איז דא איין אנדער אורזאכע, וויא איך פערשטעה.

— וואס?

— דאס האב איך דאך אייך ערצאהלט, אז דיא אלטע שרייבט זיך דא מיט אידרע אפריינדין.

— דאס ווייס איך, יע, אונ דיזע פריינדין שרייבט איהר אלעס, וואס דא טהוט זיך מיט אדאלפען...

— אלזא פערשטעה איך, אז דיזע פריינדין האט איהר געשריבען, זיא זאל באלד קומען.

— נו יעצט וועט זיך אנהייבען אנייע מלחמה, — רעדט ער צו זיך. — זאג זע מיר, פייאינקע, וואס איז מכח יענער מיידיל?

— מיט דער, צו וועלכער אדאלף פלעגט געהן?

— יע, דוא זעהסט דיך נאך מיט יענערס הויז מיידעל?

— געווים. מיר זיינען שטארק בעפריינדעט. וויא געפעלט אייך אמעשה? יענע מיידעל איז דאך שוואנגער.

— אזויא! אזויא! וואונדערט זיך פוכס.

— יע, אונ זיא איז היינט אין דיא לעצטע מאנאטען. פריער האט מען דאס ניט געקענט וויסען, אונ היינט ווייס מען אויף קלאר.

— פון וועמען זאל דאס זיין? צו איז דא ניט אראקף דרינען.

— דאס קען ניט זיין. ער איז דאך מיט איהר ערשט בעקאנט געווארען פאר פיר מאנאטען צוריק.

— אשיינע חתינקע איז דארטען, עס מאכט ניט אויס. הה הה! זאג זע מיר, פייאינקע, וואס קלערט זיא טאן מיט דעם קינד? דוא מוזט דאך וויסען; וויא זיא וויל איהם האדעווען?

— וואס רעדט איהר, העיר פוכס! זיא וועט דאך זיין אונגליקליך ציית לעבען.

— וויא דען? האדעווען ביי אין אנדערען?

— אויך ניט.

— וואס דען?

— זיא וועט איהם אונטער ווארפען צום פאטער פון דעם קינד.

— צום פאטער זאגסט דוא? — פרעגט ער מיט שרעקען

— אודאי צום פאטער, וויא דען? ווער דען זאל האדעווען אקינד, אז ניט אפאטער? ער מוז זיין אגוטער פאדלעץ אזא טאטינקע. פערפיהרט איין אונשולדיג קינד אונ ווארפט איהר נאכדעם אוועק. אי אייערע מאנסבילין! שיינע מענשען זייט איהר, ניטא וואס צוא ריידען.... מען דארף לויפען פון

אַזעלכע הינד אַט וויא פון אַפּעקט, אויף מיינע נאמנות. מען זאָגט, אַז פערצייטען פלעגט מען אַזינדיגען פערשטייניגען מיט שטיינער... איך וואָלט אַזאַ אוים וואורף וואַרפען דעם ערסטען שטיין.

זונדל האָט געזעהען, אַז דיזע ווערטער איהרע געהען גלייך אויף זיין אַדרעסס, חאָטש זיא האָט אַליין ניט געוואוסט. ער האָט איהר ניט איבער געשלאָגען; דען ער איז געוואָרען אַצומישטער דער פון, אַז מען וועט דעם קינד ברייגען צו איהם. ער האָט זיך אַהייב געטאָן פון שטוהל פון אויפגערעגטהייט, נאָר ער האָט זיך גלייך צוריק געהאַלטען. ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס פייקע איז: זיא קען אָן איהם גלייך בעמערקען, אַז ער איז דאָס דער יעניגע, אונ דאָס לויגט פאַר איהם ניט. ער זאָגט איהר, ער דאַרף וואָס פערצייכנען אין זיינע ביכער, אונ איז גלייך אַריין אין איין אַנדער צימער. דאָ האָט ער געגוריען אַרום געהען אין העפטיגער בעוועגונג, האָט געשריעט מיט דיא ציין, געבאַלט דעם פויסט. ער איז געווען אין כעס אויף רחלען, אין כעס אויף זיך אונ אין כעס אויף דיא גאַנצע וועלט. ער האָט זיך אַוועק געשטעלט ביין פענסטער אונ האָט זיך פערטראַכט. ענדליך האָט זיך בעוויזען אַשמייכעל אויף זיינע ליפּפּען, אַשמייכעל וואָס מעהר וויא דער אַשכנזאי לאַכט ניט אַזוי. נאָכדעם האָט ער זיך הויך פאַנאַנדער געלאַכט.

פייקע האָט דאָס אַלץ ניט געזעהען, דען זיא וואַר אין דעם פאָרצימער.

— הער פוקס, איך קען שוין אַוועק געהען? — פרעגט זיא איהם.

— נאָך ניט, וואַרט אַווילע.

אין איינגע מינוטען אַרום איז ער אַרויס געגאַנגען גאַנץ גלייכגילטיג, נאָר וויא עס וואָלט גאָר נישט געוועזען.

— וואָס? איך זאָל איהר אפשר אָבשלאָגען דער פון?

— פון וואָס? — מאַכט ער זיך ניט וויסענדיג.

— אָט פון דעם, וואָס זיא וויל אונטער וואַרפען דאָס קינד דעם פאָטער פון דעם קינד.

— נאָר אַניים! מיינע דאגות פאַר יענעם! לאָז זיא טאָן, וויא זיא וויל. צו אונז איז דאָס גאָר ניט שייך.

— נו, אַגוטען טאָג, הער פוקס.

— וואַרט, נעה נאָך ניט אַוועק, פייע. איך האָב מיט דיר נאָך וואָס צו ריידען, אונ טאַקע וועגען דיר.

— וועגען מיר אַליין גאָר? — וואונדערט זיא זיך.

— יע יע, פייע; וועגען דיר איז אויך דאָ וואָס צו ריידען. הער צו, דו ווייסט, אַז אדאלף קען זיך דער וויסען פון דער מעשה, וואָס מיר האָבען איבער געביטען דיא קאָנווערטען?

— איך האָב דאָך דאָס געטאָן, וואָס איהר האָט מיר געהייסען.

— יע, אמת. אָבער ער וועט שטאַרק פעראיבעל האָבען דער פאַר.

וואס מען האט איהם מטריח געווען צו פאהרען אזוא ווייט . . . אוים געבען געלד . . . זיך וועלגערן אין דער פרעמד . . . האבען אסך הארצוויייטאג , פון וועלכע ער איז קראנק געווארען . . . אונ איבערהויפט , וואס מען האט זיך פון איהם אויסגעלאכט ; . . דוא פערשטייסט ?

— וועט ער דאך אויף אייך אויך האבען פעראיבל .

— דאס איז אמת ; אבער מיר קען ער גישט טאן . אונ דיר קען ער טאן אסך . ער איז מיט פאליציייא וויא מיט ברידער . ער וועט שוין געפינען א מיטל , וויא דיך אריין צו שפארען אין טורמע .

פייקע איז געווארען בלייך פון שרעק . אין טורמע וויל זיא זעהר ניט זיטצען . פוכס זעהט , זיינע רייד האבען געמאכט ארעכטע ווירקונג . זאגט ער ווייטער : — יע אונ דער יונגער מאן , וואס ליבט זיך מיט דיר , האט זיך עפעס ארויס געמאכט פון פריזיוו אונ אדאלף וויים דער פון . . . פערשטייכט דוא , וואס עס קען זיין ?

— איך האב דאך אבער נעטאן אייער פערלאנגען , דארפט איהר דאך מיך דורך טראגען , — זאגט זיא ציטערנדיג מיט אוויינגדיכער שטימע .

— אט דאס רייד איך דאך מיט דיר אלם גוטער פריינד אונ וויל דיך העלפען .

— א , אדאנק אייך , נו וואס דארף איך טאן ?

— פאר דיר איז קיין אנדער מיטל ניטא , וויא אוועק צו פאהרן פון דאנען .

— אוועק פאהרען , זאגט איהר ? אונ אוועק ווארפען דיא שטעלע ?

— ניט אנדערש .

— אונ ע ע ע . . . יאסעל ?

— דוא רייד מיט איהם אב , איהר זאלט פאהרען צו זאמען .

— א יע , ער וויל טאקע פאהרען ; נאר ער האט ניט מיט וואס .

— איך וועל דיר געבען , וויא פיל דוא דארפסט אונ איהר זאלט אוועק פאהרען .

— זאל איך שוין געהען בעטען רעכנונג ? אונ דער אלטער וועט מיך נאך ניט וועלען אוועק לאזען אויך .

— דוא וועסט אוועק פאהרען פלוצלונג , זייא זאלען ניט וויסען פון קיין זאך . פארשטייסטו ? דאן מאכט דאך שוין ניט אוים , אז דער אלטער וועט ניט וועלען .

— ווער איך דאן אן מיינע געצאהלט .

— דוא ביזט גאר אנאר , חלעבען . ניט שוין דארף מען דיר אללעס אין מויל אריין געבען . איך זאג נאר איין זאך : דוא זאלסט אוועק פאהרען אונ דווקא פלוצלונג .

— ווען ?

— דוא מאך זיך ריינע פערטיג דארטען מיט דיין יאסלען , אונ דוא וועסט פאהרען , ווען איך וועל דיר זאגען , דאס הייסט , ווען איך וועל דיר געבען

געלד . איצטער , פּיאינקע , קענסטרו געהען . איך האב שוין מיט דיר אללעס אבגערעדט .

פייקע איז אוועק געגאנגען .

— לאז זיא פאהרען פון דאנען , — רעדט פוכס צו זיך , מיר לוינט ניט , זיא זאל מיר זיין אפּען אויג ; זיא קען מיר איינוואַרפען אללע מיינע פלאנער . איך וואלט אויך וועלען זיא זאל האבען אביסל צרות פאר איהרע פריערדיגע רייד , וואס זיא האט זיך אזוא צוגאסען געגען מיר . נו גענוג וועגען דעם . איין רעדל איז שוין אנגעשטעללט , איצטער דארף מען געהען אנשטעללען נאך ארעדל אין דער מאשינע , וואס דארף יעטצט נעהמען ארבייטען .

ער איז גלייך אוועק געגאנגען צום שדכן שפטל שבנא .

39

דער טייוולשער פלאן .

— גוט מארגען , ר' שפטל שבנא , — זאגט פוכס אריינגעהענדיג צום שדכן .

— גוט יאהר , הערר פוכס , — ענטפערט איהם שפטל שבנא . — זיטצט , קיינער איז ביי מיר יעטצט ניטא . מיר קענען ריידען אונגעשטערט . נו וואס הערט זיך ? אז איהר קומט , סטתמא ברייגגט איהר עטוואס נייס , אונ נאך געוויס גוטע הא ?

— אונזער זאך שטעהט נאך גאנץ שלעכט , ר' שפטל .

— אשרעק , וויא איהר זעהט מיך אאידען ! איך זעה דעם ערשטען מאל אין מיין לעבען , אשידוך זאל צו געהען אזוא שווער . אמשונקאווישין , חלעבען . פון אנהייב איז צו געגאנגען אזוא לייכט . . . צווייא שדכנים בעגעגנען זיך . . . ביידע ריידען איין שידוך . . . דיא כלה שיקט צום חתן אשדכן , דער מחותן שיקט צו דער כלה אשדכן . . . דאכט זיך , איז דאך שוין גאר אין קעסינע , מיט אמאל אזעלכע שווירינקייטען ! . . . אונ אזא טייערער שידוך . . . מען קען דא אריין רייסען אשיינע מטבע , מיט אמאל אזעלכע פערדרייעניסען !

— שייך פערדרייעניסען ! עס האלט נאר , עס זאל גאר נישט ווערען .

— אוי וויא , איין אונגליק , חלעבען ! אט איז דאס דיא פערפלוכטע ליבע אין שווארציאהרען . . . אז אויס געעקרט זאל זיא ווערען מן השורש . . . איך ווער אן ארובל אנדערהאלבען טויזענד אדער מעהר פון קעשינע בארעס געלד . שלעכט !

— ביטער וויא גאל .

— איז דען גאר קיין מיטל ניטא ? דער מאנט זיך ; דיא כלה וויל דעם שידוך , דער מחותן וויל , דער חתן וואלט אויך וועלען , ווען ניט יענע פערפלוכטע ליבע ... נו , דארטען איז דאך שוין געווארען ביי זייא אפערדרייעניס .

— עס האט אבער ניט אויסגעגאלטען . יעטצט איז נאך פראנען אמיטל ,

ר' שפטל, אבער איהר דארפט מהאטיג זיין דערינגען אביסל.

— איך וועל טאן אלעס אין דער וועלט, העררר פוקס. איך וויים דאך, אז עס איז קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף... דארף מען טאן... דארף מען ארבייטען מיט דער זעלע. וויא הייסט עס... וויא דען?

— נו גוט, — זאגט פוקס; — זאגט זע מיר, ר' שפטל, איהר געהט דאבנען?

— וויא הייסט עס! וואס איז דאס פאר אפראגע? וועלכער שדכן געהט דאס ניט דאבנען? עס טרעפט זיך מען בעגעגנט זיך מיט נאך אשדכן אונ עס ווערען געבויט בנינים עדי עד.

— איהר טרעפט זיך ווען מיט שמשין שטערן?

— אט מיט דעם פאטער פון יענער מיידעל, וואס האט פערדרייט אדאלפען דעם קאפף?

— יע, יע, איהם מיין איך דאס טאקע.

— וואס זאל איך מיט איהם ריידען? ער וויל דאך אויך ניט... ער האלט דאך אויך ניט פון דער פערדרייעניס מיט אדאלפען.

— ניט דאס מיין איך. דא דארף מען ארבייטען גאר זייטיג, פערשטעהט איהר מיך. אלזא איהר זעהט זיך מיט איהם?

— א, זעהר אפט אין קרויז בין מנחה למעריב. ער גייט אלע טאג דאבנען. ער איז אמשכיל אונ אפרומער.

דא איז אריין גענאנגען שפטלס פרויא מיט זיין טאכטער, האבען זייא אויפגעהערט צו ריידען הויך. פוקס האט איהם אבגערופען אן אזייט אונ האט מיט איהם גערעדט בייא אפירטל שטונדע. שפטל שמייכלט.

— נו גוט, — זאגט ער, — עס וועט ווערען אבגעטאן, וויא איהר זאגט. אבער וויא אזוא דאס איז שייך צו אונזער שדוך, פערשטעה איך ניט.

— איהר וועט דאס וויסען שפעטער. אז עס וועט אלעס אויסגילטען, וויא איך האב ערסט אויסגערעכנט, וועט איהר יעמאלט זעהען, וואס פאר אמאכינאציאן דאס איז... אשווינדל, זאג איך אייך, דיא וועלט אוים.

— אונ עס וועט אוים גילטען?

— אויב יעדער וועט נאר ארבייטען, וויא איך האב אנגעשטעלט דיא מאשינע, זא איז אונזער פארטיע אויפגעבויט אונ איהר רייסט אריין פופצען אדער אכצען הונדערטער.

— איך פון מיין זייט וועל געווים טאן, וואס נייטיג איז.

— נו אבגעמאכט. אגוטען טאג!

זונדעל פוכס איז גלייך אוועק געגאנגען צו הארץ אייזבערג, האט איהם איבערגעגעבען זיין גאנצען פלאן, וואס ער האט יעטצט צו טאן, אונ האט איהם אויך געזאגט, אז ער דארף זיך זעהען מיט דעם פריקטאוו, וועלכער וועט דא אויך דארפען שפילען אראלע.

40

דער בעזעמניק.

דאס ליגט שוין אין דער נאטור פון מענשען: ער ליבט צוא זיין אין געזעלשאפטען. ווען ער איז אליין, געפינט ער זיך טרויעריג מוטהלאז; אין געזעלשאפטען מיט זיינעם גלייכען ווערט ער מונטער אונ לעבהאפט, אונ פערגעסט אלע אונאנגענעהמליכקייטען, וואס ער האט אין זיינעם לעבען. דיא רייכען מענשען האבען צו דיזעם צוועק טעאטרען, קלובען; דיא ארמע פון פראסטע קלאססע האבען שיינקען, אונ מען קען ניט בעשטימט זאגען: צו זייא ציהט אהין דער טרונק אדער דיא ליבע צוא געזעלשאפט. ביא דער ארמען קלאססע יודען איז זייער פערזאמלונגסארט דער קלויז, דער מנין אדער דער בית-המדרש, אונטער וועלכען נאמען איהר וועלט, רופט אן נאטעם הויז. דאס הויז איז אייגענטליך בעשטימט צום נאטבעטען אונ צום לערנען, אבער דער וויילע דינט עס צוא אנדערע געברויכען אים לעבען. דא געפינט זיך דער ארעמאן גאנץ אין זיינער היימאטה; ער געפינט זיך זיין גלייכען אונ קען זיך מיט איהם בעשפרעכען ביא גאנץ גוטער רוהע, אזוא וויא דיא רייכע לייט אין זייערע קלובען; ער פיהלט זיך אויך אלס מענש אונ רעדט פון זיינע מענשליכע רעכטען. ער דערצאהלט זיינעם גלייכען פון זיינע שלעכטע וועלטען, גיסט אויס זיין הארץ; יענער הערט איהם, פערשטעהט איהם, פיהלט מיט איהם מיט זיינע ליידען. אים ווינטער געפינט דא דער ארעמאן זיין צופלוכטס ארט (מקום מקלט) געגען קעלט: ביא דער ווארמע ליזאנקע זיטצען דיא אונגליקליכע אונ שמועסען זייער בעהאגליך; אהער ענטלויפען זייא פון דער נויט, וואס וויטהעט דער היים, פון דיא געשרייען פון זייערע קינדער, פון דיא קללות פון זייערע ווייבער; דא אטהמט דער ארמען פרייא אויף. נאטעס הויז דינט אויך צו פעריכטען אלע געמיינדע אנגעלעגענהייטען (צרכי צבור). מען מאכט דא אסיפות. אין דיא פרייע צייטען שטעהען דא גרופענווייז מענשען אונ מען דער צאהלט אייגאנדער ניים, וואס מען האט געהערט, וואס מען האט געלעזען. נאטעס הויז ביא אידען איז פון דיא העכסט נאטהווענדיגע זאכען אים לעבען, אויך אין וועלטליכע אנגעלעגענהייטען; אה! דעם קען דער יודע ניט עקסיסטירען; דא געפינט ער זיין טרויסט אין אלע זיינע שווערע צייטען; דא גיסט ער אויס זיין הארץ פאר גאט אונ פאר מענשען.

דעם זעלבען טאג, ווען פוכס האט זיך אונטערהאלטען מיט שפטל שכנא, זיינען געשטאנען אגריפפע מענשען אין קלויז בין מנחה למעריב אונ האבען געשמועסט, דערונטער וואָרען שמשון שטערן, רפאל יונה דער שכן אונ שפטל שכנא אונ נאך אנדערע.

עס זיינען זייא פארבייא געלאפען עטליכע קינדער מיט אלארם, אנגעפילדער.

אנדערע לאכען, אנדערע וויינען, אנדערע שרייען אזוי. די קינדער זיינען מיטטעגטהיילס ארעמע, אבגעריסענע, נאקעטע, בארוויסע, מיט פערשמאכטע ליפען; מיט בלייכע אויסגעדארטע באקלעך, מיט היילע קניע, הייעלע עלענבויגענס. איינער האט ארויס געריסען פון דעם אנדערן א שטיקל ברויט, עסט און לאכט, און דער אנדערער קראצט זיך און וויינט. איינער גיט דעם אנדערן א שטיקל בייגעל, דער חאפט מיט פריידען און נעהמט עסען, ערשט דאס איז גאר א שטיקל ליכט. ער יאגט זיך נאך נאך איהם, עס ווערט א געשלעג; דער שמש טרייבט זיי פאנאנדער. איינגע שטעקען איהם ארויס די צינג, אנדערע שרייען איהם פייגען און עגגלייטען.

— דאס זייט איהר אלין שולדיג, ר' רפאל יונה, — רופט זיך אב שמשין שטערן מיט א שמייכעל: — ווען ניט איהר שדכנים, וואלטען ניט געקומען אויף דער וועלט אזוי פיל הונגעריגע מאגענס, אזוי פיל פערשמאכטע ליפען, אזוי פיל בארוועסע פיסלעך.

— יע, — רופט זיך אב נאך איינער פון דער גרופפע, — דאס איז פון די גרעסטע צרות, ווען די ארמע לייט האבען פיל קינדער. וואס וועט פון זיי ווערען? וויא זיי וואקסען אונטער, לויפען זיי אפען מארק, שלעפען פון די קעסינעס, פון די וואגין... עסען ווילט זיך... די נשמה קען מען ניט אויס שפייען. אט לעבען די מענשען, וויא די ווילדע חיות: מען חאפט און מען עסט. און וואס ווערט שפעטער? פון די קליינע קיסעניקעס ווערען נאכדעם גרויסע גנבים, פערברעכער. איינגע בלייבען שטענדיגע איינוואוהנער פון די טורמעס, פון קיבירייען, און אנדערע, וועלכע עס גילט אויס, קומען אין פעדערן און רוקען זיך אריין אין די רעדעלפיהרער פון שטאדט און מאכען אן גרויסע חורבונות (פערוויסטונגען). און דאס זיינען אלין שולדיג די שדכנים.

— איך מיין, — רופט זיך אב שפטל שכנא, — וואו עס איז ניטא קיין שדכנים, איז נאך ערגער. וואו מען שדכנט זיך אליין, קומט ארויס דער פון, אז אין די פאליסען פון די קלויזען געפינט מען קערבעלעך מיט לעבעדיגע וועזען, וואס מען ווארפט אוועק אין דער וועלט אויף גרויסע צרות, שאנדע און פערברעכען.

— אפאלשע וועלט, וויא איך בין א איד! — רופט זיך אב נאך איינער, — וואו מען דארף ניט איז דא, און וואו מען דארף יע, איז ניטא.

— יע, — זאגט איהם נאך שפטל שכנא, — וואו עס איז ניטא וואס צו עסען, איז דא מיילער; וואו מען וויל געבען, איז ניטא ווער עס זאל נעהמען.

— ווער וויל דאס? — פרעגט שמשין, — איך פערשטעה ניט: ניט שוין איז נאך פראגען אזעלכע, וואס ווילען האבען קינדער?

— געוויס. די בעזדעטניקעס ווילען יע האבען קינדער; וואס איז פאר אניים?

— אז זייא וואלטען זיך אנזעהען, וואסערע צרות מען האט פון זייא וואלטען זייא ניט ווערען;

— זייא זעהען זיך יע אן אונ זייא ווילען פארט, זאגט שפטל שכנא.

— ווייזט מיר חאטש איינעם, — זאגט שמשין, — איך מיין, עס איז מעהר ניט וויא געזאגט... עט אין דער וועלט אריין; אבער אין דער ווירקליכקייט איז טאקע ניטא.

— אט אהרן גבריאל פעלדשטיין, דער בעזעדניק, — ענטפערט שפטל שכנא.

— ווער איז ער דאס דער אהרן גבריאל? — פרעגט רפאל יונה, וועלכער האט געוועלט מעהר ריידען וועגען איהם.

— איהר קענט ניט אהרן גבריאלן, דעם פלאכס האנדלער?

— וואו וואוהנט ער?

— ער וואוהנט אויף יענער זייט טייך אין זיין אייגענעם הויז. ער האט שוין אב געטאן אלע סגולות אין דער וועלט צוא האבען קינדער, — אונ עס האט נישט געהאלפען.

— איך פערשטייא ניט, — וואונדערט זיך רפאל יונה, — אט לאז ער נעהמען פון דיא ארעמע קינדער אונ לאז ער זייא האדעווען, וויא פיל ער וויל.

— דאס טחוט ער אבער ניט;

— וואס איז דער אונטערשייד? איך פערשטעה ניט;

— עס איז גאנץ איינפאך: ער וויל האבען אקינד, וואס זאל קיין אנדערן ניט קענען, וואס זאל איהם רופען פאטער אונ איהר מוטער.

— נו, אז דער אויבערסטער העלפט, פאר וואס ניט? — זאגט שמשין.

— אז עס וואלט ווער איהם אונטערווארפען אקינד, — זאגט ווייניג ער שפטל שכנא, — וואלט ער איהם צונעהמען מיט ביידע האנד אונ דאס קינד וואלט זיין גליקליך.

— פון וואנען ווייסט איהר דאס? — פרעגט נאך איינער;

— וויא הייסט עס, פון וואנען וויים איך! ער האט דאס מיר אליין געזאגט מיט זיין מויל. ער וויל טאקע, איך זאל זיך דאס איבערריידען וואו עס איז, אונ מען זאל איהם טאקע ברייגגען אקינד צו צווייא, אבער נאר אויף דעם אופן, אז דיא עלטערן זאלען זיך אין גאנצען ענטזאגען פון זייא.

— אך, דאס איז טאקע זעהר פיין פון איהם, — זאגט שמשין, — דער ווייטע וועלען זיין אפאר אונגליקליכע ווייניגער אויף דער וועלט. זעהר רעכט.

— נאך מעהר, — זאגט שפטל שכנא, — זיין קארידאר האט צווייא טהירען; ביי דער נאכט פערשפארט מען נאר דיא אינוויינגסטע, אונ דיא דרויסיגע לאזט מען לייז, אים צו געבען דיא מעגליכקייט צו אזא צו פאל וואס ער ווינשט.

— נו, — זאגט רפאל יונה, — עס איז גוט צו וויסען: אז עס וועט זיך מאכען אזא צופאל, וועל איך פערדינען אדאפפעלע מצוה: זייא שיינקען — א קינד אונ דעם אונגליקליכען קינד שיינקען גוטע עלטערן.

41.

דער אונגעבעטענער גאסט:

אין פיר טעג ארום איז געקומען צו פאהרען אהיים אמאליע מיט דער מוטטער. זיא איז אויסען געוועזען פיר מאנאטען צו גאסט ביי דעם פאטטערס שוועסטער, — וויא פיל נאך זאל זיא זיין? שוין גענוג.

וויא מיר וויסען, האט דבורה יהודית אללע מאל געהאלטען מיט דער טאכטער. דעסטא מעהר יעצט, ווען זיא האט געזעהען, אז זיא איז קראנק געווארען, וואס מען האט זיא גוואלדזאם אבגעריסען פון אדאלפען. זיא האט אנגעווענדעט אללעס, וואס נור מעגליך וואר, אמאליע זאל ווידער קענען צו זאממען קומען מיט אדאלפען, וועלכען זיא האט היינט גערעכענט וויינינגער שולדיג, וויא זיא האט פריער געמיינט. זיא האט געוועלט דעם מאן אויך צו דיזער איבערצייגונג ברייננען; נאר ער האט ניט געוועלט הערען. זא האט זיא גענומען טאן דערינען אלליין אונ האט זיך מיט איהר פריינדין געשריבען אז דיזע זאל איהר אויסקונפטע געבען, וואס עס טהוט זיך מיט אדאלפען. זיא האט פון איהר געוואוסט, אז אדאלף איז קראנק, זא האט זיא ניט געהאט, וואס צו איילען זיך צו קומען אהיים אונ טאן געגען דעם ווילען פון איהר מאן, וועלכער האט געמיינט, וואס לאנגער די טאכטער וועט אוועק זיין, דעסטא בעססער וועט עס זיין. יעצט אבער אז איהר פריינדין האט איהר געשריבען, אז זיא האט געזעהען אדאלפען אפען גאס, זא איז זיא גלייך געקומען מיט דער טאכטער אהיים אהנע ביי שמשינען צו פרעגען. איבעריגענס איז שמשין געוועזען צו פרידען פון זייער קומען: ערסטענס איז ער גערין געוועזען זייא צו זעהען, אונ צווייטענס האט ער גערעכענט, אז יעצט איז שוין ניטא, וואס מורא צו האבען: זיא האט שוין לאנג פערגעססען אן איהם, אונ ווייטער האט ער געהערט, אז ביי אדאלפען וועט באלד זיין תנאים מיט איין אנדערע.

עס איז פאראיבער צוויא טעג זינד זייא זיינען געקומען. אמאליע איז גאנץ מונטער אונ רוהיג, טהוט איהרע געוועהנליכע ארבייטען וויא אללע מאל, דען זיא האפט, אז אדאלף וועט קומען צוא איהר, וויא עס וועט זיך איהם נאר פאר שטעלען די ערשטע מעגליכקייט; אונ ווען ער קומט זאגאר ניט, וועט זיא גאנץ איינפאך שיקען נאך איהם, זייא וועלען זיך דורך ריידען אונ עס וועט אללעס גוט ווערען וויא פריער. שמשין האט דאס אנגענומען, אז זיא האט דאס אן איהם גאר פערגעססען, אונ איז געוועזען פאלקאממען

צו פרידען, וואס ער האט געטאן דיזעם מיטיל, וואס ער האט זייא אוועק געשיקט אויף איינגע מאנאטען פון דער היים. ליבע איז וואהרשיינליך ניט אזאך, וואס האלט אייביג; קוים איז דער געליבטער אדער דיא געליבטע ניטא, זא לעשט זיך אויס דאס גאנצע פייער אונ עס בלייבט מעהר ניט, וויא אחלום וואס איז פערשוואונדען. אלזא איז עס גאנץ גוט. וויא באלד אז אשידוך מיט אייזבערגען קען ניט זיין... אייזבערג דער פאטער ווערט דאך דאס ניט דער לאזען, — זא איז גלייכער, אז דיא ליבע זאל צערריסען ווערען נאך פריער. זיא האט איהם ניט געזעהען, ער האט איהר ניט געזעהען; זייא האבען זיך צוא איינאנדער ניט געשריבען, דען זייא ווייסען דאך דיא אדרעססען ניט, — זא האט זיך פון ארץ אויס געלאזען ווינד אונ רויך. אויסער דעם איז ער דאך טאקע אפאלשער יונג, אז ער האט צו טאן מיט אנדערע פריילינס, וואהרענד ער רעדט פון עוויגע ליבע מיט דיזער, — זא איז דאך קלאר, אז ער איז ניט בעסער פאר אנדערע לידערליכע יונגען, וועלכע זוכען צוא פערפיהרען אונשולדיגע קינדער מיט זייערע זיסע רייד. עס איז טאקע געוועזען אגליק, וואס מען האט זיך דאס געהאפט פאר פריה צור רעכטען צייט. געלויבט איז גאטט, אבגעשניטטען פון דעם עסק גלאט אונ גוט.

מיט אזעלכע געדאנקען האט שמשין איינגעשלאפען דיא צווייטע נאכט פון דער טאכטערס קומען, אונ ער האט געשלאפען גאנץ רוהיג אונגעשטערט.

שמשין האט זיך אויפגעהאפט אין מיטין נאכט; עמעס אקעלט איז אריין אין שטוב. א, — זאגט ער, — דאס איז פייקע ארויס געגאנגען. זיא האט פערגעסען צו צו מאכען פעסט דיא טהיר. אגוטע בעל-הביתטע, הלעבען! גייט ארויס עטליכע מאל אנאכט אכטונג געבען אויף דיא קיה, אויף דאס האלץ, מען זאל ניט גנבענען... דא איז דא אזויא פיל גנבים... זאל דער אויבערשטער אויס היטען. נאר זיא איז גלאט אזוי ניט פארזיכטיג. —

ער איז אראב געגאנגען פון בעטיל, האט צו געמאכט דיא טהיר, נאר ניט פערריגעלט; דען זיא דארף דאך באלד אריין געהען. ער האט זיך ווייטער געלייגט אונ איז ענטשלאפען געווארען.

פאר טאג האט ער זיך אויפגעהאפט פלוצלונג. ער האט דער הערט עפעס אפיסק. ער עפינט דיא אויגען. אין שטוב איז פינסטער, נאר פון דיא לאדען שפאלטען זעהט זיך אשיין; עס איז שוין טאג געווארען. עס איז שטיל, אללע שלאפען אין שטוב. עס הערט זיך מעהר ניט דאס טיק טאק פון דער וואנדאוהר. פון דרויסען הערט זיך, וויא הינד בילען, וויא איין איזוואשציק איז פערבייא געפאהרען. נאר וואס האט דא ניקענט זיין פאר אפיסק? עס האט זיך מסתמא אבגעדוכט... מאלע וואס אין שלאף קומט פאר. ער קעהרט זיך אום אויף דיא אנדער זייט, האלכט זיך נאך איין... עס הערט זיך שוין מעהר גאר נישט... ער האט איינגעדרעמילט.

ער האט זיך ווידער אהאפ געטאן: עס האט זיך ווייטער געהערט

אפיסק. ער קוקט זיך ארום, האָרכט זיך איין. וואס קען דא זיין? אז מען הערט צוויא מאל, איז דאס ניט אב געדוכט. עס האט זיך ווידער געלאזט הערען אפיסק אונ גלייך דארויף אגעוויין פון אקליין קינד. דיא שטימע געהט פון דער טאכטערס צימער. דיא האאר האבען זיך איהם געשטעלט דובאם. פון דער טאכטערס צימער אגעשרייא פון אקינד. אשרעקליכער געדאנקע איז איהם אריין אין קאפף, אשוידער איז איהם דורך געלאפען אללע גליעדער. ער ווארפט ארויף אויף זיך זיין שלאפראק, נעהמט אראב אלאדען פון אפענמיטער, וואס וואר פון אינוויינינג... עס זעהט זיך גאר נישט. דיא טהיר פון אמאליעס צימער שטעהט האלב אפען. א גאטט! אויף אשטוהל נעבען איהר טהיר, פון אינוויינינג, שטעהט אקערבעלע, אונ פון דיזער קערבעלע הערט זיך דיא שטימע. ער האט גענומען שרייען מיט אהארץ־רייסענדע שטימע:

— דבורה יהודית! אמאליע! שטעהט אויף!

— וואס? וואס? — שרייען זייא ביידע פון שלאף אין גרויס שרעקען — וואס איז? אפאזשאר?

— נאך ערגער, נאך ערגער!... אוי וויא, אפייער האט זיך אן געצונדען בייא מיר אין שטוב!

— נאך ערגער. זאגסטו?... אפייער זאגסטו? — שרייען זייא אויפ־שפרינגענדיג פון זייערע בעטען אינדעם זייא זיינען געקומען צו זיך. נאר דער אלטער האט זייא גאר ניכטס געדארפט ערקלערען: דיא שטימע פון דער קערבעלע האט זייא קלאר געזאגט, וואס דא טהוט זיך.

— עפעס אקינד! וויא קומט אהער אקינד! — שרייען זייא אין שטייגענדעם שרעקען. דבורה האט אויף זיך ארוף געווארפען אפאצייאלע, איז אראב געשפרונגען פון בעט, לויפט צו אונ שרייט:

— אוי וויא איז מיר! אקלאג איז צו מיר! וואס איז דאס פאר אצרה! אמאליע האט גענומען ברעכען דיא הענד אונ שוידערען פון שרעקען.

— זאג מיר, וואס איז דאס פאר אקלאג אויף מיינע יאהרען! — שרייט דבורה... וויא קומט אהער אקינד? א; גאטט גאט!

— דוא ביזט דאך אפרויענצימער, — ענטפערט ער, — דוא מעגסט דאך בעסער וויסען.

— וואס וויסען, משוגענער! וואס פלוידערסט דוא? אפשר ווערסט דוא זאגען, אז אמאליע....

— דאס זאג איך ניט... אונזער אמאליע איז ריין וויא דיא זון.

דבורה דעקט אב דאס קערבעלע, גיט אקוק: עס ליגט אשיין קינד מיט אראזאק אין מויל; ער וואר מיט מילך, יעצט איז ער ליידיג. דאס קינד איז אין שייניגקע ווייסינקע וויקעלעך, מיט אווייסע דעקע צו געדעקט.

דער אלטער לויפט ארום איבערין שטוב וויא פון זינען אראב. קלאפט

זיך מיט דעם פויסט אין קאפף, רייסט די האאר. די אלטע לויפט אויך ארום איבערין שטוב. ברעכט די הענד. אמאליע וויינט.

— וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? — שרייט ער.

— נעהם, ווארף איהם ארויס אויף דרויסען, — שרייט זיא, — איך בין דאך ניט מחויב צו האדעווען פרעמדע ממזרים.

— ווארף ארויס! דיר איז דאס גרינג צוא זאגען. עס איז דאך שוין טאג, עס קאכט מענשען אפען גאס.

— טראג איהם ארויס אפען הינטערהויף;

— מעהר וויא דאס פעהלט מיר ניט. ער נעהמט דאך באלד שרייען. און ווייטער וויא קען מען דאס אלעבעדיגע זאך עפעס אזויא אוועק ווארפען? עס איז דאך ארחמנות! עס קען זיין, אז איבער דיינע גוטסקייט איז אויף אונז ארויף געשיקט געווארען די צרה... רק ער דערשעגט, מען דארף זיין גוט... מען דארף טאן אימער גוטעס, — איצטער נא דיר, זייא אגוטער און האדעווע פרעמדע קינדער. גזלן, רצחן! אלץ איבער דיינע גוטסקייט. אוי וויא, אוי וויא! וואס וועט פארט איצטער זיין! ער שרייט וויא אין אוואלד... עס וועלען צו נויף לויפען די שכנים אפען בייזען וואונדער... אוי וויא!... מען וועט דאך פאנאנדער טראגען אויף טעלער איבער גאנץ שטאדט. די בייזע צינג האבען האלט זיך צו באדען אין פרעמדע בלוט.

— שלעכט שלעכט! שרייט ער שקריענדיג מיט די ציין. — שלעכט, ביטטער, וויא דער טויט.. נעהם פעררוק דעם גארלאן די האלז... לאז ער שטומען אוויילע.

דבורה האט אריין געגאסען אביסיל מילך אין ראזאק; דאס קינד איז שטיל געווארען. זייא האבען אוויילע פרייא אויפגעאטהמט און האבען גיקענט קומען צו זיך, זיך בעדענקען, וואס דא איז און וואס זייא האבען צו טאן.

— ווער האט דאס געקענט אונטער ווארפען אהער אקינד? — פרעגט ער.

— גאנץ איינפאך, — זאגט זיא, — דוא ביזט דאך אדימענט, דוא רעדסט אלץ פון רחמנות, פון מיטלייד, פון גוטעס טאן... קינדער האבען מיר מעהר ניט איין טאכטער, — אט האט מען דיר געגעבען אמתנה און האלט זיך מיט איהם.

— און איך זאג פאר קעהרט, — וויל ער זיא בעשולדיגען. — דוא האסט זיך געוויס געקלאגט פאר ווייבער, וואס דוא האסט קיין קדיש ניט, — אט האט מען דיר געשענקט אקדיש און האדעווע איהם.

— וויא האט מען איהם גיקענט אריין טראגען אין שטוב, פערשטעה איך ניט. די טהיר איז דאך פערשפארט.

— דיא מאד לויפט ארויס אין מיטן נאכט אכטונג געבען אויף די האלץ, אויף די קיה, זא האט מען דער ווייל אריין געטראגען דעם פעקיל.

דבורה איז ארויס געלאפען אין פארדערצימער אויף וועקען פייקען אונ
אוים גיסען אויף איהר איהר גאנצען כעס ; דען זיא איז דיא גאנצע שולדיגע .
זיא האט איהר אבער ניט געפונען . זייא האבען געווארט אשעה , פייקע
איז ניט אריין געגאנגען . זייא האבען גענומען ארום קוקען איהר קאממער , —
איהרע זאכען איז ניטא . יעצט האבען זייא געזעהען , אז זיא איז ענטלאפען
געווארען , בייא דער נאכט אהן זייער וויסען . זייא האבען ניט געקענט
ערראטהען , וואס האט איהר בעוועגט אוועק צוא פאהרען אזויא פלוצלונג
אונ ניט אבגענומען איהר לוין . וואס איהר קומט . וואס האט זיא ניט געקענט
אזויא אוועק פאהרען ? זייא וואלטען דאך איהר מיט געוואלד ניט האלטען .
זייא זיינען געקומען צו דעם בעשלוס , אז דאס קינד מוז זיין איהרער . יעצט
איז זייא שוין געווארען אללעס קלאר . זייא האבען זיך דער מאנט איהרע
אויפפיהרונג בייא זייא אין שטוב דיא גאנצע צייט , האבען זייא ערשט איין
געזעהען , אז זיא איז געוועזען גאנץ אנדערס וויא זייא האבען איהר געהאלטען .
היינט איז ארויס געקומען : זיא האט געבארען ניט אכשר קינד . האט איהם
דא געלאזען , אונ זיא איז ענטלאפען .

פאר פאללען ! יעצט מוז מען זוכען עצות , וויא פון דעם קינד לייז
צוא ווערען . מען קען איהם בייא זיך ניט האלטען , ווען מען האט
אזא טאכטער .

42

דיא נשים צדקניות

עס איז שוין נייען אוהר דעם מארגענס . דבורה יהודית האט זיך אליין
גענומען צו דער ווירטשאפט , אז קיין הויז מענשען האבען זייא יעצט ניט . דער
וויילע דאס פרעמדע קינד קען מען ניט ארויס טראגען אונ מען ווייס נאך ניט
וואו היין איהם צו טראגען . מען מוז איהם אבער זעהען צו האלטען שטיל אונ
ניט לאזען איהם שרייען ; זייא האבען שלעכטע שכנים , וואס וואהנען מיט
זייא איבער אוואנד פון דינע ברעטער ; דארף מען זיך פאר זייא היטען . מען
קען עס אויך ניט האלטען אין פארצימער וואו עס געהען אריין נייטיגע מענשען ;
אלזא האט איהם אמאליע געמוזט האלטען בייא זיך אין צימער אונ זיך
גאנצען מיט איהם .

דבורה יהודית געהט ארויס אין קראם איין קויפען וואס צום פריהשטיק .
זיא געהט דורך דעם טויער , וואס שטעהט פערמאכט . פון יענער זייט טויער
אפען גאס שטעהט אגרופפע ווייבער אונ שמועסען זעהר שטארק . זיא האט
אונטער זייא דער קענט דיא שטימען פון איהרע שכנותטעס . זיא איז געוועזען
נייגיריג צו הערען , וואס ריידען זייא , זא איז זיא געבליבען שטעהן אין ווינקעל
פון טויער אינוועניג אונ זיא האט גאנץ דייטליך געהערט .

— וואס זאגסטו פארט צו דער שמאדעלניצע, הא! — זאגט ציפה געלע, דיא שכנתע.

— הא, וואס? פרעגען דיא נייגיריגע ווייבער.

— שטייטס וואס! קרוינעלע, הארצעלע! ... איהר ווייסט גאר גישט?

— ניין! — ענטפערן זייא. — אדרבה, ערציילט.

— אא! אשרעק, אויף מיינע אידישע נאמנות ... אגרויל ... עס גרוילט מיר, וויא איך זאג אייך.

— נו, זאגט שוין אמאל, ציפה געלע, וואס איז דאס?

— זיא האט דאך געהאט אממזר!!

— אממזר האט זיא געהאט! אממזר האט זיא געהאט! — האבען זייא זיך אלע גענומען וואונדערן, אהנע צו וויסען ארום וועמען מען רעדט דא.

— איי איי איי! האבען זייא אלע גענומען שאקלען מיט דיא קעפף אונ ברעכען מיט דיא הענד: — ווער? ווער?

— אממזר האט זיא געהאט, וויא איך בין אאידישע טאכטער.

— אבער ווער? ווער? — פרעגען זייא ווייטער.

— שטייטס ווער! איהר ווייסט דען ניט? אט מלכה.

— וואסער מלכה?

— אט שמשינס מיידעל, אמאליע דיא מה שטוניצע.

— טפו, זאל דאס ניט געשעהען חערען! — גיט איינע אשפייא.

— וואס האט געזאלט זיין אויף אונז אונ אויף אונזערע גוטע פריינד, זאל אוים געהען צו איהר קאפף, — רופט זיך אב נאך איינער. — וואס זאגט מען פארט צו איהר! ... דאכט זיך אזא שטילינקע ... ערסט אזא הורטייקע!

— עס קען ניט זיין, — רופט זיך אב אדריטע, אזוא אין ערענטליך קינד.

— זאל מיר מיין מויל אהינטער שטעהען, אויב איך זאג אייך ליגען, — שווערט זיך ציפה געלע, — גייט אריין אין שטוב, וועט איהר זעהען ... וועט איהר הערען זיין געוויין. אקינד איז דאך אנאר, ער ווייס דאך ניט, אז מען דארף זיך היטען.

— וואס זאגסטו פארט דער צו. צו אזא געשעבענעס, טאטע פאטער! — זיפצעט איינע.

— גוטענגער גאט! אט דיא מלכה ... אט דיא שטילינקע! ... עס חאפט מיר אן אשווידער. אויף נאמנות, — זאגט נאך איינע.

— אהא, — זאגט אדריטע, — אט איצטער פערשטעה איך, וואס זיא איז געווען אוועק געפאהרען. מען זאל ניט זעהען ...

— טא וואס האט זיא איהם געבראכט אהער?

— דיא גוטע שדים ווייסען איהר. מסתמא האט זיא געוועלט דארטען וואו עס איז לאזען דעם פעקל, אונ עס איז ניט געגאנגען, האט זיא איהם געבראכט אהער, איהם דא אוועק צו פטרן: ווער פערשטעהט דאס ניט?

— נא דיר! אט האט מען נחת פון קינדער! ... אזוא איין עזותניצע אזא הולטייקע!

— אט, צו וואס מיר האבען דער לעבט! ... יאהרען ארויס געקומען ... גיטא וואס צו ריידען!

— אט איז דאס אזאך, אז איך און אז ווייא... אשטראף פון דעם לעבעדיגען. — אבצעט ציפה נעלע, שולדיג איז נאר דיא מוקערלע אין שווארציאהרען. זיא האט איהר אלין נאך געגעבען און אין אלע פייערן אריין געבראכט.

— אשיינע ריינע בפרה אויף איהר! אבער אויף דעם אלטען איז אבחמנות, חלעבען! איך האב אלע מאל געהערט, וויא ער שרייט, וואס עס גייען צוא איהר דיא בחורים, נאר זיא האט איהם ניט געהערט, — אט האט זיא אויס געפיהרט.

— פון וועמען קען זיא דאס האבען דעם קינד? — פרעגט איינע.

— פרעג מיך בחרם, ווייס איך? עס גייען צו איהר יונגע מענשען; עס שווירבעלט און עס גריבעלט. אשפאס, עס פלעגט זיך ביי זייא אבטאן ריידוטען, אט וויא איך זאג אייך.

— א טאטע פאטער! נא דיר וואס עס קומט ארויס פון דיא געשארענע בערד. וויא מען שפילט, אזוא מאנצט מען: דער אלטער האט איהר מסתמא געזאגט, אז ליבען אחתן דארף מען, אט האט זיא זיך איינגעהלאבעט און האט זיך טאקע פערחלאבעט.

— פטור, דיא בערד! — זאגט זלאטע גרונה, וואס איהר מאנס בערדיל איז ווארשיינליך געוועזען אביסל צו געפוצט. — דאס איז נאר נישט. אט שמואל יאסעל דער שניידער האט אבארד וויא אפאטעלע, פון דעסט וועגען זיין מיידעל... איך וויל אזוא ווייט ניט ריידען. און פנחס זאוולס בארד איז דאך טאקע וויא אבעזים אפרישער, ערשט געבראכט פון באד, — פון דעסט וועגען האדעוועט ער איין איינקעל פון זיין טאכטער, וואס האט נאך ניט חתונה געהאט. היינט נפתלי לעמעל, זיין בארד איז דאך טאקע אבשרע. היילע קאלטענעס, — פון דעסט וועגען איז זיין טאכטער ענטלאפען מיט אקאנדוקטאר הכלל שוועסטערלעך, דיא טאטעס מיט דיא בערד איז אהער גאר ניט שייך אהאלטעקע בלייבט אהולטייקע, פארפאלען!

43

ביי דער כלה אקינד!

דבורה יהודית האט געהערט, אין טויער שטייענדיג, דאס גאנצע געשפרעך, וואס דיא נשים צדקניות האבען דא גערעדט אפען גאס. יעדעס ווארט האט איהר געשניטען, וויא מיט מעסער. זיא האט זיך ניט געקענט

מעהר האלטען אויף איהרע פיס. זיא איז גלייך אביין געלאפען אין שטוב מיט אקלאג געשריא זיך האלטענדיג פארן קאפף.

— וואס איז? וואס איז דא געשעהען? — פרעגט שמשין, נאכדעם אמאליע אין גרויס שרעקען; — וואס איז? עפעס א נייע צרה? רייד, רייד!

— גייא אפען גאס אונ האר, — שרייט זיא, — מען האט שוין פאנאנדער געטראגען איבער גאנץ שטאדט אוי וויא איז מיר! וויא איז מיר!

— וואס? וואס האט מען פאנאנדער געטראגען?

— אז אמאליע האט געהאט א קינד!

— וואס רעדסטו? — שרייט ער אין שרעקען.

— גייא האר: דיא ווייבער שטייען נאך יעצט אויף אפען גאס אונ ריידען. א גאט, גאט! פאר וואס שטראפסט דו דאס אונז אזוא? מיר זיינען דאך אזוא אונשולדיג. דוא ווייסט דאך דעם אמת.

— דוא ביזט ניט שולדיג! — שרייט ער. — דוא האסט דאך זיא אליין פערפיהרט... דוא האסט געלאזען געהען אהער פריער דעם הונד, דעם זונדקען, נאכדעם אדאלפען... האסט איהר געלאזען חלימען גאלדענע בערג... איך האב אלע מאל געשריען: הערויף מיט דיינע פוסטע פאנטאזיען, — היינט זעה, צו וואס דיינע חלומות האבען געבראכט. אז דיא ווייבער וואלטען דא ניט געהאט געזעהען געהען אהער יונגע מענשען, וואלטען זייא ניט האבען וואס צו ריידען. דוא האסט זייא אליין געגעבען שטאף ארום וואס צו ריידען. וואס האסטו צו זייא, אז דוא ביזט אליין שולדיג? ווייטער וואס האבען זיך געאיילט צו קומען צוא פאהרען? אז אמאליע וואלט נאך ניט געווען געקומען, אונ פייקע וואלט דא ניט לאזען איהר קינד, וואס וואלטען זייא האבען צו ריידען פון אמאליען? זעה נאר מעהר ניט אז אלע צרות האסטדו אליין געבראכט אויף אונז... אליין, אליין! מיר ליידען פאר דיינע דומהייטען.

— אונ איך זאג, שמשין, אז דוא ביזט שולדיג, וואס האסט דוא געטריבען אמאליען פון דאנען? וואס האט דיך געארט, אז זיא איז געוועזען דער היים? דאן אלע וואלטען זיא זעהען, וואלטען זייא דאך ניט האבען וואס צו ריידען. אונ היינט זאגען זייא. אז דער פאר איז זיא אוועק געפאהרען, ווייל זיא איז געוועזען שוואנגער. איך האב דאך אליין געהערט. וויא זייא האבען דאס גערעדט. היינט זעה, אז דוא ביזט שולדיג. ניט איך.

— וואס קומט ארויס, ווער איז שולדיג. היינט זיינען מיר אלע אונגליקליך. וואס טהוט מען? וואס טהוט מען?

ער האט זיך אוועק געטאן אן אוואנד אונ האט גענומען חליפען. דבורה יהודית אונ אמאליע האבען אויס געבראכען אין אגעוויין.

דא האט אבער דער אונגעבעטענער גאסט, וועלכער האט מיט געבראכט אהער דעם פאק צרות, זיך געלאזט הערען. אום מען זאל ניט פערגעסען, אז ער איז דא. אונ מען דארף איהם האלטען גאנץ גוט אין זינען; דען אן איהם

ווענדט זיך אלעס. דבורה יהודית האט זיך גלייך גענומען פאר איהם, וויא פאר איהר איינציג קינד, וועמען זיא וויל אוועק געבען איהרע גאנצע מוטערליכע זארג פאלט. זיא האט גלייך אנגעגאסען זיין ראזאק מיט מילך, אום ער זאל זייגען אונ שוויינען.

אמאליע קוקט אויף דאס קינד מיט מיטלייד. ער איז שיין אונ געזונד. שיינט צו זיין אטאג אדער צוויא אלט. וואס פאר אגליק ער וואלט געוועזען פאר עלטערן, וועלכע וואלטען איהם האבען גערן, אונ היינט וואס פאר איין אונגליק ער איז פאר פרעמדע מענשען, פאר וועלכע ער איז אזוא איבריג. וואסערע צרות ער גיבט זייא אונ וועלכע צרות שטעהט איהם פאר! ארמעס געשאפף, אונגליקס קינד! וואס וועט פון דיר ווערען? ווער זייגען דיא אורהעבער פון דיין אונגליק?

שמשין איז געזעסען אונ האט דער ווייל געטראכט, וואס ער האט יעצט צו טאן, וויא צו בעפרייען זיך פון דיזער לאסט. ער האט זיך דער מאנט, וואס ער האט געהערט ריידענדיג אין קלויז פאר איינינע טעג צוריק, ועגען אהרן גבריאל פעלדשטיין, וועלכער וויל גערען האדעווען אפרעמד קינד אונ איהם אדאפטירען (אננעהמען פאר איין איינענקינד).

— נו גוט! — זאגט ער פריידיג. — דבורה, איך בין געפאלען אויף אפלאן... אפלאן, זאג איך דיר, דיא וועלט אוים. עס איז מעהר ניט שווער דעם טאג וויא עס איז אב צו קומען. היינט ביא דער נאכט טראג איך אוועק דיא קערבעלע אין גוטען ארט. אונ אמעשה מיט אסוף.

— אבער וואס זייא ריידען דיא ווייבער...

— נישט קשה, מארגען וועט ער דא שוין ניט מעהר זיין; קיינער וועט איהם ניט זעהען, ניט הערען, אונ נאכדעם וועט קיינער ניט גלויבען, אלע ווייסען, אז ציפה גנעלע אונזער שכנתע איז אגרויסע רשעת אונ אז אונזער טאכטער איז אגוטעס אונ ארענטליכעס קינד. עס וועט זיין גוט אי״ה, זייט רוהיג, מיינע טהייערע.

שמשין האט אנגעטאן זיין פאלטא אונ איז אוועק געגאנגען בערוהיגט.

— יעצט, מיין טאכטער, — זאגט דבורה, — יעצט קענען מיר שוין רוהיג זיין.

— איך האב נאר מורא פאר איין זאך, — זאגט אמאליע, — אדאלף זאל זיך ניט דערוויסען. מען רעדט אזוא אין גאנץ שטאדט.

— נישט קשה, ער וועט קומען אהער, וועט מען איהם דער צאהלען דיא גאנצע געשיכטע, אונ ער וועט אונז גלויבען. איין אמת גלויבט מען אלע מאל.

— אבער וואס טהוט מען? טאמער קומט ער גראד היינט?

— פטור, ער איז ביז אהער ניט געקומען, וועט ער שוין היינטיגען טאג אויך ניט קומען. גאט איז אגוטער, ער וועט דאס ניט צו לאזען צו אזוא איין אונגליק.

— אוי עס שוידערען מיר מיינע גלידער... פיליכט קומט ער ארויף. ער מוז דאך קומען אונ דארף קומען, עס קען דאך אנדערש ניט זיין. מיר האבען זיך אזוי לאנג ניט געזעהען... ער ווייס ווידער, אז איך האב אויף איהם אחשד, — מוז ער דאך קומען זיך מיט מיר אביסל דורך ריידען. אונ ער מעג דאך טאקע מיט מיר זיך וועלען זעהען אויך.

— ער וועט טאקע קומען, מיין טאכטער, וויא דען? אבער ניט היינט. אט איז שוין באלד האלבער טאג אוועק; נאך איין האלבען טאג דארפען מיר אבקומען, אונ דאן זיינען מיר פרייא פון דער צרה.

— א, מוטער! איך וויל איהם אזוי זעהען!... מיט אמאל דארף איך נאר ווינשען, ער זאל ניט קומען... איי, איי!

— וואס איז, מיין טאכטער?

— אדאלף געהט אהער!

— אוי ווייא! איין אונגליק דאס איז! — שרייט דיא אלטע, — וואס טהוט מען?

— פאר פאלען. ער געהט, לאז ער געהען.

— אבער געהמט דאס קינד שרייען גראד איצטער, אוי, איך האלט ניט אוים. איך וועל איהם געהען זאגען, אז דוא ביזט יעטצט אוועק געגאנגען.

— וועט ער ווארטען ביז איך וועל קומען. איז נאך ערגער.

— שלעכט! אוי ווייא, אוי ווייא!... שא, מיין טאכטער, לייג זיך אויף גיך אין בעט. איך וועל איהם זאגען, אז דוא ביזט ניט געזונד.

דיא מוטער לויפט איהם ענטגעגען. אדאלף געהט אריין.

דער לעזער ווייס, אז אדאלפען האט דער פאטער ניט אבגעלאזען פון זיך, אום ער זאל זיך ניט טרעפען מיט אמאליען; נאר איהם האט ער געזאגט, אז דער דאקטאר האט פערארדנט איהם ניט צו לאזען קיינע אויפרעגונג, וואס קען איהם זעהר שאדליך זיין. נאר אדאלף האט שוין געציילט דיא מינוטען, ווען ער וועט זיך פיהלען פאלקאמען געזונד אונ וועט שוין קענען געהען, וואו הין ער וויל. היינטע אבער האט איהם דער פאטער ערקלערט: יעטצט, מיין זוהן, האט דער דאקטער געזאגט, ביזטו שוין פאלקאמען געזונד; איך וויל דיר דיינע פרייהייט ניט שטערן, דוא קענסט זיך געהען וואו הין דוא ווילסט אהן מיינע בעגלייטונג. האראץ האט טאקע געוועלט, ער זאל געהען צו אמאליען. וועט ער געפינען דארטען גרייסע קלאגען. דער לעזער וועט געוויס פערשטעהען, אז דאס קינד, וואס האט זיך פלוצלונג איינגעפינען ביי שמשין שטערן, וואר קיין אנדערער וויא דאס קינד, וואס רחל האט געבארען אונ וועלכעס זיא האט אונטערוואָרפען ביי זונדל פוכס אין קוואטיר, וויל ער איז דער פאטער אונ ער דארף איהם האדעווען, וויא מיר האבען פריער געהערט פייקען ריידענדיג מיט פוכסען. פוכס האט זיך דאמאלס אביסל איבערגעשראקען, נאר ער האט זיך גלייך איבערלעגט אונ האט

געפונגען, אז דאס קינד קען איהם פיל נוטצען ברייננגען צו זיינע פלאנער. וויא זונדערל האט געפינגען ביא זיך אין פארהויז דאס קינד, אויף וועלכעס ער האט געווארט, איז ער גלייך אוועק צו פייקען; דיזע האט איהם געווארט דיא לעטצטע עטליכע טעג צו אבעשטימטער צייט, וויא עס וואר ביא זיא אבגערעדט. ער האט איהר געגעבען געלד, זיא האט גענומען איהרע זאכען, וועלכע וואר שוין ביא איהר איינגעפאקט, האט ניט פערגעסען אראב צוחאפען עטליכע קליידער אמאליעס, וואס זיינען געהאנגען פון אויבען אויף (זיא דארף דאך עפעס געהמען פאר איהר געהאלט, וויא דען?) אונ זיא איז גלייך אוועק געלאפען צו איהר געל בטען יאסלען, וועלכער האט געווארט אויף איהר. אין אהאלב שטונדע ארום האט זונדער גענומען זיין קערבל, מיט דעם קינד אונ האט גלייך דארויף געבראכט ביא שמשון שטערן אין שטוב. פוכס האט געוועלט פייקען ארויס שיקען: ערסטען אום זיא זאל ניט וויסען אלע זיינע מאכעריא; זיא ווייס שוין אזוא אויך צו פיל אונ צווייטען, אז זייא וועלען גערמען נאכזובען, פון וואנען שטאמט דאס קינד, איז גלייכער, דייער געדאנקע זאל פאלען אויף פייקען; וועלען זייא שוין ווייטער ניט נעהמען טראכטען אין געגנט.

ענדליך האבען זיך שוין אדאלף אונ אמאליע וויעדער געפונגען. דא איז שוין דא. ער געהט צו איהר, זיך זעהען מיט איהר דעם ערסטען מאל נאך אזא לאנגע ראוליקע (טרענגונג). דאס הארץ קלאפט אין איהם פאר פריידע, פון ענטציקען, פון האפפנונג אונ אויך פון טרעוואגע. עס איז שוין פיר מאנאטען וויא זיא האט איהם אויסגעווייכט איבער אחשד, וואס האט קיין גרונד. יעטצט וועט ער זיך שוין מיט איהר דורך ריידען, זיך ערקלארען; ער וועט איהר ווייזען, וויא אינניגסט טרייא ער איז איהר אימער געוועזען אונ וויא ערנסט ער מיינט; ער וועט איהר אויך ערצאהלען, וואס ער איז אויסגעשטאנען צו ליב איהר דיא גאנצע צייט. זיא וועט זעהען, וויא גרויס זיינע ליבע איז צו איהר; זיא וועט נאך ביא איהם בעטען אום פערצייהונג, וואס זיא איז געווען דיא אורזאכע פון אללע זיינע חלאפאטען אונ טרעוואגעס, פון אלע אונאנגענעהמליכקייטען, וואס ער האט געהאט. א, וואס פאר אפריידע עס וועט דאס באלד ווערען! וויא גליקליך וועלען זייא באלד זיין!

ער געהט אריין צו שמשון שטערן אויף זיין קוואטיר, דבורה געהט איהם ענטגעגען צו מישט אונ אונרוהיג.

— א, אנאסט, העדר אייזבערג! — רופט זיא אויס פריידיג אונ צוא מישט. — מיר גארען אייך זעהר צו זעהען. וואס זייט איהר אזוא לאנג ביא אונז ניט געוועזען?

— איך וועל אייך באלד אלעס ערקלארען, ענטפערט ער מיט אשמייכעל, אבער ער קוקט איהר אן פערוואונדערט: ער האט בעמערקט איהרע אונרוהע. — וואו איז אמאליע?

— זיא איז אין איהר צימער, הערר אייזבערג. זיא וויל אייך זעהן.

זעהען, נאר ע ע ע . . .

ער לאזט זיך געהען ווייטער. זיא שטעהט איהם אין וועג אונ זאגט שטאמלענדיג: ביטע, מארגען.

— ווארום ניט היינטע? — וואונדערט ער זיך.

— זיא איז יעטצט ניט געזונד.

— וואס איז איהר? — פרעגט ער אונרוהיג.

— אקליינינקייט. עס וועט באלד איבער געהען.

דא האט זיך געלאזט הערען דיא שטימע פון דעם קינד.

— וואס איז דאס? הא? — פרעגט ער פערוואונדערט אונ אונרוהיג.

— גאר נישט, — שטאמעלט זיא אין שרעקען. זיא איז געווארען רויט אונ גלייך ווידער בלייך.

— אקינד איז ביי אייך... אמאליע איז קראנק! — האט ער געמורמעלט פאר זיך. איז געבליבען שטיין פערדוצט אונ איז באלד ארויס געגאנגען וואנקענדיג אויף דיא פיס. ער איז אלאנגע צייט געבליבען שטעהען אפען נאס אנגעשפריטצט אן וואנד פון דעם הויז. טרערן איז איהם ארויס פון דיא אויגען.

44

דאס קליין מענטשעלע מאכט חרוב אהויז.

מיר זעהען אין דער וועלט, קליינע צוא פאלע פיהרען אויס גאנץ גרויסע בעגעבענהייטען, אונ גאר אקליינינקייט קען האבען אגרויסען איינפלוס אויף דעם גאנצען מענשענלעבען אונ קען פיהרען צוא אגרויסען גליק אדער אונגליק. דא אין אונזער ערצאהלונג האט זיך געטראפען אקליינינקייט; מען האט אונטערגעווארפען אקינד ביי שמשין שטערן אין הויז. וואס איז דאס קינד? — אקליינעס וועזען מיט אקליין מאגענדל, אקליין מיילכעלע, אהנע פערשטאנד, אהנע קראפט, אונ דיזעס קליין מענשעלע האט איינגעווארפען אגאנצעס הויז, מאכט אונגליקליך עטליכע פערזאנען גרויסע, שטארקע, קלוגע, אונ מאכט זייא פערגיסען פיל טרערן, אונ זייא קענען זיך ניט העלפען, קענען געגען דיזעס קליין מענטשעלע ניט קאמפפען. דאכט זיך אפשר קינד, וויל איך, האדעווע איך; וויל איך ניט, קען מיך קיינער ניט צווינגען. אבער דא איז אזוא: ארויס ווארפען קען מען עס ניט; מען מוז זאגען דער פאליציייא אונ מען מוז דער ווייזען אז דאס קינד איז אפשר עמעס ניט אין אייגענעם; ווייל קיינער האט דאך ניט געזעהען, וויא מען האט איהם געבראכט. דער ווייל ווערט דערוואוסט אין שטאדט, אלע ביידען שוין וועגען דעם, אונ שלעכטע מענשען טאלקעווען גאנץ אנדערש. דא איז

צטאכטער אין שטוב אונ יונגע מענשען געהען אהער . היינט אז דאס פריילין האט אחתן אנגעליבטען אונ ער דער וויסט זיך דער פון . . . ער הערט נאר מיט זיינע אויערן דאס געשרייא פון דעם קינד . . . מען זאגט איהם נאך , אז זיא איז קראנק , — זא איז שוין פאר איהם קלאר אלעס , אונ ער איז נידערגעשלאגען .

אמאליע האט פון אנפאנג גאר ניט געקענט בעדענקען , וואס דא קען ווערען . זיא האט פריער געטראכט , מען דארף זיך איזבאווען פון דעם איבריגען פאמיליענגליעד . נאכדעם האט זיא געזעהען , מען רעדט שוין וועגען איהר ; מען זאגט גאר דאס איז איהר קינד . זיא איז אין דער גראסטען פערצווייפלונג ; וואס האט זיא מורא ? פיללייכט וועט זיך דערוויסען אדאלף דער פון ; פאר קיין אנדערן ארט איהר גאר ניט . זיא ווינשט נאר איין זאך , אדאלף זאל הייטע ניט קומען . ער קומט אבער פארט , אונ דאס , וואס זיא האט מורא געהאט , האט זיך אויס געלאזען . יעטצט איז אלעס אויס . פערלארען איהר גליק , פערלארען איהר לעבען . אז אדאלף איז אוועק געגאנגען , האט זיא זיך קיין ארט ניט געפונען פון יסורים ; זיא האט געפיהלט , אברענענדע וואונדע אין איהר הארצען , אונ דיזע גיבט איהר קיינע רוהע . וואס טהוט מען ? וואס קען מען זיך העלפען ? עס טהוט איהר לייד , וואס מען האט איהם אוועק געלאזען ; מען האט איהם געדארפט בעסער אלעס ערצאהלען אויף קלאר , אונ ער וואלט אלעס גלויבען ; דען ער קען איהר , אונ ער איז דאך איהר אזוא גוט . אבער וואו נעהמט מען איהם ? מען מוז שוין ווארטען ביז מארגען . דער ווייל דארף מען אקארשט פריער לויז ווערען פון דער צרה ; דאן וועט מען איהם שוין געפינען , אונ עס וועט שוין אלעס רעכט ווערען .

* * *

עס איז אוועק דער פערפלוכטער טאג , עס איז געקומען דיא נאכט , דיא נאכט , אויף וועלכע מען האט אזוא לאנג געווארט . עס געהט פארבייא אשטונדע נא , אשטונדע ; דער אבענד איז פאראיבער . אלע געשאפטען ווערען שטיללער אונ שטיללער : אלע זיינען שוין געקומען פון זייערע טאגליכע בעשעפטיגונגען , פון זייערע ארבייטען אהיים ; יעדער ערגיבט זיך דער רוהע . דיא גאסען ווערען שטיל , אללע קראמען ווערען צו געמאכט . דער הימעל איז בעדעקט מיט שווארצע וואלקען ; עס בלאזט אקאלטער ווינט אונ עס שנייט , דען עס איז נאך אין רעכטען ווינטער .

עס איז שוין איינס אוהר אין דער נאכט ; אללע זיינען פערזונקען אין טיפען שלאף . עס איז קיינען מענשען צו זעהען אפען גאס ; אלעס איז שטיל , עס הערט זיך מעהר ניט דאס פייפען פון ווינד . אבער דאך אין דיא

קליינע גאסלעך, שיינט עס, געהט איבעריער און טראגט וואס אין האנד: ער געהט וואנקענד אויף די פים; קוקט זיך אלע ווילע ארום. ווער קען דאס זיין? געוויס א גנב. ער האט וואס געגנבעט אין דיזער דונקעלען נאכט און טראגט עס היימליך אוועק. יע די פינסטערע נאכט זיינען נאר געשאפען פאר גנבים און פאר אנדערע פערברעכער, וועלכע האבען מורא פאר איין אויג, וועלכע ציטערן פאר דעם שיין.

ער געהט און שטעלט זיך אב אלע ווילע, האָרכט זיך איין, צו געהט איהם ווער ניט נאך, צו הערט ניט ווער זיינע טריט. יע, דאס איז געוויס א גנב; אבער וואס וואנקט ער אויף די פים? עס איז א גאנג פון איין אלטען מאן, א גנב איז מיסטענטהיילס א יונגער מענש, וועלכער האט שטארקע האנד צו נעהמען, און פלינקע פים צו לויפען.

דער אונבעקאנטער איז דורך געגאנגען די קליינע גאסלעך, האט זיך אקעהר געטאן לינקס, איז ארויף אפען בולוואר, איז דורך געגאנגען נאך א קליינע גאס. דא ענדיגט זיך די הייזער פון שטאדט. עס זעהט זיך דער טייך, וועלכער איז יעטצט פערפרארען. ער לאזט זיך אראב אין מיהאל אריין צום טייך.

— נו, געלויבט איז גאט, — רעדט ער צו זיך, — גראד היינטע איז א דונקעלע נאכט אשניינגעשטאבער (מאטעליצא). איך בעגעגנע קיינעם ניט, טראג מיין טרויעריגען פעקל און קיינער שטערט מיר ניט. גוט, איך גייא באלד אריבער דעם טייך, גייא צו צו אהרן גבריאלס הויז, וועלכעס איז ניט ווייט פון דאנען, לייג מיר דארטען אין זיין קארידאר אוועק דאס קערבעלע, — און מיר זיינען געראטעט. איך קען אפילו לאזען דאס קערבעלע דא וואו עס איז געבען אשטוב און גייא מיר גלייך אוועק, נאר עס יאמערט מיך דאס ארמע געשאפף. דאס קינד איז נעבעך גאר ניט שולדיג; וועט אומקומען פון קעלט, וועט שטארבען, אדער עס קען אריין פאלען אין שלעכטע האנד. און איך מיט נאך אפערטל שטונדע געהען וועל עס רעטען אויף צייט לעבען; קומט ער נאר אן צו אהרן גבריאלן, זא איז ער גליקליך אויף אייביג. ניין איך טאר דאס ניט טאן; איך וועל זיין אמערדער, איך וועל צייט לעבען קיין רוהע ניט האבען פון געוויסענסביסע.

ער געהט ווייטער און רעדט צו זיך: א, איך היט זיך ווי א גנב, איך בין אין ציטערנים ווי א פערברעכער. איך האב נישט געטאן קיין שלעכטעס... מיין קינד איז ריין... האט קיין פלעק ניט אויף זיך, און דאך שווידער איך פון שרעקען, אזוי ווי דאס קינד וואלט געוועזען געבוירען פון מיין טאכטער... שרעקליך, שרעקליך! די ווירקליכע פערברעכער, וועלכע טהוען אלע דאס ביין, געהט זיי אלעס אראב גלאט, און דער וואס איז גאנץ אונשולדיג מוז אזוי פיל ליידען.

(דער פוכם) ח"ג שמשון

שמשין שטערן (דען דאס וואר ער, וואס האט געטראגען דאס קינד) — איז אראב צום ברעג, וואס איז זעהר נידריג. דאס קינד האט געגעבען אפיסק. ער האט זיך אב געשטעלט, האט ארויס גענומען אבוטעלע פון דער קעשענע, האט אביך געגאסען אין ראזאק מילך, — דאס קינד איז געווארען שטיל. ער געהט ווייטער קוקט זיך ארום; עס איז שטיל און רוהיג; מעהר ווי דאס זוזען פון ווינד הערט זיך ניט. ער איז שוין ארויף אפען אייז און גייט ווייטער... פלוצלינג דער הערט ער אדאנערנדע שטימע; סטאי!!

דער אלטער האט געפיהלט, אז אללע בלוטען זייגען אין איהם פערקיהלט געווארען. ער איז געבליבען שטעהען ווי אשטאטויע.

גלייך האט זיך געלאזט הערען אדורכדרינגענדער פייף. און ער האט ניט פאספייעט צו קומען צו זיך... ער זעהט זיך שוין ארום געריגגעלט פון עטליכע מענשען און איינער האלט איהם שוין פאר דעם קראגען.

— שטא נעסיאש? קראדענגאיע, שטא לי? — הערט ער אגוואלדיגעם געשריי: — פאי מאל, א א?

גלייך דארויף האבען זיך אלע ארום הילכיג פאנאנדער געלאכט.

דער ארמער שמשין האט נישט געענטפערט; ער איז געווארען אצומישטער; עס איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען.

גלייך איז געווארען אלאטערנע מיט אליכט. מען האט איהם אטרייסעל געטאן זעהר גראב. ער איז געקומען צוא זיך; ער זעהט ארום איהם שטייען גראדאוויע און דער פאמאשצניק פריסטאווא.

דאס קינד האט געגעבען אפיסק און האט גלייך גענומען וויינען.

— וואס איז דאס! — שרייט דער פאמאשצניק אין וואוטה, און דעם ער האט געהייסען צו לייכטען דאס קערבעלע מיט דער לאטערנע, — אהא אקינד! דאס טראגסטו איהם דערטרינקען דא אין אפראלובקע. זעהר שיין, מאלאדעץ! אויסגעקליבען אגוטע צייט, חלעבען! דאס איז אקינד פון דיינע אגעליבטע אדער פון דיינע אטאכטער, בראיזא! ווילסט זיך איזבאוויען פון דעם פאזאר (שאנדע)... זעהר פיין! אגוטע צייט און אגוטער ארט, ניטא וואס צו ריידען, — געהאפט נא מיעסטא פרעסטופלעניא!

ביי דעם אלטען האבען זיך געשטעלט די האאר דובאם פון שרעקען. ער האט ניט געקענט אווארט ארויס ריידען. זיי האבען איהם גענומען טריימלען דאס קינד האט גענומען שטארק שרייען.

ענדליך האט ער גענומען שטאמלען:

— ערבארמט, איך בין ניט שולדיג.

— ה ה ה! ניט שולדיג! — לאכען זיי אלע. — עס איז מיטער נאכט... אט איז אקינד אין אקערבעלע... אט איז דער טייך... און קיינער איז ניטא דער ביי... איהר פערשטעהט, ווי ער איז ניט שולדיג?

רא

(דער פוכס) ח״ג

— דא דא ! פאר אזא ניט שולדיג וועסטו געהען אין קאטארגא , ארטינקער ! און עס וועט זיין אלעהרע פאר דיין טאכטער , זיא זאל ניט האבען מעהר קיין ממזרים .

דיא לעטצטע ווארטער האבען דעם אלטען אהייב געטאן אין דער לופטען . ער האט אנגעשריא געטאן מיט דיא לעטצטע קראפטען :

— איך בין פארט ניט שולדיג און מיין טאכטער אסקארבליעט אידר אומזאנסט .

— נו נו , דאס איז ניט מיין זאך , — זאגט דער פאמאשצניק — דוא וועסט האבען צו טאן מיט דעם סליעדאוואטעל , מיט דעם פראקוראר און מיט אקרוזנאי סוד . נו רעביאטא נעהמט איהם ! און איינער פון אייך זאל טראגען זיין איינקעל , וועלכען ער האט ערסט געוועלט אונטערן אייז אבבאדען .

צוויא פאליצייסקיע האבען דעם ארמען שמשין גענומען פאר דיא האנד און אוועק געשלעפט קוים אלעבעדיגען .

ענדע דעם דריטטען טהיילס .

(דער פוכס) ח"ג

פיערטער טהייל

45

פערשוואונדען געווארען.

אמאליע מיט דער מוטטער האבען דיזע גאנצע נאכט ניט געשלאפען. זייא האבען איהר צו געבראכט אין אונרוהע אונ אין שרעקען.

יוען שמשין שטערען האט אוועק געטראגען דאס אונגליקס קינד, וואר שוין נאך מיטטער נאכט. וויא מיר ווייסען, וואר עס דאן שטיל אויף דער גאס פון געהער אונ פון פאהרער, אלזא, האבען זייא גירעכינט, ער וועט אונגעשטערט אוועק טראגען דעם פעקיל אונ וועט באלד קומען; מעהר וויא אשטונדע קען דאס ניט דויערען. זייא ווארטען אשטונדע, צוויא אונ דרייא, — ער איז ניטא. וואס קען דאס זיין? זייא הארכען זיך איין צוא יעדער גערויש פון דרויסען; זייא לויפען אללע ווייל ארויס אויפין גאס, געהען דורך נאך דער ריכטונג פון טייך, — עס איז ניט צו הערען אונ ניט צו זעהען. וואס טהוט מען? עס האט מיט איהם געווים וואס געטראפען אונ פיללייכט נאך אנרויסעס אונגליק; אבער וואס קען מען יעטצט טאן אין מיטען נאכט? וואו הין לויפט מען? ביא וועמען פרעגט מען? זייא ווארטען ווייטער, — ער איז ניטא אונ ניטא.

עס איז שוין געוואָרען טאג; ער איז נאך אימער ניט געקומען. דא איז קלאר, אז דא האט געטראפען איין אונגליק. זייא האבען זיך ווייטער געלאזט געהען אין דיא גאסען, האבען זיך געראזט געהען צו זייערע בעקאנטע נאכפרעגען, — קיינער ווייס ניט.

דבורה געהט נאך אימער ארום נאכפרעגענדיג, אמאליע איז געקומען אין דער גרעסטען פערצווייפלונג. זיא געהט ארום איבערין צימער אונ ברעכט דיא הענד. איהר פאטער, איהר טייערער פאטער ליידעט נעבעך אזויא פיל, אונ צו ליב וועמען? אונ דורך איהר. יע, זיא איז ניט שולדיג, אבער דאך קומט עס אללעס דורך איהר. ווען ניט זיא, וואלט ער ניט געהאט פאר וואס מורא צו האבען אונ וואלט זיך ניט דארפען אויס זעטצען אזעלכע געפאהר. זיא קען זיך קיין ארט ניט געפינען פון אונרוהע אונ פון שרעקען. איהר הארץ איז נאך אנגעווייסט פון ארלפען, וואס ער האט גראד געזעהען ביא איהר אקינד אונ ער טראגט וועגען איהר אזעלכע

שלעכטע געדאנקען, — מיט אמאל דארף זיך טרעפען נאך איין אונגליק מיט דעם פאטער. א וויא! מיט וואס וועט זיך דאס אללעס ענדיגען?

זיא האט זיך גענומען איבערלעגען אללעס, וואס דא האט פאסירט אונ וואס זייא האבען געטאן, האט זיא געפונען, אז זייא האבען אין פיל זאכען זעהר ניט גוט געטאן, אז זייא וואלטען טאן אנדערש, וואלטען זייא צו אזויא פיל אונגליקען ניט געקומען. אזויא געהט שוין אין דער וועלט. אז איינער טהוט עפעס אב איין פערזעהען, גיט ער זיך אחאפ: שטייט! ער האט גאר ניט געדארפט טאן אזויא; אז ער וואלט גיאן אנדערש, וואלט עס ניט געקומען דער צו. צב"ש אז עס טרעפט אגניבה, אפאזאר, חאפט ער זיך: אי, פאר וואס איז ער ניט געוועזען אזויא פארזיכטיג. אז איהם וואלט עס איינפאללען דער צו פאלל פון אגניבה, פון אפאזאר, וואלט ער זיך אנדערש היטען, אונ דאס וואלט זיך ניט טרעפען. דא איז אויך אזויא געוועזען דער פאך. אמאליע האט זיך גענומען איבערלעגען, האט זיא געפונען, אז זייא האבען דא זעהר פיל פערזעהען. זייא האבען גאר געדארפט, פערקעהרט, אדאלפען אבהאלטען דא אונ איהם אללעס ערצאהלען, אונ ער וואלט געווים גלויבען; אונ פילייכט וואלט ביא איהם אפילו גבליבען אספק, איז דאך אלך בעסער דער ספק, איידער וואס ער איז היינט געבליבען ביא דער געוויסהייט, אז דאס קינד איז איהרער. ווייטער וועגען דעם קינד אלליין האבען זייא זיך גאר ניט געדארפט שטיקען אונ בעהאלטען, האבען בעסער געדארפט גאנץ איינפאך אבגעבען אין דער פאליציא: אז זייער הויז מיידעל פייקע איז אוועק אין מיטען נאכט, האט זיא בעגאנגבעט; מען האט זייא אונטערגעווארפען אקינד אונ זייא זיינען חושד, אז דאס קינד איז איהרער. דאס וואלט דאכט זיך זיין גאנץ גלאט אונ גוט. נאר זיא אונ דיא מוטטער זיינען דאך פרויען מיט שוואכע הארקטערין, דער אלטער איז אויך קיין יאבעדניק געוועזען. דער צו זיינען זייא געווען אזויא אנגעשראקען פון דיא רייד פון דיא נשים צדקניות, עס קומט אריין אדאלף פלוצלונג... שמשין איז ניטא דער היים... דיא צייט איז קורץ, ניטא ווען זיך צוא איבערלעגען אונ מען מוז זיך אויס גיך בעשליסען, וואס צוא טאן. זא האבען זייא געטאן, וויא מען דערציילט פון אבעדען, וועלכעס וואר זעהר פאהרלאססיג אונ איבער איילט אין יעדער זאך. יענעס סאדבען איז געוועסען אונ האט געשריבען איהרע רעקציאן. מען האט אנגעקלינגען אין טהיר, זיא לויפט עפענען. אבער זיא גיט האסטיג אשפרונג פון שטוהל, ניט אטרייסעל דעם טיש, עס איז אראב געפאללען איהרע העפטען מיט דעם טינטער. דיזער וואר אגרויסער אונ פול מיט טינט, וועלכע האט זיך פאנאנדער געגאסען איבער דער דילע. זיא האט מורא פאר דעם פאטער, ער זאל זיך ניט בייזערן אויף איהר דער פאר, זא חאפט זיא אראב פון זיך איהר דידענעס טיכיל אונ ווישט אויס דיא דילע. ערשט האט זיא דערזעהען, וואס זיא האט דא געטאן; זיא האט ווידער מורא פאר דער מוטטער, זא

האט זיא אויך גיך אווארף געטאן אן אזייט דאס זיידענע טיכעל, אום דיא מוטטער זאל עס ניט דער זעהען. זיא האט אבער געווארפען דאס טיכעל אהען בעט, וועלכעס איז געשטאנען אין צימטער אין וועלכעס וואר פערבעט מיט אנוטער זיידענער דעקקע. זיא האט ווייטער מורא, דיא מוטטער וועט דער זעהען דעם טינטענפלעק אויף דער דעקקע, זא האט זיא געהאפט דער מוטטערס רעטאנדע, וועלכע איז דארטען געהאנגען אפען וואנד אונ וועלכעס וואר פון העלעם אטלאס אונ האט אוואורף געטאן אויף דעם פלעק פון דער דעקקע. אונ אלין פון אייגענעם וויל זיא אימטער בעסער מאכען אונ מאכט אימטער ערגער. יענער מאן איז אימטער געשטאנען דרויסען אין אונגעדולד; ער האט ווידער גענומען קלינגען אין טהיר. דאס מאדכען אין פיל פערדרוס, וואס זיא האט געמאכט אזויא פיל שאדען, לויפט זיא נאך האסטיג עפענען דיא טהיר; זיא פארצעפעט זיך דיא פיס אן דעם דילענטוך אונ פאלט אויף דעם ווינקעל פון אשטוהל אונ ברעכט זיך אויס צווייא ציינער. — אויף דיזע ארט האבען געטאן אונזערע צו מישטע אונ צו טומילטע אמאליע אונ דבורה: זייא ווילען אימטער בעסער מאכען, אונ האבען אימטער ערגער געמאכט.

אלזא אמאליע האט זיך איבערלעגט אללעס, וואס זייא האבען געטאן אונ האט געהאט דעם ביטטערסטען פערדרוס, וואס זייא האבען אזויא פיל פערזעהען, אונ דאדורך האבען זייא זיך פערשאפט אזויא פיל צרות אונ פילייכט נאך אגרויסעס אונגליק: דער פאטער איז ניטא; ער איז פערשוואונדען אונ מען וויים ניט, וואס פון איהם איז געווארען. וואו איז ער יעצט? וואס טהוט זיך מיט איהם. זיא ליבט דעם פאטער פון גאנצען הארצען; ער איז בייא איהר טהייערער פאר אלץ אין דער וועלט; זיא וואלט פאר איהם אויף אפפערין איהר גאנצעס לעבען. אין אללע איהרע האפפענונגען פון דער צוקונפט, האט זיא אימטער געטראכט וועגען איהרע עלטערין, וויא זייער לאגע אויף דער עלטער צוא פערבעססערען, זייא זאלען אין דיא שפעטערע יאהרען האבען אטרויסט פאר אללעס, וואס זייא זיינען אוים געשטאנען אין דיא פריהערע צייטען. מיט אמאל טרעפט היינט מיט איהר ליבען פאטער איין אונגליק, אונ דורך וועמען דורך איהר; זיא איז היינט דיא אורזאכע פון זיינע צרות, וואס ער ליידעט היינט. אונ וואס טהוט מען? זיא איז בערייט צוא מאן אללעס אין דער וועלט נאר דעם פאטער צו רעטטען.

זיא לויפט ארום איבערין צימטער, ברעכט דיא האנד אין דער גרעסטען פערצווייפלונג. זיא ווארט פילייכט קומט דיא מוטטער אריין אונ זיא האט וואס דער גאנגען... פילייכט וועט ער אליין אריין קומען אונ וועט ערקלארען, אז מיט איהם האט ניכטס געטראפען... גלאט... עפעס אקליינינקייט וואס עס איז.

מען עפינט דיא טהיר. זיא לויפט ענטגעגען... עס געהט אריין שפייל שבא:

(דער פובב) ח"ד

46.

צווייא טראפפען טינט .

אמאליע גיט אקוק אויף איהם אונ ווארטעט , וואס וועט ער איהר זאגען ; זיא האט געפיהלט , אז זיין קומען בעלאנגט דאס אין איהר פאטער אונ פון איהם וועט זיא וואס וויסען וועגען איהם . זיא האט איהם געקענט ; דען ער פלעגט וועגען צוא זייא אריין קומען .

ער גייט האסטיג אריין אין זאל , שטעלט אוועק זיין שטעקען , נעהמט אראב זיין הוט , נעהמט זיין טאשעטיכעל אונ ווישט זיך אב דעם שטערען פון שוויים ; דען עס זעהט אויס , ער איז האסטיג געגאנגען .

זיא קוקט איהם אן מיט געשפאנטער ערווארטונג .

— איך האב ערשט געזעהען דיין טאטען , אמאליע ! — זאגט ער .

— מיין פאטער האט איהר געזעהען ? — גיט זיא אגעשרייא אונ לויפט צו האסטיג צוא איהם . וואו איז ער ? וואס טהוט זיך מיט איהם ? פאר וואס איז ער אליין ניט געקומען ?

— ווייל ער קען ניט . — ענטפערט ער געלאסען .

— וואס הייסט , ער קען ניט ! — שרייט זיא צוא קאכט : — ער איז ניט געזונד ? עס האט מיט איהם עטוואס געטראפען איין אונגליק ? זאגט גיכער . . . אוי , איך האלט ניט אוים ! א מיין ארעמער פאטער !

— בערוהיג דיך אביסיל אונ הארך מיך אוים .

— איך הער , אבער גיכער . . . רעדט . . . .

— איך גייא יעצט פאר ביא דער פאליצייא . . . — זאגט ער ווייטער לאנגזאם .

— מיין פאטער איז ארעסטירט ! — שרייט זיא אויס אין גרוים שרעקען אונ איז געווארען בלייך וויא אטוך , זיא האט גענומען שוידערין .

— יע , ער איז ארעסטירט , אמאליע ; אבער עס איז קיין בייז ניט . . . .

— אוי מיין פאטער ארעסטירט ! — האט זיא גענומען זיפצען אונ ברעכען מיט דיא האנד . זיא האפט איהר מאנטעל , נעהמט איהם אנטאן .

— וואס ווילסט דוא טאן , אמאליע ?

— וויא הייסט עס , וואס וויל איך טאן ? איך מוז לויפען צוא מיין פאטער . . . איך מוז לויפען צום פאליצייא־מייסטער . . .

— דאס וועט נישט העלפען , אמאליע ; דוא הארך מיך בעסער אוים .

— אונ אז איך וועל אייך אויס האבען ?

— קען זיין , אז דוא וועסט קענען וואס העלפען , אויב דוא וועסט וועלען .

— וויא הייסט עס ניט וועלען ! . . . פאר מיין פאטער לייג איך מיין לעבען .

— טא הער מיך אקארשט אויס. איך געה פארביי דער פאליציי פערטראכט דארטען אין מיינע ענינים. איך הער מען רופט מיך מיט נאמען. איך גיב אקוק: ר' שמשון שטערן זיצט אונטער איין אייזערנע רעשאטקע. איך רייב מיר אויס מיינע אויגען, דעז איך האב זיך אליין ניט געגלויבט: ר' שמשון שטערן זאל זיצען, וואו זוליקעס זיצען! עס איז פון מיר געווארען אשע; איך בין דאך מיט דיין טאטען לאנגאניגע נוטע פריינד. ער דער ציילט מיר אגאנצע מעשה: מען האט דא ביי איך אונטער געווארפען אקינד, זא האט ער איהם גענומען געכטען ביי דער נאכט אוועק טראגען און אונטער ווארפען צו איינעם אבעזדעטניק, וועלכער וואלט מיט דעם קינד צו פרידען זיין. יענער וואוהנט גראד אויף יענער זייט טייך... און נעבען טייך האט איהם גראד בעגעגנט דער אבהאד, מען האט איהם איבער גענומען און ארעסטירט. היינט אבוויניעט מען איהם, אז ער האט געוועלט דאס קינד אריין ווארפען אין אפראורובקע פון טייך.

— אי וויא איז מיר! וויא איז מיר! האט זיא גענומען שרייען, און האט זיך אנגעהאפט פארן קאפף. ער שווייגט און ווארטעט שוין, וואס וועט זיא יעצט זאגען.

— וואס וועט יעצט זיין? — פרעגט זיא העכסט איפגערעגט: — וועלבעס שיקזאל ערווארטעט יעצט אויף מיין פאטער? רעדט ארויס... זאגט!

— הם, — ברומט ער פאר זיך. — ניט גוט.

— רעדט... זאגט, וואס ערווארטעט מיין פאטער? וואס וועט יעצט זיין?

— אוגאלאווני סוד (קרימינאל פראצעס), — ענטפערט ער שטיל.

— אוגאלאווני סוד, זאגט איהר! — שרייט זיא מיט אהערצרייסענדער שטימע.

— נאטירליך... אז מען אבוויניעט איינעם, ער האט געוועלט הרגנען אמענשען... אקליין קינד איז אויך אמענש. דאס הייסט פאקושעניע נא אוביקסטווא, (איין מארדאנשלאג).

— וואס קומט דער פאר?

— איך וויים ניט. אדער פאסעלעניע און סיביר אדער אפשר קאטארגא אויך...

זיא שלעפט אויף זיך ארויף איהר מאנטעל אין לאזט זיך געהען. ער האלט זיא צוריק און זאגט איהר: עס איז אומזונסט דיין גאנג. דוא וועסט נאך ערגער מאכען. הער מיך בעסער ווייטער.

זיא בלייבט ערשטארט שטעהען.

— וואס? — פרעגט זיא מיט אוויינערליבער שטימע: — מען קען נאך פיללייכט העלפען? און וויא, אז ער איז שוין...

— הער צו, אמאליע, וואס איך וועל דיר זאגען: איידער עס ווערט אפאנאר איז אלע מאל פריער אשוועבעלע אדער אפונק: אז מען פערשטיקט

דעם פונק פון אנהייב אן, איז קיין פאזאר ניטא; און אז מען לאזט איהם זיך פאנאנדער ברענען, ווערט אפאזאר. וואס שלינגט איין גאנץ שטאדט. יעצט איז אייער דיעלא נאך אפונק און מען קען דאס נאך פערלעשען,

— ווער קען דאס טאן?

— דא איז פראנען אגביר אין שטאדט: איך בין ביי איהם איין איינגעהער אין הויז און בין ביי איהם אנגענומען. ער איז מיט פאליציא אט פינגער בפינגער, וויא איך זאג דיר. ער וועט זאגען איין ווארט דעם פריסטאוו, וועט ער גלייך איבער מאכען דעם פראטאקאל, און דיין פאטער וועט ער ארויס לאזען אהיים.

— א, ר׳ שפטל, טהוט דאס... פערלאנגט פון מיר וואס איהר ווילט, נאר געהט אויף גיך צוא יענעם גוטען רייכען מאן און פועלט דאס ביי איהם.

— איך בין שוין געוועזען ביי איהם, אמאליע.

— איהר זייט שוין געוועזען ביי איהם! נו נו?

— וויא הייסט עס? איך האב דאך דיר געזאגט, אז איך בין מיט דיין טאטען דיא בעסטע גוטע פריינד. איך בין גלייך אוועק געלאפען אהין, האב איהם געבעטען, און ע ע ע...

— נו וואס? וואס? רעדט גיכער... קוועלט מיך ניט.

— ער האט געזאגט: ער וועט דאס טאן, נאר דיא טאכטער זאל וועלען.

— וויא הייסט עס! וואס רעדט איהר, ר׳ שפטל?... איך וועל געהען פאר מיין פאטער אין פייער און אין וואסער, ובפרט ער איז נאך ביי אזוא איין אונגליק.

אלזא, — זאגט ווייטער שפטל שכנא, — וויא איך האב געזעהען אז מען פערלאנגט עפעס פון אייך אקליינינקייט, און ביי אייך קען אפשר אויס קומען אז ניט אויך, זא בין איך גלייך אוועק צוריק צו דיין פאטער, האב איהם ערצאהלט, וואס איך האב געטאן און וואס עס ווענדט זיך. ער האט גלייך פערלאנגט אשטיקל פאפיר. איך האב איהם דער לאנגט דורך דיא רעשאטקע אבלייפעדער מיט אשטיקיל פאפיר, און אט האט ער אנגעשריבען צוא דיר אפאר ווערטער. גלויב מיר ניט אויף מיין ווארט, און זעה מיט דיינע אויגען — נא לייען.

זיא נעהמט דאס צעטעלע און לעזט אזוא: „ליבע טאכטער, איך בין ארעסטירט׳. איך האלט ביי אגרויסען אונגליק. רעטע מיך וויא דוא קענסט. דיין אונגליקליכער פאטער שמשין״.

— וואס פערלאנגט מען פון מיר? — שרייט זיא מיט אונגעדולד. — איך טהוא אלץ אין דער וועלט. מיר וועלען פערקויפען אלעם, וואס ביי אונז אין שטוב איז, ביז אפאדען. איך וועל לויפען, וואו הין מען וועט מיך

שיקען ... איך ענטזאג זיך פון אלץ אין דער וועלט ... נאר מיין פאטער ... מיין פאטער גיט מיר אהער.

— מען פערלאנגט פון דיר, אמאליע, קיין קאפייקע געלד ... דוא דארפסט ניט לויפען, ניט טאן קיין שווערע זאך. מען פערלאנגט פון דיר נאר, דוא זאלסט אנשרייבען עטליכע ווארטער, ווייטער גאר נישט.

— וואס זאל איך שרייבען?

— דאס וואס איך וועל דיר דעקטירען.

— נו גוט. איך בין בערייט אויף אלעם.

זיא נעהמט טינט אונ פעדער אונ פאפיר. זעצט זיך ביים טיש.

— נו, דיקטירט, — זאגט זיא אונרוהיג.

— „ליבער יאזעף" — האט ער אנגעהויבען.

זיא גיט אוועק דיא פעדער אונ שטעלט זיך אנידער. זיא איז געווארען רויט צו קאכט.

— וואסער יאזעף? — שרייט זיא, — איך קען קיין יאזעפען ניט ... וואס ווילט איהר דא מאכען פון מיר ר' שפטל?

— דוא האסט ערסט געזאגט: דוא ביזט בערייט אויף אלעם?

— יע!

— דוא ענטזאגסט זיך פון אלעם?

— יע, צו ליב מיין פאטער ... אלעס אין דער וועלט.

— אלזא, טא שרייב אלעס, וואס מען הייסט דיר.

— איך וויל פריער וויסען וואס דא איז. זאגט מיר אקארסט, ווער איז דאס יענער מאן, וועלכער פערלאנגט פון מיר אזעלכע זעלטזאמע שריפט ... צו אמענשען, וואס איך קען ניט אונ וואס איך וויים ניט ... ווער איז יענער מאן?

— הארביץ אייזבערג איז דער מאן, וואס קען רעטען דיין פאטער.

— הארביץ אייזבערג! גיט זיא אנעשרייא אונ האט זיך אנגעהאפט פארן קאפף.

זיא האט גענומען ארום לויפען איבערן שטוב אין דער גראסטען אויפרעגונג.

— אוי ווייא, אוי ווייא! דיזער מאן פערלאנגט פון מיר אצוהויבען פרייז פאר מיין פאטער.

— וויא דוא ווילסט, אמאליע. איך נויט דיך ניט, — זאגט ער קאלט בלוטיג.

— גערעדט ניט. וואס וויל ער? — שרייט זיא איהם נאך.

— אז דוא זאלסט זיך ענטזאגען פון אדאלפען.

— זיך ענטזאגען פון אדאלפען! — גיט זיא אביטערן זיפץ.

— הער צו, אמאליע, לאמיר זיך ניט נארען. אפען גערעדט. דוא ביזט פאר אדאלפען קיינע פארטיע: ערסטען וועט דער פאטער זיינער ניט צוא לאזען אים קיינעם פאלל; צווייטען איז אייער ליבע גלאט ווערט איין אויס-

געבלאזענעס איי ; דאס איז מעהר ניט אקינדערשער חלום. אונ אפעווייז האסטו,
אז ער ליבט איין אנדערע אויך, וויא דיר איז שוין בעקאנט. אדאלף איז
אהיטצקאפף ... ער ליבט אלעמען. מיט וועלכע פריילין ער ווערט נאר בעקאנט,
ווערט ער אצוקאכטער. אזא ענטזאג זיך פון איהם אונ אמעשה מיט אסוף,
אונ דער מיט רעטעסט דוא דיין פאטער.

אמאליע האט ווייטוטהיג אזיפץ געטאן :

— איך וועל זיך בעדיינקען, — זאגט זיא.

— אך, דוא קענסט זיך דענקען, וויא פיל דוא ווילסט ... איך נויט
דיר ניט. אבער איך מוז דיר זאגען, אז אין דרייא פירטעל שעה ארום וועט דער
פאטער זיין ביין שלעדאוואטעל ; דען. דאס מוזטו וויסען, אז דער פריסטאוו
האט קיין פראווא ניט צו האלטען בייא זיך איין ארעסטירטען. אונ וויא דער
פאטער איז בייא דעם שלעדאוואטעל, זא איז שוין פון דעם פונק געווארען
אפאזאר. וואס מען קען ניט לעשען, וויא איך האב דיר שוין געזאגט.

— נו איך וועל שרייבען, — זאגט זיא מיט אפערשטיקטער שטימע
אינדעם זיא האט זיך ווידער געזעצט ביין טיש : — אבער פאר וואס ניט צו
אדאלפען אליין ? ווארום צו אפרעמדען, וואס איך קען ניט ?

— אדאלף וועט נישט גלויבען, — זאגט ער ; — דא מוז געהען פו
דער זייט.

— „ליבער יאזעף, שרייבט זיא מיט ציטערנדער האנד.

— „מיר האבען אפילו אבגערעדט׳ — דיקטירט ער ווייטער, — „אז
אונזער הופה זאל זיין אין אוואך ארום נאך דער געבורט פון אונזער קינד״.

— געבורט פון אונזער קינד ! ! — גיט זיא אגעשרייא אונ אשפרונג פון
שטוהל. — א וואס פאר אהעלישע אינטריגע ! ... א איך האלט ניט אויס !
זיא האט גענומען ארום לויפען איבערן צימער אין דער גראסטען וואוטה,
וויא אטיגרין אין איהר קלעטקע.

— א ניין, ניין ! גאט, שטראף מענשען מענשליך אבער ניט טייוולש.
ר׳ שפטל, אונ איהר האט זיך דאס אנגענומען צו זיין אמלאך חבלה ? איהר
ווילט דאס זיין אוועקציינ פון דעם אשמדאי ?

— איך וויל רעטען דיין פאטער. אמאליע.

— איך ענטזאג זיך דאך פון אדאלפען, וואצו נאך דיזע העלישע שאנדע.
ער רייסט מיר ארויס מיין הארץ ; אבער וואצו נאך מיך פיהרען אפען שאנדוואגען
ווען איך בין ניט שולדיג ?

— הער צו, אמאליע׳ אט דער צעטעלע דארף געמאכט ווערען, אום ער
זאל אריין פאלען בייא אדאלפען אין דיא האנד, נישט מעהר ; אונ דיא וועלט
וועט דער פון ניט וויסען. אבער אז עס וועט זיין אדיעלא אין אקרוזנאי
סוד, וועט דארטען גערעדט ווערען ; וויא שמשין שטערן האט געוועקט
ערטרינקען אקינד, וועלכעס זיין טאכטער אמאליע האט געבארען. דאן איז

(דער פוכס ה״ד

דיין

דיין פאטער פערלארען ; דוא ביזט ניסאאוצאסטניצא אונ פידייכט דיא הויפט שולדיגערין , אונ דער צו נאך בלאמירט פאר דער גאנצער וועלט ; ניט פאר איין מענשען , וויא היינט איז דער פאך יעצט קלייב זיך אוים ; דיא צייט איז קורץ .

— נו , דיקטירט ווייטער , — זאגט זיא , זיך ווידער זעצענדיג .

— „נאך דער געבורט פון אונזער קינד" — דיקטירט ער ווייטער — „אבער הייטע זעה איך , אז אונזער חופה זאל זיין ניט שפעטער וויא מארגען . דיא וועלט וויים שוין פון דעם קינד . דער יונגער אייזבערג גיבט מיר אימער נאך קיינע רוהע . . ."

— הערליך ! — זאגט זיא ווייאמוטהיג , — ווייטער , ווייטער .

— „וואס איך האב איהם פאר פיר מאנאטען צוריק אב געטריבען פון זיך , האט נישט געהאלפען" — דיקטירט ער ווייטער . — „ער וויל נאך אימער ניט פערשטעהען , דער נאר , אז איך האב איהם ניט געליבט אונ קען איהם ניט ליבען" .

— א ניין , ניין ! — שרייט זיא מיט אהייזעריגער שטימע : — שניידט מיך מיט מעסער . . . ברענט מיך מיט אנגעגליהטע אייזענס , אינקוויזיטאר . . . נאר אוי וויא ! פערלאנגט פון מיר ניט צו שרייבען אזעלכע ווארטער .

— אזוא פערלאנגט הארין אייזבערג ; איך בין ניט שולדיג .

— ניין , טהוט וואס איהר ווילט ; איך וועל ניט שרייבען .

— נו , אגוטען טאג ! — זאגט ער , אינדעם ער האט גענומען זיין הוט אונ שטעקען אונ וויל געהען .

זיא האלט זיך פארן קאפף אונ לויפט איהם נאך וויא פון זינען אראב .

— גייט , גייט ! דיקטירט ווייטער , נאר רעטעט מיין פאטער .

— ער קעהרט זיך אום צוריק אונ זאגט ווייטער :

— „אונ איך קען איהם ניט ליבען" .

זיא שרייבט אונ שווערט , שקריעט מיט דיא ציין אונ אטהמט שווער .

— „נאר נאך אונזער חופה וועט ער עפנען דיא אויגען אונ איך ווער פון איהם לויז אויף אלע מאל . דיינע עוויג טרייע אמאליע" .

— נו געענדיגט ! — זאגט זיא ווייטהיג — געענדיגט מיין טאדעס — אורטהייל . אין דיזעם שטיקל פאפיר ליגט ביין לעבען מיין גליק , ר׳ שפטל , מאכט דאס , אז דער יונגער אייזבערג זאל דאס לעזען ה׳ ה׳ ! וואס פאר אהעלישע דראמע דאס איז ! אט איצטער פערשטעה איך וואס אטייוועל קען . גאר אהן מעסער . , . אהן בלוט פערגיסען . . . נאר מיט צווייא טראפפען טינט , אונ צווייא לעבענס אבגעשניטען . . . ארמער אדאלף , וואס דוא וועסט געבעך צוא ליידען ! . . . פאטער , פאטער ! . . . אז דוא וואלסט וויסען וואס איך האב געטאן פאר דיר !

מיט דיא רייד איז זיא ארויס געלאפען .

שפטל (דער פוכס) ה״ד

שפטל שכנא איז געבליבען אליין אין צימער. ער קוקט אפען צעטל אונ שמייכעלט. נוט, — זאגט ער, — יעצט איז שוין אלעס אויס געפיהרט. איצטער דארף מען זעהען, דאס צעטעלע זאל אריין פאלען איהם אין האנד. שפטל שטרעקט אויס די האנד צו געהמען דאס פאפיר. ער גיט אקוק אין פענסטער, ער זעהט, אדאלף געהט אהער.

— א נוט, — זאגט ער, — נאך בעסער וויא געוואונשען. לאז ער געפינען דאס צעטעלע בייא איהר אפען טיש, וועט ער שוין געווים גלויבען, אז דאס האט זיא געשריבען. דער ווייטע לאס איך זיך אבטראגען.

שפטל איז גלייך ארויס געגאנגען פון דעם צווייטען חדר. אדאלף איז גלייך אריין מיט דעם פאראדנעם חדר.

47

אוים געפיהרט.

בייא הארץ אייזבערג אין קאבינעט זיינען געזעסען הארץ, זונדל פוכס, רפאל יונה דער שדכן אונ שפטל שכנא, וועלכער איז ערסט געקומען פון אמאליען. אויף דעם טיש איז אנגעשטעלט איינגע בוטלען מיט משקה אונ צו בייסען. אלע זיינען פרייליך אונ מונטער.

— לחיים, ברידער! — זאגט הארץ האלטענדיג אבאקאל ווייך אין האנד: — אויפ'ם וואהל פון די יונגע פאר אדאלף אונ מאטילדע אייכענשטאם. גאט זייא דאנק, אונזער ענין איז שוין אוים געפיהרט.

לחיים! לחיים! — ענטפערן אלע, האלטענדיג בעכער ווייך אין האנד — געלויבט איז גאט! אוים געפיהרט אונ אוים געפיהרט!

זייא טרינקען אלע אונ בייסען צו. האבען גענומען ריידען פון דער גאנצען אינטריגע. וויא דא איז אלעס צו געגאנגען.

— עס איז געוועזען אשיינע מלחמה, — זאגט הארץ, — גיבא וואס צו ריידען, אז מען האט געדארפט מיט אזא משוגענעם, מיט אזא מין הימצקאפף קאמפפען. ער האט זיך איינגערעדט, דער נאר, אז ליבע איז די וועלט אוים; מען דארף ניט קוקען אויף קיין זאך, נאר ליבע אונ ליבע. אשרעק, וויא איך בין אאיד, אין איצטיגע דורות זאלען זיך איינגעפינען אזעלכע משוגעים. אונ נאך בייא וועמען? בייא מיר, וואס איך בין איין עכטער מאטעריאליסט אונ האלט ניט פון קיינע חלומות, פון קיינע פוסטע פאנטאזיעס.

— עס איז מיר אוואונדער, — זאגט רפאל יונה, — וואס ער איז געגאנגען אין דער לאוואושקע אזוא לייכט אונ גראט. דאכט זיך אקלונער אונ אקלוגער אונ פארט אריין געפאלען.

— עס איז גאנץ איינפאך, — זאגט פוכס, — ער האט ניט געוואוסט, אז דא איז געוועזען נאכשטעלער, בעהאלטענע. מאקע אויף איין אפענעם

שלאכטפעלד, ווען יעדעס איז בעוואוסט די קרעפטע פון זיין געגנער, איז שווער צו זאגען; אבער אז איין צד ווייס גאר ניט, אז מען האלט מיט איהם מלחמה, און ווייס אויך ניט, אז אויף זיין וועג איז דא גריבער און דערנער פערשטעלטע, יענער האט ניט וואס פארזיכטיג צו זיין און פאלט אריין. איך האב אלין מורא געהאט. ער זאל זיך ניט חאפען, אז דא ארבייטעט אנגעהיימע מאשינע געגען איהם, — דאן וואלט געוועזן שלעכט.

— אבער אז עס איז אלעס צו געגאנגען אזוי נאטירליך, — זאגט שפטל שכנא, — מיט אזא גראדען וועג, אז ער האט זיך גאר ניט געקענט חאפען.

— ניט אומזונסט רופט מען דיך פוכס, — זאגט האראן איהם פאצרעגדיג אפען פרייצע. — עפעס דיינע איינפאלע זיינען אזוי ליסטיג, אזוי קונציג אויס גערעכנט, אפראכט. און אלעס האט אזוי געפיהרט צום ציעל. בראווא, פוכס, מאראדעץ!

— איך האב זיך געוואונדערט פון אנהייב, — זאגט שפטל שכנא — פון וועסט וועגען דארף ער דא, איך זאל מיט שמשינען און מיט נאך איינגע מענשען מאבען אריד אין קלויז וועגען קינדער און וועגען אונטער געווארפענע קינדער... און אז עס איז דא אמענש אבעזעטניק, וואס וויל האדעווען קינדער... איך קלער און וואונדער זיך אלין; וואס איז דאס שייך צוא דעם שדוך מיט פריילין אייכענשטאם. ערסט, דער שגץ, ער האט אויס גערעכנט אגאנצע מאשינע. ער האט געוואוסט, אז מען וועט אונטער ווארפען שמשינען אקינד. וואס דאס איז פאר אקינד ווייס איך נאך היינט אויך ניט; נאר ער, דער שגץ, ווייס מסתמא גאנץ גוט. א ער ווייס אסך זאבען, וואס מיר זיינען ניט ווערטה צו וויסען. אלזא פערשטעהט איהר, מיינע הערן? די ערסטע פעולה פון דעם קינד איז געוועזען, אז אדאלף איז געקומען צוא אמאליען מיט אוויזיט. נאך זיינער לאנגע רייזע און נאך זיינער קראנקהייט, האט ער געהאט דעם ערסטען כבוד דאס געשריי פון אקינד ביי אמאליען אין צימער הע הע! ווי א טייוולש דאס איז! דער ווייטע איז ער ענטלאפען פון איהר ווי א איין אינטערעסאנטער. און טאמער וועט ער זיך נעהמען איבערלעגען און וועט נעהמען טראכטען, אז דא מוז זיין וואס אנדערש. אט האט ער, פוכס, זיך אויס גערעכנט: דער אלטער וועט דאך געוויס וועלען לויז ווערען פון דעם אונגעבעטענעם גאסט, פון דעם קינד. און וועט איהם דאך וועלען אוועק טראגען וואו עס איז, זא זאל ער איהם טראגען אויף יענער זייט טייך צוא אבעזעדעטניק וואס ווארט בלומערסט אויף אזעלכע געסט. דער ווייטע וועט ארויף קומען פאליצייא וועלכע וועט שוין פריער וויסען דער פון און וועט ווארטען אויף איהם אין אהינטער האלט. דיזע וועט איהם חושד זיין, אז ער וויל דאס קינד דער טרינקען. זא האט ער אויף זיך איין אונגלאוביגע דיעלא. די טאכטער וועט קומען אין גרויס שרעקען און אום צו רעטען איהר פאטער, וועט זיא טאן אלעס אין דער וועלט, וועט אויפאפפערן אדאלפען מיט איהר

ליבע מיט אלעם מיט איינאנדער . לכן אט האט זיא היינט געשריבען . אבריפעלע , אין וועלכען זיא זאגט אליין , אז דאס קינד איז איהרער . אונ אדאלף געפינט דאס בריפעלע אונ לייענט איהם דארטען הא הא!

— דאס איז גאונות . חלעבען . — זאגט רפאל יונה .

— דאס איז געניאלנא , — זאגט האראץ . — גוט אוים געערכנט אונ גוט אוים געפיהרט , בראווא , מיין ליבער פוכס !

— אונ איך זאג בראווא , ר׳ שפטל שכנא ! — זאגט פוכס מיט אשמייכעל . — ער האט גוט אונטערגעפיהרט דיא מעשה מיט דעם בעזדעטניק , אונ היינט גוט אבגעשפילט דיא ראלע מיט אמאליען ; האט איהר געמאכט אזא שרעק מיט איהר פאטער אזוא גלאט אונ קונציג , וויא ער ערצאהלט , אז זיא האט זיך גלייך געזעצט אונ האט געשריבען אלעס , וואס ער האט איהר דיקטירט . נאר מיר האבען געשפילט מיט גליק אויך . זיא האט גאנץ גוט געקענט זאגען : וויא דער פאטער קען העלפען , קען דאך דער זוהן אויך העלפען . דאן וואלט געווען אלעס פערלארען . נאר זיא איז געווען אזוא אנגעשראקען , אז זיא האט גאר נישט געקענט זיך איבערלעגען אונ זיא איז געגאנגען אין דער לאוואושקע וויא אטייבעלע .

— איהר ווייסט , הערר אייזבערג , — זאגט שפטל , — מילא מיר קריגען דאך אונזערע שדכנות פאר דעם שידוך מיט פריילין אייכענשטאם ; אבער אייער פוכס איז ווערט אשיינעם פראזענט .

— געווים , געווים , — ענטפערט אייזבערג , — ער וועט פון מיר צוא פרידען זיין .

— אויסער אלעם , — לאכט פוכס , — ערווארטעט מיך נאך אגראסערער פראזענט ; וואס איהר קענט זיך גאר ניט פארשטעלען .

— וואס קען דאס זיין ? פון וועמען רעכענט איהר עס צו בעקומען ?

— טאקע פון שמשינען הע הע !

— פון שמשין שטערן ? — פרעגען אללע אין דער גראסטען פערוואונדערונג , פון דעם , וועמען איהר האט פערשאפט אזוא פיל צרות ?

— טאקע פון איהם אליין הע הע ! אונ ווייסט איהר וואס ?

— נו נו וואס ? — פרעגען זייא אימער אין שטייגענדער פערוואונדערונג .

— זיין טאכטער , אמאליע .

אללע קוקען איהם אן פערוואונדערט .

— דוא ביזט פון זינען אראב , זונדל , — זאגט האראץ .

— איך רייד וויא אקלארער , זארגט נישט . היינט דארפט איהר וויסען , איז זיא שטארק בעפלעקט אונ בעשמוטצט , אז קיינער וועט אויף איהר ניט וועלען קוקען . דעז יעדער וויל דאס געהמען אפרויא , וועלכע אלס פריילין האט געבארען אקינד ? אלזא דאס , וואס פאר איין אנדערן איז אחרון , איז פאר מיר אמעלה , הע הע ! זייא וועלען טאנצען פון שמחה , אז איך וועל זיא גאר

וועלען געהאטען זבפרט נאך אהן נדן אויך . פאר איין אנדערן איז זיא אפסיקע הושענא , אבער פאר מיר , ווייס איך דאך , אז זיא איז איין ארענטליך קינד .

— דאס איז איין איינפאלל , דיא וועלט אוים ! — זאגט רפאל יונה .

— דאס איז טייוליש , וויא איך בין א איד ! — זאגט שפטל שכנא ענטציקט : אזוא פיל אוים צו פיהרען , אז זיין גראסטער שונא זאל איהם נאך וועלען האבען פאר איין איידאם . דאס הייסט , יענער קוסט מיך דער פאר , וואס איך האב איהם געפאטשט העהע !

— אלזא , — זאגט הארץ , — דאס הייסט געשאסען צוויא האזען מיט איין שאס : אויסגעפיהרט צוויא פארטייען דורך איינע אינטריגע . וואוהל , וויא איך בין א איד ! . . , נו , לחיים , ברידער , אויפ'ס וואהל פון דער אנדער פארטיע , זונדל פוכס מיט פריידליין שטערן ! דיזע איז שוין אזוא גוט , וויא אבגעמאכט .

— לחיים , לחיים ! ענטפערן אלע מיט דיא בעכער אין דיא האנד .

— יעטצט , ליבער זונדל , — זאגט צו איהם הארץ , — געה זייא אזוא גוט שיק מיר ארויין אהער אדאלפען . ער זיטצט נעבעך יעטצט אין זיין צימער , וויא איין אבגעפפליקטער האהן פאר זיין לובקע , וואס האט זיך פון איהם אויסגעלאכט . לאז ער ארויין געהען אהער ; איך וועל מיט איהם דורך ריידען אונ היינט וועט זיין דיא תנאים מיט פריילין אייבענשטאם מיט מזל !

48

אללעס פערלארען . דער יאממער .

דער לעזער וועט זיך געוויס ערינגערן , וואס פאר אשלאג עס האט אדאלפען געטראפען , ווען ער איז צום ערסטען מאל געקומען צו אמאליען נאך זיינער ריקרייזע ; ווען ער האט דער הערט דאס געשרייא פון אקינד אין אמאליעס צימער אונ ווען מען האט איהם געזאגט , אז זיא איז קראנק . ער איז ארוים פון זייער הויז נידערגעשלאגען אונ איז אלאנגע צייט געבליבען שטעהען אויפ'ן גאס אנגעשטיטצט אן וואנד אצומישטער . ער איז אזוא געשטאנען זעהר לאנג , אז אלע פאראיבערגעהענדע האבען איהם אנגעקוקט זעהר פערוואונדערט . ענדליך איז ער עטוואס געקומען צו זיך אונ איז גלייך אוועק אהיים . ער איז ארייין אין זיין צימער אונ האט גענומען ארום לויפען הין אונ צוריק אין העפטיגער אויפוואללונג ; ער האט זיך קיין ארט ניט געפונען פון כעס , פון פערדרוס אונ פון הערצעלייד : אמאליע זיין אמאליע איז איהם פאלש געוועזען אונ האט זיך נאך אוים געלאכט פון איהם . זיא האט געבארען אקינד . . . זיין אמאליע האט געבארען אקינד פון איין אנדערן . . . א שרעקליך ! יעטצט איז שוין אללעס רעכט : זיא האט נאך

יעמאלט פאר פיר מאנאטען צוריק געזובט, וויא פון איהם לויז צו ווערען; זיא איז אוועק געפאהרען פלוצלינג אהנע מיט איהם אוואָרט צו ריידען; האט איהם קיינע מאגליכקייט געגעבען, צו וויסען, וואו זיא איז. אונ ווער ווייסט? פילייכט איז זיא נאך געווען דארטען, וואו יענער איז. יע, עס איז קלאר, אז זיא האט איהם פערהאסט... אונ פילייכט נאך פון אנפאנג אן געוועזען פאלש צו איהם. דען דיא אללע פאסטופקעס קען מעהר ניט זיין, וויא פון אפאלשע פרויענצימער. אונ אם ענדע געפינט ער בייא איהר אקינד אונ זיא איז קראנק, ליגט צו בעט, — זא איז שוין אלעס קלאר. אמאליע, אמאליע! דוא זאלסט מיר אזוא פיל טאן!

ער איז אלאנגע צייט געבליבען שטעהען דען קאפף אנגעשטיצט אן זיין האנד געגען וואנד.

ער האט זיך באלד גענומען ערמאנערן דיא צייט פון זייער ערסטע בעקאנטשאפט: וויא ליב, וויא ערנסט זיא האט מיט איהם אמאל גערעדט; וויא זיס עס האט געקלונגען איהרע שטימע; וואס פאר אוואנע עס וואר אין איהרע אויגען, וויא ערנסט אונ וויא איינציגסט האט זיא געמיינט, — זאל אזא ליבעם וועזען מיר פאלש זיין... ניין, — שרייט ער אויס, — דאס קען איך ניט גלויבען. ניין, ניין! אמאליע קען קיין טייוועל ניט זיין! פאר וואס זאל איך ניט גלויבען, אז דא וואר עפעס איין אינטריגע פון שלעכטע מענשען, וועלכע זוכען אונזער בונד צו צעררייסען? לאם איך מיר אקארסט נעהמען איבער לעגען, ווער קען נוטצען ציהען דער פון, אז איך וועל קיין אמאליען ניט האבען? מיין פאטער. ער וויל מיט מיר טאן אבייבע פארטיע. זיין געהילפע איז זינדל פוכס, איין אויסגעמאכטער יונג, אשווינדל קאפף. יע, היינט ווייס איך, אז ער האט זיך טאקע געשדכנט צו אמאליען. אלזא אי צו ליב זיך אי צו ליב מיין פאטער לוינט איהם, אז אמאליע זאל זיין פון מיר אבגעריסען, אונ עס איז אנדערש ניט צוא גלויבען, אז זייא האבען דא יי וואס געטאן; אנדערש קען ניט זיין. אבער וויא? וויא האבען זייא דאס אלץ אויפגעשווינדעלט קען איך ניט פערשטעהען. נאר אז איך קען דאס יעטצט ניט בעגרייפען, דארף איך דען זאגען, אז זייא האבען נישט געטאן? נאר דאס איז געווים, אז אלע צרות, וואס איך האב געהאט אונ וואס זיא האט פיללייכט געהאט, שטאמט נאר פון זייערע אינטריגען; היינט אז איך בין געקומען צו דיזעם בעשלוס, דארף איך זוכען, וואס איך האב יעטצט צוא טאן. אך, וויא דום, וויא אונבעזאנגען איך בין געוועזען, אז איך האב געקענט דאס אללעס ניט בעדענקען אונ דיא ארמע אמאליען אזוא אומזאנסט בעשולדיגען! אפילו דיא פאקטען זיינען שרעקליך. איך הער מיט מיינע אויערן, וויא אקינד שרייט בייא איהר אין צימער... דער צו איז זיא נאך קראנק אויך... שרעקליך!... אבער דאך וויל איך דאס ניט גלויבען... ניין ניין! מיין אמאליע איז ריין וויא דיא זון.

אין אזעלכע געדאנקען איז אדאלף אומגעגאנגען דעם גאנצען טאג . ער האט געוואלט געהען נאך אמאל צו איהר , נאר ווי באלד דיא מוטער האט איהם געזאגט : מארגען , אונ האט ער געמוזט ווארטען ביז מארגען , האט דיזער איין טאג איז איהם געוועזן שווערער צו ווארטען וויא דיא גאנצע צייט פון זייער טרעננונג . אויף מארגען אוהר אכט איז ער אוועק צו אמאליען אין דער האפפנונג , אז יעטצט וועט זיך שוין ענדליך אלץ ערקלערען צום גוטען , וויא ער האט פריער אויסגערעכנט .

ער איז אריין צו שמשון אין שטוב . דאס וואר אין דעם זעלבען מאמענט , ווען שפטל , דערזעהענדיג איהם דורך'ן פענסטער , איז גלייך ארויס געגאנגען דורך דעם צווייטען טהאר . אדאלף איז אריין , וויא מיר האבען געזאגט , מיט דעם פאראדנעם טהאר . ער זעהט , קיינער איז אין שטוב ניטא . שמשון וואר דאך ארעסטירט , וויא מיר ווייסען ; דבורה יהודית איז געוועזן אוועק געגאנגען צו אלע איהרע בעקאנטע נאכפרעגען , פילייכט ווייס ווער פון איהם ; אונ אמאליע , גלייך וויא זיא האט געענדיגט איהר אונגליקס בריף , איז גלייך ארויס געלאפען פון שטוב אונ אוועק געלאפען אין דיא פאליציא , פילייכט וועט זיא צוא קומען צוא איהר פאטער , איהם זעהען צו טרויסטען אונ צוא בערוהיגען ; אויך זיין געבען איהם אונ זעהען , וואס מען וועט מיט איהם טאן , צו מען וועט איהם ארויסלאזען אהיים , וויא שפטל האט צו געזאגט אדער ניט ; זיא וועט אויך בעטען דעם פאליציימייסטער , מען זאל איהם ניט בעהאנדלען וויא אפערברעכער , אין דעם זיא וועט איהם ערצאהלען דיא גאנצע געשיכטע אונ בעווייזען וויא אונשולדיג זייא זיינען . צו וועט עם העלפען ווייס זיא ניט , אבער טאן דארף מען דאך .

אדאלף איז אריין אין פארציממער — קיינער איז ניטא , געהט אין עסציממער — קיינער איז ניטא ; אמאליעס ציממער איז געשטאנען האלב אפען . . . אזוא האט שפטל שכנא געלאזען . . . ער געהט אריין — אמאליע איז ניטא , דאס קינד , וואס ער האט נעכטען געהערט שרייענדיג , איז אויך ניטא . ער קוקט זיך ארום אונ וואונדערט זיך , וויא איז דאס אשטוב אליין ? וויא זיינען דאס אלע מיט אמאל פאנאנדער געגאנגען ; דא מוז דאך וואס עם איז זיין . ער זעהט אפען טיש ליגט אביי געלע פאצפאפיר אבעשריבענער , דער בייא טינט אונ פען . ער וואר נייגיריג צו זעהען , וואס איז דא אנגעשריבען , פילייכט וועט דאס נאך זיין אשליסל צוא דער געהען אלץ , וואס דא האט זיך אב געטאן . ער נעהמט דאס שטיקל פאפיר , גיט אקוק , — עם איז איהם פינסטער געווארען אין דיא אויגען , האט זיך אוועק געטאן אויף אשטוהל אונ האט זיך אנגעהאפט פאר'ן קאפף . אמאליע שרייבט צו איין אנדערן , צו איאזעפען , אוי ווייא ! עם איז שוין דא איין אנדערער . . . זיא שרייבט וועגען חופה שטעלען . . . זיא שרייבט אליין וועגען דעם קינד , אז זיא האט

איהם געבארען . . . זיא זאגט , אז זיא זוכט פון איהם , פון אדאלפען לויז צו ווערען . . . א שרעקליך ! ער נעהמט דאס בריפעלע , לעזט עס איבער נאך אמאל , אונ נאך אמאל , — עס איז אימער דאס זעלבע .

— א טייוועל ! — שרייט ער אויס , שקריעענדיג מיט דיא ציין , — אונ דאס האט זיא דאך געשריבען . . . דאס איז איהר האנדשריפט , אפילו מיט אציטערנדע האנד געשריבען , אבער דאך איהרע . . . אונ ביא איהר אפען טיש , אונ אין איהר צימער . קיין אנדערער האט עס ניט געשריבען , קיינער האט עס דא ניט אונטערוואָרפען . א גאט , גאט ! וואס טהוט זיך דא ? איך האב מיך פריהער געהאט אזוא גוט ערקלארט , אז זיא האט קיינע שולד אונ אין אלץ , וואס דא איז געשעהען , איז געוועזען דיא האנד פון שונאים , היינט זעה איך , אז אלעס שטאמט טאקע פון איהר אליין . זיא האט מיך ניע געליבט האט זיך גאר געהאלטען אן איין אנדערן אונ פון מיר האט זיא זיך אויסגעלאכט . פאר וואס ? גאנץ איינפאך ; זיא האט געזעהען , אז מיין פאטער שטערט אזוא דרינגען , זא האט זיא זיך געזוכט אליין פון מיר לויז צו ווערען אונ האט אויסגעמעקט אין איהר הארצען אלע געפיהלע פאר מיר . זיא האט דאס מיר ניט געקענט זאגען , אט האט זיא געזעהען אויף איין אנדער ארט זיך פון מיר צו ערווייטערן . אבער דאך איז דאס אדעמאן , אטייוועל ! זיא זעהט איך לייד אזוא פיל פאר איהר , אונ זיא האט זיך אין הארצען אויסגעלאכט פון מיר . יא , — גיט ער אזיפץ , — מיין פאטער איז גערעכט , וואס ער האט געזאגט , איך זאל זיך ניט פערלאזען אויף דיא ליבעס מיט דיא חלומות ; יעדע ליבע איז געבויט אויף מאטעריאליזמוס ; וואו דער פונדאמענט פון מאטעריאליזמוס איז ניטא , דארטען הערט אויף דיא ליבע . יע , ניטא קיינע ליבע , ניטא קיינע עדלע געפיהלע . א אמאליע . . . אמאליע איז אויס פאר מיר . איך האב שוין דא ניט , וואס צו מאכען . מען דארף געהען . וואס ? ווארטען זיך דורך ריידען ? וואס דארף איך קלארער אונ דייטליכער וויא דיזעס צעטעלע רעדט ? אוי וויא ! זיינע ווארטער געהען פון איהר הארצען . איך האב פערלארען אלעס אלעס אויף מיין וועלט .

ער לאזט זיך לויפען פון צימער , בלייבט וויעדער שטעהען .

— עפעס עס ווילט זיך ניט געהען . . . דאס הארץ לאזט ניט . . . . מען מוז נאך ווארטען .

ער האט זיך אוועק געטאן אויף דעם זעלבען שטוהל , אויף וועלכען אמאליע איז פריער געזעסען אונ האט געשריבען דעם טייוולישען בריף . האט אנגעשטיטצט דעם קאפף אן האנד , אשטראם טרערן איז איהם ארויס פון דיא אויגען .

עס האט זיך געענדיגט דיא טהיר אונ עס איז אריין דבורה יהודית .

(דער פוכס) ח״ד זוא.

49

זיא איז פון זינגען אראב.

הינטער דבורה יהודית איז נאך געגאנגען אפרייליין פערדעקט דאס געזיכט מיט אוואַל א דונקעלן אדיקען וואס מען האט ניט געקענט ערקענען ווער זיא איז. זיא זאגט, זיא דארף עפעס האבען אמאליען.

זיא איז געבליבען זיטצען אין ערכטען צימער און דבורה געהט ווייטער און רופט הויך: אמאליע, אמאליע! אן געה, אכריסטין פרעגט דיך. אמאליע, וואו ביזט דוא?

גאר אמאליע ענטפערט איהר ניט ווייל זיא איז ניטא. דבורה געהט ווייטער, — אמאליע איז ניטא. זיא דער זעהט אדאלפען.

— א אדאלף! איהר? — רופט זיא אויס פריידיג.

— יע, מאדאם, — ענטפערט ער איהר טרויעריג, — איך בין געקומען ניט אין אגעלעגענער צייט?

דבורה איז אלע מאל גוט געוועזען מיט אדאלפען; זיא האט אימער אונטערהאלטען די ליבע פערהאלטניס מיט איהר טאכטער און איהר איינציגער וואונש איז געוועזען צו זעהען איהרע טאכטער פערהייראטהעט פאר אדאלפען. עס זעהט אויס אפילו ניט גאר גלייך, אבער די ליבע גלייכט אויס אלעמען. עס טרעפט אזעלכע געשיכטען, זיא האט אלזא געהאלפען דער טאכטער מיט טראגען איהרע זארגען און זיא האט זיך די גרעסטע פארוויפע געמאכט, וואס זיא האט געבעטען אוועק געלאזען אדאלפען פון דאגען מיט דעם השד, וועגען אמאליען; זיא האט איהם דאן געוועלט חאפען צו ריק, אבער עס ווער אונמאגליך. יעטצט וויא זיא האט איהם דא דער זעהען, האט זיא זיך זעהר ערפרייט, אז יעטצט וועט זיא קענען ווידער גוט מאכען, וואס זיא האט געבעטען קאלע געמאכט. אבער ער איז הייטע געקומען אין זעהר אשלעכטער צייט: מען קען זיך ניט פאנאנדער ריידען וועגען אנדערע זאכען, וואהרענד דא האט געטראפען אזוא איין אונגליק, וואס איהר מאן איז פלוצלונג פערפאלען געווארען.

— וואס טהוט זיך מיט אייך, ליבער אייזבערג! — פרעגט זיא, — איהר זעהט אויס אזויא שלעכט, בלייך און אזויא ראזסטראיעט; איהר ווייסט אפשר וואס מיט אונז האט געטראפען?

דבורה האט ניט געוואוסט פון שפטלס בעזוך און ווייס אויך ניט, אז שמשין איז ארעסטירט. זיא מיינט, אז אדאלף האט זיך וואס דערוואוסט פון שמשינען און ער איז דאס געקומען ערצאהלען.

איך ווייס פון קיין זאך ניט, — ענטפערט ער, — וואס האט זיך ביי אייך געטראפען? אפשר אמאליע...

(דער פוכס) ח"ד

— וויא גֶעפֶּעקְט אַייךְ אַיין אוּנְגְלִיק, לִיבֶּער אדאלף! מַיין שַׁמְשׁין איז הַייְנְט אין דֶער נַאכְט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטוּב אוּנ איז נָאךְ נִיט גֶעקוּמֶען.

— עֶר איז אַרוֹיס אוּנ נִיט גֶעקוּמֶען! שְׁרַייט עֶר אוֹיס עֶרְשְׁטוֹינְט אוּנ אין שְׁרֶעקֶען. — דָאס איז אַמַעֲשֶׂה פוּן אַייעֶרֶע שׂוֹנְאִים.

— וָואסֶערֶע שׂוֹנְאִים? וואו הָאבֶּען מִיר שׂוֹנְאִים? וָועמֶען טְהוּעָן מִיר שְׁלֶעכְטֶעס?

— אַז מֶען הָאט שׂוֹנְאִים אוּנ מֶען ווייס פוּן זֵייא נִיט, איז נָאךְ עֶרְגֶער אֵיידֶער מֶען ווייס פוּן זֵייא, — קֶען מֶען זִיךְ דָאךְ נִיט הִיטֶען. וואו איז דָאס אמאליע? פְרֶעגְט עֶר מִיט אַהֵייזֶערִיגֶע שְׁטִימֶע.

— אִיךְ ווייס נִיט. זִיא איז אוֹיךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען נָאכְפְרֶעגֶען וֶועגֶען דֶעם פָאטֶער. גָאט ווייס, וָואס פוּן אִיהם איז גֶעוָוארֶען!... מַיין אָרֶעמֶער שַׁמְשׁין!

— אָ, — שְׁרַייט עֶר אוֹיס. — וָואס דָא טְהוּט זִיךְ אָב אין דֶעם הויז!... וָואס מַאכְט אמאליע? גֶעכְטֶען איז זִיא דָאךְ גֶעוֶועזֶען נִיט גֶעזוּנְד.

— גֶעזוּנְד איז זִיא אַדַאנְק דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען, — עֶנְטְפֶערְט זִיא, — נָאר הַארְצְווייטָאג הָאט זִיא גֶעהַאט, מַיין פֵייגֶעלֶע, זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שׁוֹמֵר וּמַצִיל זַיין. גָאט ווייס! אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, זִיא זָאל ח"ו נִיט קְרַאנְק וֶוערֶען. אַקְלֵיינִיגְקֵייט! אַקְלַאפּ נָאךְ אַקְלַאפּ.

— וָואס פַאר אַהַארְצְווייטָאג הָאט זִיא דָאס?

— וָואס רֶעדְט אִיהר! גֶעזוּנְט זָאלְט אִיהר זַיין! אַקְלֵיינִיגְקֵייט... מֶען הָאט דָאךְ אוּנְז אוּנְטֶער וָוארְפֶען אַקִינְד...

— אָ, — טְרַאכְט עֶר בֵּייא זִיךְ, — אַז זִיא זָאגְט אַלֵיין אוֹיס... אוֹיךְ הָאט מֶען אוּנְטֶער וָוארְפֶען אַקִינְד! — וואוּנְדֶערְט עֶר זִיךְ, — וויא קוּמְט עֶס?

— שְׁדִים ווייסֶען! אִיךְ מוּז שׁוֹין זָאגֶען, וויא אִיהר זָאגְט: שׂוֹנְאִים הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעזֶעצְט אוֹיף אוּנְז, אוּנְז אַפֶּען פֵייעֶר אַרוֹיף צוּ בְּרֵיינְגֶען.

— וויא איז גֶעוֶועזֶען דִיא גֶעשִׁיכְטֶע?

— וויא זָאל זַיין? גַאנְץ אַיינְפַאךְ: מִיר הַאפֶּען זִיךְ אוֹיף אין מִיטֶען נַאכְט, מִיר הֶערֶען אַגֶעשְׁרַייא פוּן אַקִינְד.

— וויא קוּמְט עֶס? דִיא טְהִיר איז דָאךְ גֶעוואוֹהְנְלִיךְ בֵּייא דֶער נַאכְט פַאר שְׁפַּארְט.

— מִיר הָאבֶּען גֶעהַאט אַשְׁלֶעכְטֶען מֶענְשֶׁען, פייקען, אִיהר קֶענְט דָאךְ אִיהר. זִיא הָאט אוּנְז בֶּעגַאנְבֶעט אוּנ איז אַנְטְלָאפֶען גְרַאד דִיזֶע נַאכְט אוּנ הָאט גֶעלָאזֶען דִיא טְהִיר אָפֶען.

— אַשְׁרֶעק! וָואס בֵּייא אַייךְ טְהוּט זִיךְ אָב, אַגְרוֹיל! אִיךְ רֶעכְנֶע, אַז אִיהר אַנְטְלוֹיפֶען איז אוֹיךְ שַׁייךְ צוּ דֶער מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם קִינְד.

— מיר רעכנען, — זאגט זיא, — אז דאס קינד מוז זיין איהרער. זיא האט איהם אב געהאט אונ ביא אונז געלאזען. זיא איז געוועז אצוּלאזענע מיידעל, וואס מיר האבען גאר אזוי פיל ניט געוואוסט.

— וואו איז יעטצט דאס קינד?

— איך וועל אייך ניט לייקענען; איך וועל אייך דערציילען, וויא פאר איין אייגענעם מענשען: עס ווילט זיך דאך ניט האדעווען אפרעמד קינד אונ שמשין האט געהערט, עס איז פאראנגען איינער אבעזדעטניק, וואס איז גערין צוא האבען אזא קינד, אט האט ער איהם גענומען ביא דער נאכט אונ האט איהם אוועק געטראגען אהין. נאר פאר וואס ער איז ניט געקומען. ווייס איך ניט, וואס דאס איז פאר איין אונגליק.

— א גאטט! — רעדט צו זיך אדאלה, — איך פיהל, עס שפאלט אין מיר מיין מוח. נאט לייצנט, מאדאם; איהר קענט דיזע האנדשריפט?

— א יע, דאס איז אמאליעס האנד, — זאגט זיא אקוק געבענדיג אויף דאס צעטעלע, וואס איז נאך געלעגען אפען טיש.

זיא לעזט איבער, גיט אבראך מיט דיא האנד אונ שרייט אויס אין גרויס שרעקען:

— א, גאטט! וואס טהוט זיך דא!... זיא איז פון זיינען אראב. א רבוש"ע! מעהר וויא דאס האט מיר ניט געפעהלט... מיין טאכטער איז געווארען אנעשטערטע... אוי וויא, אוי וויא! וואס עס טהוט זיך דא אב אין אונזער שטוב; מען בענאנבעט אונז... מען ווארפט אונז אונטער קינד.... מיין מאן ווערט פערלארען אונ איך וויים ניט, וואו ער איז... אונ היינט שרייבט זיא, מיין טאכטער, מיט איהר אייגענער האנד צו אמענשען וואס איך קען אונ וואס איך וויים ניט, אז זיא האט געהאט אקינד... רעדט נאך ווייגען אחופה... א גאטט, גאט! ערבארעם זיך איבער אונז... מיין אמאלינקע איז פון זינען אראב.... אנדערש קען דאך דאס ניט זיין... אוי וויא!

דא האט דבורה גענומען שרייען אונ וויינען מיט אהערצרייסענדער שטיממע. יענעם פריילין, וועלכע איז געזעסען אין פארצימער אונ האט, וויא עס שיינט, געווארט אויף אמאליען, וואר אויך גערירט פון דער קצענע אונ האט אויך גענומען שלוכצען. אדאלף האט געזעהען, אז דיא זאכע איז ערינסט: דאס צעטעלע איז ניט געשריבען געווארען פון הארצען. דא האט געמוזט וואס עס איז זיין, וואס ער קען ניט פערשטעהען.

— ליבער העדר אייזבערג, — זאגט דבורה צו איהם וויינענדיג, — איהר זייט דאך אונזערער אגוטער פריינד, ערבארעמט, רעטעט אונז, העלפט אונז פון אונזערע צרות. העלפט מיר אויס זובען מיין אונגליקליכען מאן... העלפט מיר געפינען מיין טאכטער... וואס טהוא איך? וואו הין זאל איך לויפען? מיר זיינען אזוי עלענד!

— נו, זאָגט ער, דיא מעשה בריף, דאס פערשווינדען פון אייער כאן אונ דאס קינד קומט אלץ פון איין האנד. איך וועל טאן אלעס אין דער וועלט; איך וועל ניט רוהען, ביז איך וועל אלעס ארויס ברייננען אפע טאג. איהר מאדאם, זיטצט אין שטוב, איך וועל שוין טאן פאר אייך אלץ, וואס נייטיג איז דיא ערשטע זאך האב איך איין אָרט צו דער געהען וואס וועגען פייקען; דען אז איך קריג זיא, האב איך דעם גאנצען שליסעל פון דער אינטריגע, וואס דא טהוט זיך אב. וויא איך פערשטעה, מוז זיא וויסען זעהר פיל. אונ דאן אויב העבר שטערין וועט נאך ניט זיין געקומען, וועל איך שוין געהען מאכען אַזאַיאוולעניע אין פאליציא וועגען איהם.

ער איז ארויס געגאנגען פון דאנען אהנע צו אבטען אויף דאס פריילין, וועלכע האט דא געוואַרט אויף אמאליען. ער האט זיך פריער געראזט געהען צוא רהלען; דען ער האט געוואוסט, אז פייקע פלעגט ארום געהען מיט איהר הויז מיידעל, אונ פון דיזער, האט ער געהאפט, וועט ער וואס דער געהען וואו פייקע איז.

50.

דער שליסעל פון דער אינטריגע.

אדאלף איז ארויס פון שמשינס שטוב עטוואס בערוהיגט דיא פערצווייפלונג, וואס דבורה האט ארויס געוויזען איבער אמאליעס בריף, האט איהם איבערצייגט אז דא מוז וואס עס איז זיין.... אז ער איז פאר איהם נאך ניט אזויא געפאהרליך, וויא ער האט געמיינט. אי וויא אונ וואס? דאס קען ער יעצט ניט וויסען; דאס וועט זיך שפעטער ערקלערען. ערשטען וועט ער פון אמאליען אליין דער געהען, אונ אויב זיא וועט ניט וועלען זאגען, וואס עס קען זעהר זיין, וועלען דיא אבשטאַיאטעלקטוועס אליין ערקלערען. היינט זעהט ער, אז דיא מוטטער וויים ניט, פון קיין יאזעפען, איז דאך דער גאנצער בריף אפיקטיווגער, אום ער זאל קענען דינען פאר איין ארודיע אוועלכע עס איז. עס קען אפילו זיין אז דיא טאכטער זאל האבען בעקאנטשאפט מיט וועמען אהנע דער מוטטערס וויסען, דען אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען פרעגט מען געוואוהנליך ביא עלטערען ווייניג וואס; נאר וויסענדיג וויא דיא טאכטער איז געווען דער מוטטער פערטרויט, אז זיא וועט ניט טאן אטריט אהנע איהר וויסען, — זא האט ער ניט געקענט צו לאזען אזעלכע שלעכטע געדאנקען אויף אמאליען. ווייטער, דבורה ערצאהלט איהם וועגען דעם קינד, אז מען האט איהם זייא אונטער ווארפען, אונ זוכט גאר ניט דיא זאך פאר איהם צוא פערהיימליכען, זא פיהלט זיא זיך דאך ניט שולדיג; היינט ערצאהלט זיא אזויא נאאיוו, אזויא אפענהערציג, אז מען זעהט עס קלאר, עס איז ריכטיג אזויא, קורץ, ער איז ארויס פון דער שטוב מיט דער

איבערצייגונג, אז אמאליע איז ניט שולדיג, נאר אז דא איז אנוואלדיגער שווינדעל, אין וועלכען דיא שונאים האבען איהם אין אמאליען פערשטריקט, אונ ער דארף זעהען, זיך אונ איהר ארויס צו וויקלען דער פון.

ביי רחלען איז אדאלף נאך דיא גאנצע צייט. זינד ער איז געקומען צו פאהרען, ניט געוועזען. פון אדרעססע נאך האט ער איהר געשיקט בריפע אונ נאכגעפרעגט, וואס זיא מאכט אין געזונד. דען ער האט זיך אנגענומען צו זיין איהר שיטצער, זא איז ער עס וויר קליך געוועזען. ער האט פון איהר אויך בריפע ערהאלטען אונ זייא האבען זיך געפיהרט, זא צו זאגען, וויא ברידער אונ שוועסטער. ווען ער איז געקומען אהיים אונ איז קראנק געווארען, האט ער פון איהר נאטירליך ניכטס געהערט; אבער וויא ער האט זיך גענומען בעסערן אין געזונד, האט ער גלייך געשיקט צוא איהר געוואהר ווערען. פון איהר נידערקונפט (געבורט) האט ער ניט געוואוסט. דאס ווייסען מיר, אז דיא ערשטע צייט פון זייער בעקאנטשאפט האט זיא איהם אזאג געטאן, אז זיא איז אונגליקליך אונ אין וואס דיזעס אונגליק בעשטעהט, זא האט ער דער פון געוואוסט. נאר דיא גאנצע צייט האבען זייא ביידע אויסגעווייכט צוא ריידען וועגען דעם; פאר איהר וואר דיא שאנדע אונערטראגליך, זא ווי פאר איהר אזא געשפראך העכסט אונאנגענעהם.

יעטצט וויא ער איז געווארען בעסער אין געזונד, איז ער נאטירליך פריער געגאנגען צו אמאליען. פון דאנען איז ער געקומען גאנץ נידערגעשלאגען, וויא מיר ווייסען, אונ האט נאך גאר ניט געקענט דענקען אן רחלען. היינט געהט ער דאס צו איהר צום ערשטען מאל, נאר ניט צו ליב איהר, דען היינט איז איהם ניט דאצו וויזיטען צו שטאטען; ער איז געגאנגען דא דורך איהר הויז מיידעל דער געהען וואס פון פייקען.

וויא ער איז אריין אין שטוב. האט זיך רחל זעהר ערפרייט דערזעהענדיג איהר גוטען פריינד אונ שיטצער. ער האט זיך געזעטצט. האט נאכגעפרעגט וואס זיא מאכט. זיא ערצאהלט איהם, זיא האט געהערט, אז ער איז געוועזען דיא לעצטע צייט קראנק; עס האט איהר זעהר וויא געטאן דאס הערץ, וואס זיא האט ניט געקענט קומען איהם בעזוכען; זיא וואלט זיך שאטצען גליקליך, אז זיא וואלט האבען דיא מאגליכקייט איהם צוא ווארטען אונ פפלעגען אין זיינער קראנקהייט, איהם אב צו דינען אטווינזענדע טהייל, וואס ער האט פאר איהר געטאן. אונ היינט נאך אזא לאנגע ראזלוקע זעהט זיא איהם אזויא טרויעריג, אזויא ליידענד. ער ערצאהלט איהר, אז ער האט יעטצט גרויסע צרות, פון וועלכע ער ליידעט מעהר וויא פון זיין קראנקהייט. ער פרעגט איהר, וויא איז זיא אים שטאנד; אויב זיא דארף נאך היפלע, איז ער אימער נאך בערייט איהר צו שטיטצען. זיא ענטפערט, אז זיא איז פאלקאממען געזונד, פערדינט פאר זיך גענינגענטליך; זיינע היפלע דארף זיא ניט, זיא ווינשט בעסער אים שטאנדע צו זיין איהם צו בעצאהלען צוריק אלעס, וואס

ער האט זיך געלאסט קאסטען פאר איהר.

דער ווייטע אונטער אנדערען האט ער זיא אפרעג געטאן וועגען דעם פונקט, ווען זיא האט געזאלט ווערען אמוטטער.

— דאס בין איך שוין גאנץ זייא דאנק אריבער געקומען, — ענטפערט זיא אראב לאזענדיג דיא אויגען אונ רויט ווערענדיג.

— אונ וואו איז דאס קינד? איהר האט עס אוועק געגעבען איינער אמטע? דארפט איהר דאך האבען שטיטצונג.

— ניין, — זאגט זיא, — איך האב עס אבגעגעבען זיין פאטער.

— אונ ער האט צו גענומען? נאך זיינע בעהאנדלונג איז ער אגרויסער אויסוואורף אונ אמארדער, — וואונדער איך זיך, וויא אזויא האט ער דאס קינד צו גענומען.

— ער וואלט טאקע ניט צו גענומען; נאר איך האב איהם אונטערוואורפען.

— דאס איז גאנץ רעכט. יעדער דען זאל דאס קינד ערציהען, אז ניט זיין פאטער? וואס איז היינט מיט דעם קינד? ווייסט איהר?

— איך ווייס גאר נישט. ניט איך זעה איהם, ניט ער קומט אהער, וויא אייך איז בעקאנט.

— איך מיין, דעם קינד וועט געבען ניט זיין אזויא גוט ביי אזא טאטען... אזא נידערטראכטיגער יונג.

— יע יע, — ענטפערט זיא מיט אביטערען זיפץ, — פון זונדקע פוכס קען מען קיין גוטעס ניט ערווארטען.

אדאלף האט אשפרונג געטאן פון שטוהל.

— הא! זונדל פוכס זאגט איהר! — שרייט ער אויס פערוואונדערט.

— יע, זונדל פוכס איז דאס דער, וואס האט מיך אינגליקליך געמאכט.

אדאלף האט זיך אנגעכאפט פארין קאפף. רחל קוקט איהם אן העכסט אויפגערעגט אונ ערשטוינט.

— וואס טהוט זיך מיט אייך, מיין פריינד? — פרעגט זיא איהם זעהר אונרוהיג, — איהר זייט אזויא וויא ערשראקען.

— זונדל פוכס איז אייער פערפיהרער?

— יע.

— זונדל פוכס איז דער פאטער פון דעם קינד?

— יע, אונ ביי איהם איז היינט דאס קינד.

— אי אי אי! איהר וואלט וויסען, וואס דער טייוויל האט אבגעטאן! ער האט ניט אייך אליין שלעכטעס געטאן... ער האט אגאנצע פאמיליע אונגליקליך געמאכט, אונ מיך נאך מעהר פאר אלעמען... גאר גישטקשה! איך וועל זיך מיט איהם אברעכענען אויף דער וועלט... היינט האב איך דעם פאדען, וויא צו צו קומען צוא דער גאנצער אינטריגע.... הא!... יע! ערשט ווייס איך, וואס ער האט געטאן מיט דעם קינד... אונ וואו דאס

קינד איז . . . נו גוט , עס וועט זיין רעכט . שיקט מיר אריין אהער , רחלע , אייער הויז מיידעל .

רחל קוקט איהם אן ערשטוינט אונ געהט ארויס . באלד איז זיא אריין צוריק מיט איהר הויז מיידעל . זיא ווארט מיט געשפאנטער נייגירדע , וואס וועט דא זיין . דעסטא מעהר איז זיא אונ איהר קינד שפילען עפעס ארלע אין אשווינדעל , וואס זייא ווייסען אליין אויך ניט .

— הער צו , — זאגט ער צו דער דינסט מיידעל , — דוא קענסט א מיידעל פייקען ?

— איך קען איהר גאנץ גוט ; זיא פלעגט אלץ מיט מיר ארום געהען .

— ווייסט דוא ניט , וואו איז זיא יעצט ?

— אין דער היים מסתמא .

— ניין , זיא האט זיך בעגנבט אונ איז ענטלאפען געווארען אין מיט'ן נאכט , ווייסטו אפשר ניט וואו הין ?

— איך ווייס ניט .

— זיא האט דיר גאר נישט ערצאהלט , אז זיא קלערט וואו עס איז צוא פאהרע ?

— זיא פלעגט מיר גאר נישט ערצאהלען ; זיא פלעגט אלץ זוכען פון מיר וואס אויס צו פארשען .

— אהא , איך פערשטעה , זיא איז געוועזען זונדעלם איין אגענט . נאר עס מאכט ניט אויס . אבי איך ווייס שוין יעצט אסך . איצטער וועל איך זיך געהען געהמען פאר איהם . ער וועט מיר שוין אלץ זאגען נישט קשה .

— זייט פארזיכטיג , מיין פריינד , — זאגט רחל אונרוהיג , — ער איז אזא באנדיט .

— זייט רוהיג , רחל , ער איז ביי אונז אסלוזאשצי . ער וועט האבען פאר מיר אביסל רעספעקט . נו אויף ווידער זעהען . איהר וועט שפעטער וויסען , וואס דא האט זיך געטאן .

אדאלף איז ארויס געגאנגען אונ האט געלאזען רחלען זעהר אונרוהיג וועגען איהם אונ זעהר ערשטוינט דאריבער , וואס דא טהוט זיך אב .

געצאהלט מיט דיא זעלבע מינצען .

51

אדאלף איז אוועק צו זיך אהיים , איז ארויף אויף זיין קוואטיר , וועלבע וואר אמעזאנין אפען פירטען עטאז פון דעם פאטערם הויז , וויא מיר ווייסען . ער וויל אריבער שיקען נאך פוכסען אונ דא מאכען מיט איהם אראספראווא איינער אויף איינעם ; ער האט אבער מורא , טאמער געהט ער ניט . ער זיצט ביין טיש אנגעשטיצט אן האנד , האט זיך גענומען איבערלייגען אלץ , וואס דא

האט פאסירט, אין דעם גאנצען שווינדעל, ווי אזוי דאס האט געקענט אפ געטאן ווערען. ער טראכט אויף אמיטל, ווי אזוי צו בעקומען פוכסען אהער.

עס ענדט זיך די טהיר און עס איז אריין זונדל פוכס, פונקט ווי געוואונשען. דער לעזער ווייסט זיך געווים ערראטען, אז הארץ, פוכס און ביידע שכנים זיינען געזעסען היינטע דעם מארגענס ביי אגלעזעל משקה; זיי ווארען זעהר מונטער און פריליך, וואס אלע זייערע פלאנער האט אויס געגאלטען. דאס וואר אין דער זעלבע שטונדע, ווען אדאלף איז געוועזען ביי שמשין שטערן אין שטוב און ביי רהלען. שפטל האט זיי שוין געהאט ערצאהלט, אז אדאלף האט שוין דעם בריף, וואס אמאליע האט געלאזען אויף דעם טיש, און דיזער בריף האט שוין זייער ליבע צערריסען אין גאנצען. דאראיבער ווארען זיי פריילך, און הארץ האט דאס געשיקט פוכסען נאך אדאלפען. ער איז געקומען און האט איהם געפונען דער היים, ווי זיי האבען אויס גערעכנט.

— אדאלף איז דא? גוט! — זאגט פוכס אריין געהענדיג.

— אהא! — מורמעלט אדאלף פאר זיך, — ער קומט ווי גערופען. אט בין איך, — זאגט ער הויך. — וואס גוטעס? זונדל?

— דער פאטער רופט אייך.

— ווענען וואס?

— ווייס איך? איהר וועט אראב געהען, וועט ער אייך שוין זאגען.

— נו גוט. איך געה.

פוכס געהט צוריק. אדאלף גיט אשפרונג און שטעלט זיך איהם אין וועג.

— ווארט, ברודערקע, איך האב מיט דיר, וואס צו ריידען.

פוכס גיט אקוק אויף איהם, ער זעהט, ער איז עפעס צו פיל צוקאכט; דא וועט עפעס גיט גוט געבען, — טראכט ער ביי זיך.

— לאזט מיר געהען, — זאגט ער טרעטענדיג צום טהיר — דער פאטער ווארט אויף מיך.

— עס האט צייט, נישטקשה. זאג מיר זונדעל, — פרעגט ער גלייך: — וואו איז דאס דיין קינד?

— וואסער קינד? ווי קום איך צוא אקינד! — זאגט ער מיט אנגעצוואונגענעם שמייכעל: — איהר ווייסט דאך, אז איך בין אונפערהייראטהעט הע הע!

— וואו איז דיין קינד? פרעג איך ביי דיר, זאגט אדאלף מעהר און מעהר צוקאכט ווערענדיג. — און ענטפער מיר גלייך אהן גניבותע שטיק.

— וואס ווילט איהר פון מיר? איך האב גאר קיין קינד גיט! וואס איז דאס פאר איין אבקלער?

— וואס האסט דו געטאן מיט דיין קינד? — שרייט אדאלף ראזענד.

— אדאלף, וואס האט איהר צו מיר? הלעבען, לאזט מיך געהען.

— נו דוא זאגסט ניט ? וועל איך דיר זאגען : דיין קינד האבטו אונטער וואַרפען ביי אמאליען אין צימער ... דער פארגא דיר !

אדאלף האט איהם דער לאנגט צוויא פאטש , אז זונדעל איז געפאלען אן דער ערד . מיר ווייסען , אז זונדל איז געוועזען אַניעדריגער אַסופטילער אונ אדאלף וואר הויך אונ שטארק ; זונדל האט איהם ניט געקענט ביי שטעהען . זונדל האט זיך קוים אויפגעהייבען זיך האלטענדיג פארן באק .

— אוי ! — קרעכצעט ער , — איך האב גאר ניט געוואוסט , אז איהר זייט אזא בעס , חלעבן ! גאט , איהר האט מיר אוים געשלאגען צוויא ציינער , בנאמנות איך פערשטעה גאר ניט , צו אז מען מאכט אַגלייכוואַרטל , דארף מען זיין אזוא צו קאכט ? איהר האט דאך מיך געקענט מאכען פאר אַקייליקע ... וואס איז דאס פאר אַשכל ? לאזט מיר געהען .

אדאלף געהט צוא צום טהיר , פערשליסט אונ לייגט דעם שליסעל אין קעסענע .

— ניט מיין , זונדל , אז מיר האבען זיך שוין אבגערעכנט . איצטער זאג מיר , וויא אזוא האט אמאליע געשריבען אט דיזען בריף ?

ער ווייזט איהם דעם בעוואוסטען בריף . זונדל האט אקוק געטאן ; די אויגען האבען איהם אפינקעל געטאן פאר פריידע ; אָבער ער האט באלד ...נומען ...ען וויא אבלאט .

— לאזט מיך צו רוה , בעט ער זיך , — פון וואנען זאל איך וויסען , ווער ע... שרייבט בריף אונ וויא אזוא זייא שרייבען ?

— דוא ווייסט זונדקע , וויא אזוא אמאליע האט געשריבען דעם בריף , אונ דוא וועסט מיר זאגען . נוא ענטפער , איך וואַרט .

— לאזט מיר געהען , אדאלף ; דער פאטער וואַרט דאך אויף אייך אונ אויף מיך .

— וויא אזוא האט אמאליע געשריבען דעם בריף ? פרעג איך דיך .

— איך וויים ניט .

— ענטפער , זאג איך דיר !

— איך וויים ניט .

אדאלף האט איהם גענומען פאר דעם קראגען אונ טרייסעלט איהם מיט וואוטה שקריענדיג מיט די ציין . ער האט איהם אויפגעהייבען אין דער הויך אונ געגעבען אשליידער אן דער ערד .

— זאג מיר , וואס איז דאס פאר אבריף ? אז ניט וועל איך דיך צערייבען וויא אוואַרים , זאג מיר , וואו איז פייקע , שמשינס הויז מיידעל ?

זונדל שטעהט קוים אויף פון דער ערד , שטיצט זיך אן אַ וואנד , ווישט זיך אוים דעם שטערן פון שוויים , האט גענומען שווער אטהמען .

— איך פרעג דאך דיך , — שרייט אדאלף .

— גוואלד , וואס ווילט איהר פון מיר ? זאגט זונדל מיט אַ ווייגערליכער

שְׁטִימֶע , — וָואס הָאט אִיהר צוּ מִיר ? אִיךְ וֵוייס פוּן קֵיין זַאךְ נִיט . עֶס הָאט אַייךְ וָוער עֶס אִיז אָנְגְעֶרֶעדְט אוֹיף מִיר , אוּנ אִיהר בֶּעשׁוּלְדִיגְט מִיךְ אוּם זוּנְסְט אוּנ אוּם נִישְׁט .

— קוּרְץ , זוּנדקע . דוּא זָאגְסְט נִיט ?

— אַז אִיךְ וֵוייס נִיט וָואס .

— נוּ גֶענוּג . אִיךְ וֶועל שׁוֹין אַלֵיין דֶער גֶעהֶען :

— מִיט אַנְדֶערֶע קֶענְט אִיהר טָאן , וָואס אִיהר ווִילְט ; נָאר מִיךְ לָאזְט לֶעבֶּען . אִיךְ וֶועל נִיט גוּט אָבְּשְׁנַיידֶען פוּן אַייעֶרֶע קְלֶעפּ . בְּנֶאֱמָנוּת .

— נוּ גוּט . אִיךְ גֶעה אַוֶועק , אוּנ דוּא בְּלֵייבְּסְט דָא .

— ווִיא הֵייסְט עֶס דָא ?

— גַאנְץ אֵיינְפַאךְ . אִיךְ וֶועל פֶערְשְׁלִיסֶען דִיא טְהִיר פוּן דְרוֹיסֶען , אוּנ דוּא בְּלֵייבְּסְט דָא .

— ווִיא ? אִיהר ווִילְט מִיךְ אַרֶעסְטִירֶען ?

— וָואס ווּאוּנְדֶערְסְט דוּא זִיךְ אוֹיס וואוּרְף ? פַאר אַזַא בַּאנְדִיט ווִיא דוּא פַּאסְט נָאר טוּרְמֶע . דוּא קוּק זִיךְ אַרוּם ; אָט דִיא שַׁיילְקֶע אִיז אָבְּגֶעזָאנְדֶערְט פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט . דוּא קֶענְסְט דָא טַאנְצֶען , שְׁרַייעֶן , וַויינֶען , בְּרֶעכֶען דִיא קָאפְּף , ווִיא פִיל דוּא ווִילְסְט , — קֵיינֶער וֶועט דִיךְ נִיט הֶערֶען . אוּנ נִיט בַּיין , אַז דוּא וֶועסְט דָא זַיין אַשְׁטוּנְדֶע אָדֶער אַטָאג ; דוּא וֶועסְט דָא זַיין אַזוֹא לַאנְג , בִּיז אִיךְ וֶועל דֶער גֶעהֶען אַלֶעם אוֹיף קְלָאר . פַארְשְׁטֵייטְו מִיךְ , זוּנדקע , דָא וֶועט זַיין צְווַייא פְּעוּלוֹת : עֶרְשְׁטֶען וֶועל אִיךְ קֶענֶען טָאן , וָואס אִיךְ דַארְף אוּנְגֶעשְׁטֶערְט ; דֶען אַז דוּא וֶועסְט זַיין פְרַייא קֶענְסְט דוּ מִיר וַוייטֶער מַאכֶען גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּנ מִיר פֶערְצַאמֶען אַלֶע וֶועגֶען . אוּנ צְווַייטֶען , זָאלְסְטוּ ווִיסֶען הָאבּ אִיךְ אִין אַדֶעסְסָא גֶעהַאט טוֹיט שְׁרֶעקֶענִים , אוּנ אַלְץ דוּרְךְ דִיךְ . זָא וֶועל אִיךְ דִיר אִיצְטֶער גֶעבֶּען פִיהלֶען אַטַעם פוּן יֶענֶע טוֹיט שְׁרֶעקֶנִים . אוּם דוּא זָאלְסְט ווִיסֶען , ווִיא גוּט מִיר אִיז גֶעוֶועזֶען . אַדְיֶע , לִיבֶּער זוּנדל , אוּנ זַייא גֶעווִיסֶען , אַז אִיךְ קֶען זִיךְ רֶעכְנֶען .

עֶר גֶעהְט צוּם טְהִיר , זוּנדל לוֹיפְט אִיהם נָאךְ . אדאלף הָאט אִיהם גֶעגֶעבֶּען אַשְׁטוֹיס , אַז עֶר אִיז גֶעפְלוֹיגֶען צוּם אַנְדֶער ווִינְקֶעל אוּנ אִיז גֶעפַאלֶען .

אדאלף אִיז אַרוֹיס אוּנ הָאט פֶערְשְׁלָאסֶען דִיא טְהִיר פוּן דְרוֹיסֶען . אִיז אַרָאבּ אוּנְטֶען , הָאט אָנְגֶעזָאגְט דָארְטֶען דִיא הוֹיז מֶענְשֶׁען . זַייא זָאלֶען זָאגֶען דֶעם פָאטֶער , אַז עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען מִיט פוּכסען וֶועגֶען אַנֵייטִיגֶען אִינְטֶערֶעס .

פוּכס אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין אִין צִימֶער לִיגֶענְדִיג אוֹיף דֶער עֶרְד ; עֶר הָאט אַלַאנְגֶע צַייט נִיט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעהֶען ; עֶס הָאט אִיהם וַוייא גֶעטָאן אַלֶע גְלִידֶער . עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ קוֹים אוֹיפְגֶעשְׁקְרַאבְּקֶעט , הָאט זִיךְ אַוֶוארְף גֶעטָאן אוֹיף אַשְׁטוּהְל אוּנ הָאט גֶענוּמֶען קְרֶעכְצֶען : אַי . . . דֶער יוּנְג הָאט מִיךְ צוּ קַיילְט אוּנ צוּ בַּיילְט . . . אִיךְ קֶען זִיךְ מִיט קֵיין אַבֶּר נִיט אַרִיהר טָאן . . . דֶער נֶזֶק !

מען זאל אזוא פיל שלאגען אהן רחמנות ... ער האט קיין אידישע הארץ ניט. אוי! צו אז מען האט מעהר כח ... דארף מען ... שלאגען אמענשען ... אקוראט וויא אסקאט ... אקוראט וויא אשקלאפען. אמת, איך האב איהם געטאן ניט גוטעס ... אבער דאך אזוא אידעל ... אזוא גלאט .. אהן קלעפ ... אהן אטראפפען בלוט פערגיסען ... אונ ער דער גראבער יונג .. . עה! אקוראט וויא אגזלן. נו וואס? ער האט מיר דאכט זיך פערשלאסען דיא מהיר, דער יונגאץ!

— ער געהט אראב לאנגזאם פון שטוהל קרעכצענדיג, געהט צו צום מהיר, פרובירט עפנען.

— עס איז פערשפארט ... פערשפארט זאל איהם ווערן דיא געדערים ... האט פערשלאסען דיא מהיר פון דרויסען ... עה! גאר עס מאכט ניט אוים ... הארא;ץ וועט מיר באלד עפנען ... ערווארט דארטען אויף מיר ... מיר האלטען אין רעכטען ריידען, דארטען וויא צו קאנצען ... אונזער פלאן. ער וועט זעהען, איך בין ניטא, וועט ער ארויף געהען. וועט מיר עפנען דיא מהיר. דער ווילע וועל איך מיר צו ליינען אפען בעטל אוים גלייבען מיינע גלידער דיא צו בראכענע.

ער נעהמט אביסל וואסער, וואס איז געווען אין קאראפין אפען טיש. אונ לייגט זיך אפען בעטל.

ער ליגט אונ טראכט ביי זיך אזוא: נישטקשה, לויף אדאלפקע, מהוא מאך וואס דוא ווילסט. איך לאך פון דיר! דוא האסט ביי מיר ניט ארוים געשלעפט איין ווארט ניט. דוא האסט מיך געשלאגען, יע; אבער פארט נישט דער גאנגען, עס איז מיר געפעלען, האט זיך גענומען געגען מיר קוראשזען, גאר וויא עפעס רעכטעס, וויא אגרויסער העלד ... בודטא ער האט שוין אמאסע דער גאנגען, אונ דאס איבריגע וועט ער מיך צווינגען, איך זאל איהם אלעס ארוים זאגען ... אפע! ניט געטראפען דעם ארט. פון זונדל פוכס דער געהט מען ניט קיין סודות. דיא גאנצע זאך איז, ער האט דער וואוסט, אז רחל האט געהאט אקינד אונ זיא האט מיר איהם אונטער ווארפען · דאס איז אלץ בלאטע! דאס איבריגע וועט ער נישט דער געהען, סיידען ער זאל חאפען פייקען; אבער זיא איז שוין איבער אלע בערג. ניין, ניין, אדאלפקע! אמאליען וועסטו שוין ניט געהמען. דוא האסט שוין דעם זיסינקען בריפעלע, אז זיא לאכט זיך אוים פון דיר הה! ער איז צו קאכט וויא דער טייוועל ... יע יע, מען קען משוגע ווערען. אבער אמאליען וועסטו שוין ניט געהמען הקא דיא, וואס איך וויל. אונ אם ענדע הע הע! יעט אמאליע אטשען פאר מיר, אמת, מיר קאסט דאס ביסלע קלעפ מיט אפאר ציינער; אבער אוים פיהרען וועל איך הה הה!

נו וואס טהוט זיך דא? הארא;ץ קומט נאך אלץ ניט; ער שיקט גאר קיינעם ניט ... עס איז שוין אוועק אפערטעל שטונדע, צוואנציג מינוט. א יעדע

מינוט איז מיר מהייער. איך קען דא לענגער ניט זיטצען. ער וועט איבער קעהרען וועלטען דער יונג. טאמער געפינט ער פייקען, וועט איהר געבען געלד, און זיא זאגט אויס אלץ מיט איינאנדער... און עס פאלט איין אלע מיינע פלאנער, וואס איך האב געבויט... ניין, איך קען דא לאנגער ניט זיין. איך מוז לויפען, איהם פערצאמען אלע וועגען. וואס איז פאר אקריינק אויף דעם הארצען, וואס ער קומט ניט? ... נא דיר אוועק. מהוא טובות אמענשען... איך בין אריין געהאפט אין אלאוואושקע, און איהם קימערט עס ניט. עס איז שוין מעהר וויא אהאלבע שטונדע... אוי, פינף און דרייסיג מינוט. איך מוז לויפען צום פריסטאוו, צו האלטען אקארסט דעם אלטען פעסט, און זעהען צו איז ריכטיג אקארסט פייקע אוועק געפאהרען.

ער קריכט אראב לאנגזאם פון בעט.

— א, — קרעכצעט ער, — איך קען זיך מיט קיין גליד ניט אריהר טאן. איך האב מורא, איך זאל גאר ניט בלייבען קראנק. אוי! אויף אזא מפלה האב איך זיך גאר ניט געריכט. גאר שלאגען זיך, מעשה בורלאק, נגו!

ער געהט צו צום טהיר, נעהמט קלאפען מיט זיינע לעצטע קראפטען. די טהיר איז געווען ווייט אפען בוידים, אז קיין קלאנג האט זיך ניט געקענט הערען אונטען. ער גייט צו צו די פענסטער; דיזע קוקען ארויס אויף אפינסטערן זאוואולאק; פיר הויכע ווענד ארום אהן פענסטער, און קיין מענשען איז דארטען ניט צו זעהען. ער האט גענומען שרייען: ראטעוועט! — קיינער הערט ניט, שלעכט וואס טהוט מען?

עס איז שוין אוועק אשטונדע צייט וויא ער קלאפט און וויא ער שרייט. ער האט שוין אויס געבראכען די שויבען, האט צו בראכען צוויא שטוהלען קלאפענדיג אין טהיר, ער האט שוין מעהר קיין כח ניט צו קלאפען. ער האט זיך אוועקגעטאן ווידער אפען בעטל. האט גענומען שאפען און אטהמען שווער; ער איז שרעקליך מיד.

עס האבען איהם אטאקירט שרעקליכע געדאנקען: דאס צימער איז אפען פערטען עטאז, עס קומט ניט צו קיינע שטימע. קיינער קומט ניט אהער אויסער דעם אראלפען, וואס? טאמער מיינט ער מיך צוא האלטען אטאג, און צוויא און דרייא, און אפשר אוואך? ... אפשר וויל ער מיך גאר פערהונגערן לאסען? אויף אזא גזלן איז אלץ צו גלויבען... אמת, ער קען נאך דעם פערשווארצט ווערען, אבער דער ווייל, אוי ווייא! ... ער האט דאך יע געזאגט, ער וועט מיך האלטען לאנג, ביז ער וועט דער געהען דיא גאנצע אינטריגע. א, אויב עס וועט אזוא זיין, איז שלעכט... ניין. דאס דארף אזוא ניט זיין! איך זונדר פוכס, וואס האט געקענט אויס טראכטען אזעלכע שווינדלען, זאל איצטער ניט קענען פאלען אויף אפלאן, וויא זיך ארויס צוא ראטעווען!... ניין, דאס קען ניט זיין!... שא, עס איז דא! הא הא! אפלאן דיא וועלט אויס, וויא איך בין אאיד הא הא! נאך אבעסערער איינפאל וויא

אלע פריערדיגע. אמת, האראץ וועט אביסל פאראיבל האבען. נאר עס קומט איהם; וואס איז ער ניט געקומען נאך מיר? ער האט דאך געדארפט פער־שטעהען, אז איך בין געגאנגען צו אדאלפען אונ איך קום ניט, — מסתמא בין איך דא פערבליבען. נו מען דארף ניט זאמען; עס איז שוין אשטונדע מיט אפערטל, יענער גזלן האט שוין געמוזט אבטאן וועך ווייסט וואס. נאר עס מאכט ניט אויס... באלד בין איך ארוים... אונ עס וועט אלץ ווערען רעכט.

ער האפט ארויס אפעקעל שוועבעלעך. וואס ער האט געהאט ביא זיך, האט אנגעצונדען דיא גארדינען פון דיא פענסטער, האט גענומען ווארפען דורך דיא צו בראכענע שויבען אונ שרייט: פאזשאר! ער צינדעט אן אלע פאפירען, וואס ער האט דארטען געפונען אונ ווארפט ווייטער דורך יענע פענסטער; ער צינדעט אונטער דיא שטוהלען, וויל ווארפען דורך דיא פענסטער, דיזע געהען ניט דורך; ער קלאפט. ער שרייט אויס ליידעס קראפטען... עס איז געווארען ארויך. עס האבען זיך שוין אליין אנגעצונדען דיא דילען, דיא פענסטער; דער רויך ווערט געדיכטער אונ געדיכטער. עס האט איהם גענומען שטיקען... ער האט שוין חרטה, וואס ער האט אנגעהייבען; עס איז אבער צו שפעט. ער לויפט ארום הין אונ צוריק... ער קען קיין ארט ניט געפינען: דער רויך איז פול אומעטום..., עס האט שוין גענומען פלאקערן... עס האבען זיך אנגעצונדען אויף איהם דיא קליידער... ער איז געפאלען:

52

געעפנט דיא אויגען.

ווען אדאלף האט געלאזען זונדלען אליין, איז ער גלייך אוועק צו שמשינען, האט אפגעגעבען געטאן, — ניט שמשין, ניט אמאליע ווארען נאך ניט געקומען. זא איז ער גלייך אוועק צום פריסטאוו, אביאווען, אז שמשין שטערן, זיינער אגוטער פריינד. איז היינטיגע נאכט ארוים געגאנגען אונ איז מעהר ניט געקומען. דער פריסטאוו האט איהם אויס געהערט אונ האט געשמייכעלט.

— דער אלטער שטערן, — זאגט ער, — אט ווערען דוא זוכסט, איז יעצט ביא מיר פאר ארעסטאם; מען האט איהם געהאפט ביא דער נאכט טראגענדיג אקינד אין אקערבעלע אפען טייך, זא פאדאזרעוועט מען איהם, אז ער האט דאס געוועלט דאס קינד ערטרינקען, אום צו אוניצטאזען דעם פלעק פון זיין טאכטער, איך וועל איהם באלד אטפראווען צום סלעדעוואטעל.

— הער צו, וואס איך וועל דיר זאגען, — זאגט אדאלף, — זאלסט וויסען, איך קען זייער הויז גאנץ גוט. דאס קינד איז ניט פון זיין טאכטער, אונ דער אלטער האט עס ניט געטראגען ערטרינקען, וויא דוא מיינסט... ער איז ניט דער מענש אב צו טאן אזעלכע פאקאסטען... ער האט דאס קינד געטראגען צו איינער אממע: דאס ווייס איך.

פרעג איך ביא דיר: פאר וואס האט ער געטראגען ביא דער נאכט אונ ניט ביא טאג? פאר וואס ער אונ ניט זיין פרויא? דאס פאסט מעהר פאר א פרויא אונ ניט פאר איין מאנס פערזאן? אונ וואס איז דאס גלאט פאר א קינד ביא איהם אין הויז, ווען דאס איז ניט זיין טאכטערס?

— אויף דיינע אלע פראגען, זאגט אדאלף, — וועל איך דיר ענטפערן איין ווארט: ער האט גרויסע שונאים, וועלכע האבען זיך אנגעזעצט איהם צו פערפאלגען ביז אין טויט, איהם אונ זיין טאכטער. איצטער פערשטעהסטו? דיזע שונאים האבען אונטערווארפען דאס קינד, אום זיין טאכטער איין שלעכטען רוף צו ברייגגען. אלזא האט ער געמוזט אלץ טאן אין געהיים, אז קיין פרעמדעס אויג זאל עס ניט זעהען. אז זיין פרויא וואלט טראגען דאס קינד ביא טאג אדער דיא אמע וואלט קומען צו זייא, וואלטען שוין דיא שכנים דאס פאנאנדער טראגען איבער גאנץ שטאדט.

— דוא זאשציששציייעסט איהם גאנץ גוט, אונ עס קען זיין, דיא זאכע איז אזוא, — זאגט דער פריסטאוו, וועלכער וואר ניט קיין שלעכטער מענש אונ וועלכער האט אדאלפען אגוואזעט: — אבער בעווייזע דארף מען האבען.

— הער צו, — זאגט אדאלף, — דוא קענסט טאן מיט דעם אלטען, וואס דוא ווילסט. אספראווע איהם צום שלעדעוואטעל: אויף דער שלעדסטוויע וועט זיך שוין אלעס ערקלערען אונ זיינע אונשולד וועט ארויס אפען טאג; דען אז ער איז אונשולדיג איז געווים. איך וואלט גלאט בעטען, דוא זאלסט איהם ניט בלאמירען אונ פיהרען דורך דיא שטאדט מיט פאליציישקע. דער מענש איז אפארנעהמער מאן אונ איין עהרליכער מאן.

— דער צו איז אבער נייטיג, איך זאל דער ווייטע זיין איבערצייגט אין זיינע שולדלאזיגקייט.

— הער צו, וואס איך וועל דיר אויפמערקזאם מאכען — זאגט אדאלף — איידער דוא פאסטאוועסט דעם פראטאקאל מוזט דו לאזען אונטער זוכען דאס קערבעלע, וואו דאס קינד איז געלעגען. פיליייכט געפינט זיך דארטען אצעטעלע, וואס וועט ערקלארען אלץ מיט איינאנדער.

— יע, דוא ביזט גערעכט. איך האב נאך דעם פראטאקאל ניט געמאכט, אונ איך האב טאקע געשיקט נאך דער קערבעלע צו דער אמע, וואו דאס קינד איז יעצט. מען וועט באלד ברייגגען, וועלען מיר זעהען ... יע, קסטאטי, איך האב זיך ערסט דערמאנט. מיר האבען פאריגע נאכט איבער גענומען א מיידעל מיט זאכען, אונ מיר פאדארעוויען איהר, אז זיא האט דיא זאכען גגנבט. קיין פאס האט זיא ניט. זיא זאגט, זיא איז געוועזען ביא דעם שמשין שטערן אונ דיא זאכען איז איהרע, ניט זייערע .... איך האב זייא נאך ניט צו זאמען געפיהרט... איך האב אזוא פיל דיעלא, אז איך ווייס ניט פאר וואס פריער צו נעהמען זיך... יע, זיא האט געזאגט. איך זאל פרעגען ביא איך אויף איהר... איהר קענט זיא.

וויא אדאלף האט דאס דער הערט, האט ער פרייא אויפגעאטהעמט; זיינע אויגען האבען געגומטע פינקלען פאר פריידע: נו, טראכט ער ביא זיך — יעצט בין איך שוין אפען וועג. מיר זיינען ארע גערעטעט.

— א, — זאגט ער, — איך קען זיא געווים גאנץ גוט. איך בין אהוויז פריינד פון דעם שמשין שטערן, האב איך זיא איטער דארטען געזעהען. יע אונ זיא קען זיין אגוטער עדות אין דער דיעלא פון שטערינען אויך. גאנץ גוט... אונ וויא איך זעה אויס, זאל דאס אלץ זיין איין אינטריגע פון שמשינס שונאים. ביטע, הייסט זיא ברייגען אהער, אונ איהר פאקאזאניע (אוים זאגע) איז העכסט ווייטיג צו דער דאזנאניע וועגען שמשין שטערן.

דער פריסטאוו האט געהייסען ברייגען פייקען.

דער ווייגע האט מען אריין געטראגען דאס קערבעלע, אין וועלכען דאס קינד איז געוועזען. מען האט גענומען אונטער זוכען, האט מען געפונען אפען דעק אונטער דער קיסעלע אקאנווערט מיט דער אדרעססע: הערון זונדל פוכס! מען עפנט דעם קאנווערט, מען נעהמט ארוים אבריפעלע יודיש געשריבען. אדאלף נעהמט, לעזט אונ זעטצט איבער אויף רוסיש:

„זונדל, דוא האסט מיך פערפיהרט אונ אונגליקליך געמאכט... דורך אשלאפטרונק... דוא האסט מיר פערשפראכען צו הייראטהען אונ דוא האסט מיך אוועקגעווארפען. מיין ארמע מוטער איז דורך דיך געשטארבען. יעטצט האב איך געבארען אקינד; דאס קינד איז דיינער. איך שיק דיר איהם אב אונ דוא זאלסט איהם ערציהען, וויא אפאטער איז פערפפליכטעט צו טאן. איך וועל אבט געבען פון ווייטען, וואס דוא טהוסט מיט דעם קינד. דיין אונגליקליכע כלה ר׳".

— איצטער זעהסט דו, — זאגט אדאלף צום פריסטאוו, — איצטער זעהסט דוא, אז דאס קינד איז ניט אדרעסירט צוא דעם אלטען שטערן, נאר צו איין אנדערן, צו זונדל פוכס, צו מיין פאטערס אשלוזאשצי. ער, זעהסטו, איז דער פאטער פון דעם קינד אונ דער גאנצער שולדיגער אין דער זאכע. ער האט דאס קינד גענומען אונ אונטערגעווארפען דעם ארמען שטערן.

— וואס האט ער צו איהם?

— דאס ערקלארט זיך גאנץ איינפאך: ער האט זיך געשדכנט צו זיין טאכטער, אונ ער האט איהם ענטזאגט, — אט האט דאס געוועלט דאדורך ראכע נעהמען אן איהם. איצטער זעהסט דו ארוים, אז דער פוכס שפילט דיא הויפטראלע אין דער דיעלא פון שטערן. אונ איך מיין גאר, אז דיא זאכע וועט זיך יעטצט אומדרייען: דער הויפט שולדיגער וועט ווערען פוכס, אונ שטערן וועט זיין אלס עדות אין דער דיעלא.

— עס זעהט אוים אזוא, יע.

יעטצט האט מען אריין געפיהרט דיא מיידער, וואס מען האט געחאפט מיט דיא גניבות, דאס הייסט פייקען. דאס וואר אין אבעזונדערן צימער.

— א, הערר אייזבערג! האט רחמנות רעטעט מיך. איך האב געגען אייך זעהר פיל אונרעכט געטאן. אבער איך האב ביטער חרטה, איך וועל אייך אללעס ערצאהלען; נאר רעטעט מיך.

— איך וועל דיר העלפען, וויא ווייט איך קען, — ענטפערט אדאלף, — אבער דער צאהלע דעם ריינעם אמת, אונ אויף רוסיש, וויא דוא קענסט.

— איך האב ביטער חרטה, — האט אנגעהייבען פיקע אויף רוסיש, — איך האב חרטה, וואס איך האב געגען אייך געטאן אונ וואס איך האב געטאן דער פאמיליע שטערן. זונדל פוכס...

אדאלף גיט אוואונק דעם פריסטאוו אונ זאגט:

— איהר זעהט? ווייטער זונדל פוכס.

— יע, יע זאגט ער, — נו ווייטער, ווייטער.

— זונדל פוכס, — זאגט ווייטער פיקע, — האט מיך פערפיהרט אין אלע שווארצע יאהרען. ער, דער גענאדייא, האט מיך אריין געחאפט אין זיינע האנד; ער האט מיר געשטראשעט, ער וועט מיך אונגליקליך מאכען; אט האב איך איהם אלעס געפאגט, וואס ער האט מיר געהייסען, איך וועל אייך קיין זאך ניט פערלייקענען; איך וויל טאקע, ער זאל אבקומען פאר אלע צרות, וואס ער האט מיר געמאכט אונ וואס ער האט אייך אלעמען פערשאפט, ער דער פאדלער יונג. דיא ערסטע זאך, ווען איהר זייט איינמאל געפאהרען מיט רחל דיא שניידערין, האט ער מיר געהייסען זאגען דאס אמאליען; דיזע האט דאס געזעהען אונ האט אייך חושד געווען, אז איהר ליבט איין אנדערע. דער פון איז ארויס געקומען גרויסע קלאגען ביי זייא אין שטוב. דער פאטער האט נאשטאיוועט זיא זאל אוועק פאהרען.

— א, גזלן! — שרייט אדאלף.

— צווייטען, ווען אמאליע איז געווען אוועק געפאהרען, אונ איהר האט ביי מיר נאך געפרעגט, וואו זיא איז, האב איך אייך געענטפערט אזוא, וויא ער האט מיך אנגעלערנט. ער האט פערשטאנען, דער זוליק, אז איהר וועט וועלען פון מיר בעקומען שמשינס בריף, וואס ער שיקט צו דער טאכטער, אום צו זעהען איהרע אדרעסע, האט ער מיר געהייסען בריינגען דיא בריף אונ ער האט זייא געלייגט אין אנדערע קאנווערטען מיט אנדערע אדרעססען. דאדורך האט ער געמאכט, אז איהר זייט אוועק געפאהרען אז נאך אדעססע.

— א באנדיט! שרייט ווידער אדאלף שקריענדיג מיט דיא ציין, — א וואס צרות איך בין אויסגעשטאנען אין אדעססע, אונ אלץ דורך איהם.

— דריטען, ער האט זיך דערוואוסט, אז זיינע אגעוועזענע געליבטע, וועלכע ער האט פערפיהרט אונ אוועק געווארפען, וויל איהם צו ווארפען זיין קינד ער זאל איהם האדעווען. ער האט זיך פון אנפאנג געהאט דערשראקען, נאך דעם האט עס אויסגעזעהען, אז ער איז געווארען צו פרידען דער מיט

אבער ער האט געהאט דאביא שלעכטע געדאנקען. ער האט מיר מיט אמאל געמאכט אשטראף, אז מיר שטעהט פאר אנדערער אונגליק, אויב איך וועל ניט זעהען צו ענטלויפען פון שמשינס הויז. יעמאלט האב איך ניט פערשטאנען; היינט פערשטעה איך שוין גאנץ גוט; ער האט געוועלט, איך זאל ניט זיין קיין עדות, ווי ער וועט אונטערווארפען דאס קינד ביי שטערן אין הויז.

— וויא אזוא ווייסט דוא דאס?

— ער האט מיר יעמאלט געזאגט, אז איך זאל פון דעסט וועגען ניט פאהרען, ביז ער וועט מיר זאגען ווען, היינט פערשטעה איך, ער האט געדארפט איך זאל אוועק פאהרען דיא זעלבע נאכט, ווען מען וועט איהם אונטערווארפען דאס קינד. אונ אזוא איז טאקע געוועזען: אייערנעכטען קומט ער צו לויפען צו מיר, גיט מיר געלד אונ הייסט מיר פאהרען. איך האב איהם געפאלגט, האב גענומען מיינע זאכען... זייערע זאכען האב איך ניט אנגעריהרט, אונ בין אוועק. איך האב אבער פערשטאנען, אז פוכס וויל דא עפעס אבטאן אמעשה, בין איך געשטאנען ענטגעגען אונטער אטויער אונ האב צו געזעהען. איך שטעה אונ ווארט... חלעבען, איך זעה, ר׳ זונדל טראגט עפעס וואס עס איז... איך האב דער הערט אפיסק פון אקינד. ער איז האסטיג אריין צו שטערן אין שטוב אונ איז גלייך ארויס אהן דעם פעקעל אונ איז אוועק צו זיך אהיים. גלייך נאך דעם בין איך אוועק ווייטער אונ דא האט מיך דער אבהאד איבערגענומען.

אדאלף האט אויס געהערט איהרע ערצאהלונג אונ איז געווארען ערשטוינט איבער דיא אללע שווינדלען, וואס פוכס האט דא אנגעווענדעט; ער האט אבער דיא אויגען געעפנט, אז ער האט דאס אללעס דערגאנגען. יעטצט זעהט ער ארויס, וויא ער האט פריער גערעכנט, אז אמאליע איז אין קיין זאך ניט שולדיג; דאס וואר אללעס מאכערייען פון איהרען אבלוט פיינד. יעטצט וייס ער נאר ניט צוויא זאכען; וואו הין האט דאס דער אלטער טאקע געטראגען דאס קינד? אונ וויא אזוא האט אמאליע געשריבען אזא בריף. נאר דאס וועט ער שוין פון זייא אליין הערען.

יעטצט האט דער פריסטאוו געבאכט דעם פראטאקאל אונ האט דעם אלטען אונ פייקען אטפראוועט צום סלעדאוואטעל. ער האט געזאגט וויא איך זעה יעטצט, איז דער אלטער ניט שולדיג, נאר איך קען איהם ניט אוועק לאזען; דאס איז ניט מיין זאך. דער סלעדאוואטעל וועט שוין באזבירייען, וויא עס געהערט צו זיין. נאר דאס קען איך דיר טאן, וויא דוא האסט געבעטען: דער אלטער וועט געהען אליין פרייא אהן נאראדאוויע.

אזוא איז געוועזען. שמשין שטערן איז געגאנגען אליין; אדאלף איז מיט איהם מיט געגאנגען. ער האט איהם ערצאהלט, וויא ער איז געקומען

צו ליב איהם צום פריסטאוו און וואס ער האט געטאן פאר איהם און ער האט איהם בערוהיגט, אז ער וועט באלד ארויס ריין. פייקעס עדות וועט איהם גאנץ ריין מאכען; נאר ער זאל איהר ניט בעשולדיגען אין גניבה, וועט זיא ריידען דעם ריינעם אמת און דאס וועט זיין גוט. — וואו זיין האט איהר דאס געטראגען דאס קינד? פרעגט ער איהם.

— צו איינעם אהרן גבריאל פעלדשטיין, אבעזרעטניק. מען האט מיר געזאגט, אז ער וויל האדעווען אפרעמד קינד.

— ווער האט אייך דאס געזאגט?

— איך האב דאס געהערט פון שפטל שבנא.

— נו זאלט איהר דאס ביים שלעדאוואטעל ניט זאגען. איך גלויב, אז דאס איז אליגען; נאר איין אויסגעטראכטע זאך פון דעם זונדקען, אום איהר זאלט טראגען דאס קינד איבערן טייך און איהר זאלט אריין פאלען אין אצרה; שפטקע און זונדקע זיינען איין האנד. איהר פערשטעהט?

דער אלטער איז ערשטוינט געווארען.

— טא וויא דען זאל זיין? — פרעגט ער.

— איהר זאגט, אז איהר האט געטראגען דאס קינד צו איין אמע. דאס שטעהט אין פראטאקאל אויך. דאס איבריגע זאלט איהר זאגען אלץ דעם אמת. דא אזוא געהענדיג האט ער איהם דער ציילט אלץ, וואס פוכס האט דא אבגעטאן. ער איז דער אויפטהוער פון אללע אונזערע צרות, — זאגט ער, — נאר מען וועט איהם אויך באלד ברייגגען צום קלעדאוואטעל און ער וועט ליידען פאר אונז אלעמען. אויף ווידער זעהען, העררשטערן; איהר וועט באלד זיין דער היים. איך מוז געהען; איך האב נאך וואס צוא טאן וועגען פוכסען.

ער האט איהם געגעבען דיא האנד און איז אוועק געגאנגען.

אדאלף האט זיך דער מאנט, אז פאליצייא וועט באלד קומען נאך פוכסען, און אז מען וועט איהם געפינען פערשלאסען אין זיין צימער, איז פאר איהם, פאר אדאלפען, קיין מעלה ניט. זא האט ער זיך געזעטצט אויף אדראשקע און איז גלייך געקומען צו זיך אויף זיין קוואטיר. ער איז ארויף שטילער הייט. קיינער האט איהם ניט בעמערקט. דאס וואר פונקט אין דער זעלבע צייט, ווען פוכס האט גענומען אונטערצינדען אלץ, וואס עס וואר אין צימער. ער האט שטילערהייט אב געשלאסען דיא טהיר, האט געלאזען דעם שליסעל שטעקען פון אינוויינינג, האט ווידער צו געמאכט. פוכס האט יעמאלט געקלאפט און געלארמט אין דעם דריטען צימער און האט דאס ניט געקענט בעמערקען.

אדאלף איז אראב האסטיג און זאגט צו זיך: דארטען איז אנוואלדיגער רויך. ער מאכט דארטען אפאזשאר; גאנץ גוט.

רי׳

(דער פיבר) ח״ד

53

דיא אונבעקאנטע.

אמאליע, וויא מיר ווייסען, נאך דעם אבשרייבען פון יענעם בריף, האט זיא געלאזען שפטל שכנאן אין שטוב אונ דעם בריף אפען טיש אונ איז אוועק געלאפען צום פאטער, וועלכער איז דאן געזעסען אין סעזשע אין דער פאליציא. זיא האט זיך קוים איינגעבעטען אונ מען האט איהר אריין געלאזען צו איהר פאטער; זיא האט זיך גוט אויסגעוויינט; נאר זיא האט איהם בערוהיגט, אז מען וועט קומען הלאפאטשען פאר איהם אונ מען וועט איהם זעהען צו בעפרייען. זיא האט געוועלט אליין געהען צום פריסטאוו בעטען מען זאל פון פאטער האטש דיא שאנדע אראב געהמען, — נאר דיזער איז נאך ניט געוועזען געקומען. זיא איז געבליבען זיטצען ביין פאטער נאך אהאלבע שטונדע, נאך דעם האט זיא געוועלט געהען צום פריסטאוו, האט מען איהר געזאגט, אז ער זיטצט יעטצט מיט איי־בערגען אין אבעזונדער ציממער, דאס וואר אדאלף; נאר זיא האט געמיינט, דאס איז הארא, וויא שפטל האט איהר צו געזאגט, זא האט זיא זיך ניט געוועלט מיט איהם טרעפען... זיא ווייס פארט, אז ער איז איהר בלוט שונא. זיא איז אוועק אהיים עטוואס בערוהיגט, אז מען טהוט וואס פאר איהר פאטער. אבער דיא מעשה בריף האט איהר קיינע רוהע געגעבען; דאס האט איהר צו בראכען אין גאנצען.

דאס אונבעקאנטע פריילין, וועלכע איז פריער געוועזען געקומען צוא זייא, איז נאך אימער געזעסען מיט דבורהן. זיא האט גענומען אנטהייל אן זייער לאגע אונ דבורה האט איהר אללעס ערצאהלט, וואס מיט זייא האט פאסירט, אונ האט דער בייא ניט ווענינ טרעהן פערגאסען. דאס פריילין וואר העכסט בעוועגט.

אמאליע, אריינגעהענדיג אין שטוב, האט אויף קיין זאך ניט געקוקט, איז אריין אין איהר ציממער, האט זיך אווארף געטאן אויף איהר בעטל אונ האט גענומען שלוכצען. דבורה לויפט איהר נאך.

— וואס איז מיט דיר, מיין טאכטער? האסט נאך אלץ ניט דערגאנגען, וואו דער פאטער איז?

— אוי וויא! איך ווייס שוין צו גוט. דער פאטער איז ארעסטירט.

— ארעסטירט, זאגסטו? פאר וואס? פאר ווען?

— פאליציא האט איהם בעשולדיגט טראגענדיג דאס קינד אפען טייך, אונ מען אבוויינעט איהם, אז ער האט געוועלט דאס קינד ערטרינקען.

— שטייטס! אקלאג איז צוא מיר! — שרייט דיא אלטע ברעכענדיג דיא האנד, — ער האט איהם דאך גאר געטראגען צוא אהרן גבריאלן, דעם בעזהעטניק.

— דאס ווייסען מיר, מאמע; אבער זייא האבען זיך דאס רעכט ניט

צו גלויבען. אונ קיין עדות האבען מיר ניט... ניט אז מען האט אונז אונטערגעווארפען דאס קינד, ניט אז דער פאטער האט איהם געטראגען צו צו דעם בעזדעטניק.

— וואו ביזט דו ערסט געוועזען?

— איך געה ערסט פון פאטער.

— וואס מאכט ער? וויא זעהט ער אויס?

— אויף אונזערע שונאים געזאגט געווארען. ער זעהט אויס וויא אטויטער מענש. אקליינינקייט! מען איז איין עהרליכער מאן, האט צייט לעבען נישט געהאט צו טאן מיט דער פאליציא, אונ היינט האט ער אויף זיך איין אונגלאוונע דיעלא. אוי וויא, אוי וויא! וואס צרות אויף אונז איז אויס געוואקסען געווארען!

— פאר וואס? פאר ווען?

— דאס איז אלץ שונאים... גזלנים האבען זיך אויף אונז אנגעזעטצט, אונז אפען פייער צו ברייגען. אי, מוטער, מוטער! אז דוא וואלסט וויסען, וואס דא האט זיך פריער מיט מיר געטאן...

— יע, מחשבותין, מיין טאכטער, — שלאגט איהר איבער דיא אלטע, — אדאלף איז דא פריער געוועזען...

— אדאלף, זאגסט דוא! — שרייט אמאליע מיט שרעקען.

— יע, אדאלף. עס איז געוועזען אשרעק אויף איהם אקוק צו טאן. ער איז געוועזען צו מישט מיט ערד... אויף איהם אקוק געבענדיג, האט מען געדארפט צו גיין פון שרעקען... זאג מיר, מיין טאכטער, וואס פאר אצעטעלע האסט דו דאס געשריבען? עס הייבט מיר מיין מוח, וויא קומסט דוא צו שרייבען אזעלכע ווערטער.

— דוא ווייסט שוין, מאמע?

— אודאי וויים איך. אדאלף האט מיר איהם געוויזען.

— אדאלף האט שוין מיין טאדעס אורטהייל אין האנד! — גיט אמאליע אביטערן זיפץ אונ האט גענומען וויינען יאמערליך.

— שטייטס, מיין טאכטער, וויא קומסטו צו שרייבען עפעס צו איאזעפען... רעדסט וועגען חופה האבען... שרייבסט, דאס קינד איז דיינער... דאס איז דאך עפעס גערעדט וויא אמשוגענע! גאט איז מיט דיר, מיין טאכטער... וויא קומסט דוא צו אזעלכע רייד?

— אט דאס איז דאך מיין אונגליק, מאמע. איך האב זיך אליין, מיט מיינע אייגענע האנד אריין געלאזען אמעסער אין הארצען. אוי, מיר איז שלעכט, מאמע...

אמאליע איז געפאלען אין אונמאכט.

דאס פריילין, וועלכע איז נאך אימער געוועזען אין שטוב אונ האט פון ווייטען, וויא עס שיינט אלעס צוא געזעהען אונ אויסגעהארכט, איז יעטצט צו געלאפען, אונ דיא מוטער מיט איהר האבען גענומען אמאליע

שפריצען מיט וואסער און אנגעווענדעט אנדערע מיטעלן ביז זיי האבען זיא געבראכט צו זיך.

דיא מוטער האט איהר מעהר נישט געפרעגט, אום ניט צו דער וועקען איהרע ווייטאגען. זיא האט גענומען ריידען מיט דער אונבעקאנטע און איהר געזאגט, אז עס וואלט געוועזן בעסער, זיא זאל קומען מארגען אדער איין אנדער טאג: זיא זעהט דאך, אז אמאליע איז יעטצט קראנק און גראד היינט האבען זיי גרויסע טרעוואגעס, אז עס איז גאר אונמעגליך היינטע צו ריידען וועגען זייטיגע זאכען.

דיא אונבעקאנטע האט אבער געענטפערט (אים רוסישען):

— איהר מוזט מיך ענטשולדיגען, מאדאם: דער אויפטראג, וואס איך האב צו אייער טאכטער איז זעהר דרינגענד; ער מוז היינטע אויסגעפיהרט ווערען. און וואס זיא איז יעטצט אויפגערעגט און אונרוהיג, וועל איך ווארטען... איך האב צייט: איהר דארפט זיך פאר מיר אין קיין זאך ניט שעניערען: ערשטענס בין איך אייך פרעמד, און צווייטענס פערשטעה איך אייער שפראכע ניט. ביטע ערלויבט מיר דא צו ווארטען, ביז אייער טאכטער וועט אים שטאנדע זיין, מיין אויפטראג אן צו נעהמען. און וואונדערט זיך ניט דאריבער: שפעטער וועט אייך אלעס ערקלארט ווערען.

דער ווילע האט אמאליע אויפגעעפנט דיא אויגען און האט אויסגעזעהען רוהיגער.

— מאמע, — זאגט זיא, — דוא האסט מיך גערופען משוגענע, וואס איך האב געשריבען אזא בריף...

— יע, מיין טאכטער, וויא קומט דאס? איך מוז דאס זעהר וועלען וויסען.

— מען האט מיך געצוואונגען מאמע. מען האט מיר געזאגט, אז אן דעם ווענדעט זיך דאס שיקזאל פון מיין פאטער. ער האט איין אונגלאוונע דיעלא, פאר וועלכע. עס קומט קאטארזשנע. נאר איין מענש קען איהם העלפען, דאס איז הארץ אייזבערג; אבער אנדערש וועט ער דאס ניט טאן, סיידען איך זאל זיך ענטזאגען פון אדאלפען. מיך ענטזאגען פון איהם — דאס איז אבגעשניטען צוויא לעבענס. נאר מיין פאטער! פאר איהם בין איך בערייט צו טאן אלין אין דער וועלט. ווייטער דיזעם ענטזאגען ־יך האט ניט געדארפט צו געהען איינפאך; דא האט נאך געמוזט אבגעטאן ווערען אהעלישער שווינדעל; איך זאל שרייבען מיט מיין אייגענער האנד, וויא איך ליב איין אנדערן... וויא איך האב געהאט מיט יענעם אקינד און וויא איך לאך זיך נאך אויס פון איהם. דאס איז שרעקליך! מעהר וויא דער טייוועל פון גיהנום קען ניט אויסטראכטען אזא העלישע אינטריגע. איך האב דאס געטאן: איך האב מיך ענטזאגט פון אדאלפען אבער אזוא נידערטראכטיג... אזוא פאדלא... אלס צו ליב מיין פאטער. צוויא לעבענס האב איך אויפגעאפפערט פון זיינעט וועגען. א, מאמע, מאמע! איך וועל דאס ניט אויס האלטען.

אמאליע איז געוועזן בלייך וויא אטוך, דיא ליפפען שווארץ, דיא אויגען

איינגעפאלען אונ דאך רייצענד שיין •

— איך האב געהאט צשטארקען קאפּף , — רעדט זיא ווייטער , — אונ איך וואונדער זיך , וויא לעב איך נאך ? . . . נאך אזוא פיל אונגליקען , וויא קען איך מיך האלטען אויף מיינע פיס . . . אונ נאך דעם אונגליקס בריף , וויא האלט זיך נאך אין מיר מיינע זעעלע ? מען זאגט , אז פרויען זיינען צארט , שוואך , פאר אשפינע ציטערן מיר , יע ! אונ דא זיינען מיר בעפאלען אזוא פיל מיתות , אונ איך לעב נאך • יע , איך לעב , אבער וויא שרעקליך איז דיזעס לעבען ! וואס בעטרעפט דער טויט געגען אזא שוידערהאפטיעס לעבען ? אוי וויא ! איך זאג אליין ; איך ליב איינעם אנדערן . . . מיינע אייגענע האנד האבען געשריבען , אז איך בין פאלש אונ נידערטראכטיג הה ה !

זיא לאכט וויא משוגע •

— הא ! וויא טייוועליש דאס איז ! וואס פאר אהעלישע דראמע מיט מיר האט זיך דאס אבגעשפילט ה ה ה !

— א מיין גאט ! — קלאגט דבורה אונ ברעכט מיט דיא האנד . — גאט ! קוק אראב אויף דיזעס קליינע געשעפּף . . בערג צרות האסטו אויף איהם אויס געשאטען . . . מיר זיינען שוין אלט אונ שוואך . . . אונזערע יאהרען זיינען געציילט . . . מענשען האבען אונזער האב אונ גוטעס אוועק גערויבט . . . דאס איינציגע ביסעלע אייגענס איז אונז געבליבען אונזער איינציג קינד , אונזער ביסעלע נחמה . . . א גאט ! נעהם דיזען טרויסט פון אונז ניט אוועק . . . דוא האסט אונז שוין גענוג געשטראפט . . . א לאז שוין זיין גענוג !

אמאליע פאלט דער מוטער אין דיא ארמען , זיא דריקט איהר צוא צום הארצען ; זיא האבען ביידע גענומען חליפען •

דיא אונבעקאנטע האט אויך געווישט איהרע אויגען פון טרערן •

— מאמע ! — זאגט אמאליע ווייטמוטהיג , — ווער איך נאך זעהען אדאלפען ? אוי , וויא איך וויל איהם זעהען ! . . . אבער וויא ווער איך איהם קענען גלייך אין דיא אויגען אנקוקען ? איך בין אזוא ריין , אונ דאך אזוא שולדיג , אזוא נידערטראכטיג געגען איהם . . . ער וועט מיך אנקוקען וויא אויף אגאדינא , וויא אויף אגיפטיגע שלאנג • א , איך האלט ניט אויס !

יעטצט איז דאס אונבעקאנטע פריילין , וועלכע האט דאס אלין צו געזעהען , צו געגאנגען צו אמאליען , וואנקענד אויף איהרע פיס , זיא נעהמט ארויס פון איהר סאקוואיאזש , וואס זיא האט געהאלטען אין האנד , אגרויסעס קאנווערט אונ דער לאנגט עס אמאליען מיט ציטערנד האנד •

אמאליע אונ דיא מוטער קוקען איהר אן פערוואונדערט •

— איך בין געשיקט , — זאגט דאס פריילין , פון איינער פערזאן מיט איינעם אויפטראג . נעהמט דיזעס קאנווערט , אבער עפנט עס ניט ביז אשטונדע ארום • איינע ערקלערונג דאריבער וועט איהר יעטצט ניט וויסען ; איהר זאלט ווארטען עטליכע טעג , דאן וועט איהר בעקומען אבריף מיט אגאנצער ערקלערונג אויף אלין • אדיע ! איך ווינשע אייך פיל גוטעס •

זיא רייבט דיא האנד דבורהן אונ אמאליען אונ געהט ארויס. דבורה לויפט איהר נאך, וויל איהר נאך וואס פרעגען, ענטפערט זיא איהר:

— ליבע מאדאם, ניט מיינט, אז איהר אליין ליידעט; עס איז פראנען נאך מענשען, וועלכע ליידען, אונ אייערע פראגען איז פאר יענע קיין פערגניגען. האבט געדולד; שפעטער וועט אייך אלעס ערקלערט ווערען. אדיע!

זיא איז אוועק געגאנגען. דבורה אונ אמאליע זיינען געבליבען ערשטוינט.

— צו איז דא ניט עפעס אינטער אצרה, — זאגט דבורה מיט אזיפץ, — מיט אונז טרעפט אלץ זעלטענע געשיכטען, אונ יעדע ברייננט נייע צרות, נייע אונגליקען אויף אונז. עפעס נוטעס קענען מיר ערווארטען? לאמיר זיך ניט צו ריהרען צו דעם קאנווערט. ווער ווייסט וואס דארטען ליגט.

— סייא וויסייא דארפען מיר נאך ווארטען אגאנצע שטונדע, — זאגט אמאליע, — לאז עס ליגען.

54.

ווידער פעראייניגט.

זייא האבען נאך ניט פעספייעט צו קומען צו זיך פון דעם זעלטענעם צו פאלל, וואס דא האט מיט זייא געטראפען, האט זיך געעפנט דיא טהיר אונ עס איז אריין אדאלף.

ער בלייבט שטעהן פון ווייטען, געהט ניט ווייטער אונ שווייגט.

ווייא אמאליע האט איהם דערזעהען, האט זיא אויסגעשריען פון שרעקען, זיא האט געפיהלט, איהרע בלוטען זיינען פערקיהלט געווארען. זיא האט פערדעקט איהרע אויגען מיט ביידע האנד אונ האט זיך אוועק געטאן אהינטער.

דיא האט איהם גלייך אין דיא אויגען ניט געקענט קוקען. ער קוקט זיא אן, ער ווייס, וואס זיא איז אזוא אויפגערעגט. דבורה קוקט איהם אויך אן פערבליפט אונ האט נאך אויך ניט געפינען קיין ווארטער מיט איהם אנצוהייבען. אדאלף געהט צו נעענטער, שטעלט זיך נעבען אמאליען, ער איז העכסט בעוועגט, נעהמט איהר פארן האנד; זיא ציטערט, וויא אבלאט.

— וואס איז מיט דיר אמאליע?

זיא שווייגט, ענטפערט ניט, גיט זיך אוועק צו דער מוטער, ארומט זיא, וויא זיא וואלט זוכען איהר שוטץ נעגען אשונא...

מיר איז שלעכט. מוטטער, רעטע מיך, — האט זיא קוים געקענט ארויס ריידען.

— בערוהיג דיך, מיין קינד, — זאגט דיא מוטער ווייטוטהיג.

— א, ניט גוט! איך האלט ניט אויס.

— אמאליע, זייא דאך רוהיג, — זאגט אדאלף, — שרעקסט דוא דיך דען פאר מיר פאר דיין אדאלפען?

דער מאן פון זיינע רייד וואר פאר איהר ניט דראהענד, וויא זיא האט גערעכינט. זיא גיט אקוק אויף איהם, פערדעקט ווידער דאס געזיכט, זיא

האט זיך געפיהרט, וויא אפערברעכער פאר געריכט.

— אמאליע, איך וויל מיט דיר רייחען אפאר ווארטער, וואס איך וואלט וועלען, דוא זאלסט מיר ערקלארען.

זיא שווייגט. ער נעהמט ארויס דעם פאטאלען בריף, נעהמט פאנאנדער אונ זאגט: אמאליע, האסט דוא געשריבען דיזען בריף?

זיא שווייגט אונ ציטטערט.

— דוא שרעקסט זיך, אמאליע? איך פרעג דיך פיליכט צו הארט. נו בעט איך דיך, מיין טהייערע, זאג מיר... גיב אקוק... האסטו געשריבען דיזען בריף? איך וויל דאס ניט גלויבען... איך רעכנע, אז דאס האט מען נאך געמאכט דיין האנדשריפט אונ אונטערוואַרפען אין דיין צימער. זאג דאך, מיין טהייערע, אז ניט דוא האסט איהם געשריבען, וועל איך גליקליך זיין.

— איך האב געשריבען, — ענטפערט זיא מיט אפערשטיקטער שטימע.

— דוא האסט געשריבען אט דיזען בריף? מיט דיינער האנד?

— אה! אללע יסורים פון גיהינום גלייכען זיך ניט צו דיזע. אדאלף, זעה קוועל מיך ניט.

— האסט דוא געשריבען מיט דיינער האנד? איך פרעג דיך.

— יע, איך האב געשריבען מיט מיינער האנד, אבער....

— א, געליבטע איז גאטט! עס איז דא איין אבער... וואס אבער? אבער ניט מיט דיין הארצען?... איך גלויב ניט, איך גלויב ניט, אז דיזע ווערטער זיינען דיר געגאנגען פון הארצען.

— פערצייהע מיר, פערצייהע מיר!

— איך ווייס אמאליע, אז דוא ביזט ניט שולדיג. איך גלויב ניט דאס, וואס דא איז אנגעשריבען.

— דוא גלויבסט ניט, אדאלף?

— ניין, איך גלויב ניט. מיין הארץ לאזט עס מיר ניט גלויבען. זאג מיר נאר מיין טהייערע, וויא אזויא איז דער בריף געשריבען געווארען? מען האט דיך געצוואונגען, דאס בין איך זיכער; אבער וויא אזויא?

דא האט איהם דבורה ערצאהלט אללעס, וואס איז געשעהען, וויא מיר ווייסען שוין. אמאליע וואר אזויא בעוועגט, אז זיא האט ניט געקענט ריידען ניט וויינענדיג. ווען דיא מוטער האט געענדיגט, האט ער איהר צארטליך אומגעצארעמט.

— ארעמע אמאליע! זאגט ער העכסט בעוועגט, — וואס דוא ביזט נעבעך אויס געשטאנען!

— יעטצט ווייס איך, — זאגט זיא, — וואס איז דאס יסורים פון גיהינום, אז מען דארף זיך אליין ארויס רייסען דאס הארץ מיט דיא אייגענע האנד, אז מען דארף זיך אליין אונטער שרייבען דעם אייגענעם טאדעס אורטהייל....

— נו גענוג, מיין טהייערע, פערגעס אללעס, וואס איז געשעהען. דוא

מיט מיינע, מיינע אויף איביג. מיר זיינען אללע צרות איבער געקומען; אונזערע שונאים זיינען געפאלען אונ צו גרונדע געבראכט.

עס וואר איינע פויזע. אדאלף אונ אמאליע זיטצען געארעמט; איהרע אויגען זיינען פייכט פון טרערען פון פריידע, אויף איהרע ליפפען שוועבט אפריילליכער שמייכעל. דיא מוטטער קוקט זייא אן זעהר צוא פרידען. פלוצלונג שרייט זיא אויס:

— מיין שמשין, מיין ארעמער שמ׳שין!

— מיין פאטער, מיין ארעמער פאטער! — שרייט אויס אמאליע, — וואס טהוט זיך מיט איהם?

— ער געהט, — ענטפערט אדאלף, — ער קומט באלד אריין. דער סלעדעוואטעל האט פון איהם אראב גענומען אדאפראס אונ האט געפונען, אז ער איז ניט שולדיג. ער האט נאר גענומען פון איהם אפאדפיסקע, ער זאל זיך ניט אטלוצייען, ווייל דיא קלעדסטווע איז נאך ניט געענדיגט; עס פעהלען נאך צווייא גראווגע עדות: רחל, אפריילין אשניידערין, דיא מוטטער פון דעם קינד, אונ זונדל פוכס, דער פאטער פון דעם קינד. ער האט דאס איהר פערפיהרט אונ אונגליקליך געמאכט; האט איהר פערשפראכען צוא הייראטהען, נאר ער האט זיך אויס געלאכט פון איהר אונ האט איהר אוועק געווארפען. ער איז דאס אויך אונזער הויפט פיינד, וועלכער האט אויף אונז געבראכט אללע גרויסע צרות.

— טא וויא קומט זייער קינד צו אונז? פרעגט דבורה.

— רחל האט עס איהם אונטער געווארפען, אונ ער ווידער האט עס איך אונטער געווארפען, אום אמאליע זאל בלאמירט ווערען; זא וועל איך איהר פערווערפען אונ ער וועט איהר קענען נעהמען, אזויא האט ער גירעכינט. איבער הויפט האט ער זיך געצילט דאצו, איך זאל קיין אנדער בריה ניט האבען אונ זאל וועלען הייראטהען פריילין אייכענשטאם, וויא דיא פארטיע מיט איהר איז זעהר וויגאדנע פאר מיין פאטער. נאר פון אללע זיינע פלאנער האט זיך אויס געלאזען ווינד אונ רויך, אונ ער קומט אב פאר אללעס, וואס מיר זיינען דורך איהם אויס געשטאנען. מען האט איהם געפונען, וויא ער האט אונטער געצונדען מיין פאטערס הויז, זא האט ער היינט אויף זיך אדיעלא פון אפאדזאג (בראנדשטיפטונג). נאר דיזער פאדזאג האט איהם ניט אב געגאלטען; דיא פאזארנע זיינען געקומען גראד, ווען דיא פלאמע האט אויס געבראכען, אונ מען האט גלייך איינגעלאשען. ער האט זיך גוט אבגעברענט אויך; עס האבען זיך אויף איהם אנגעצונדען זיינע קליידער, אונ ער האט געקראגען שטארקע בראנדוואונדען. יע, ער איז ניט געוועזען קיין פארזיכטיגער בראנדשטיפטער, האט געמאכט דיא ארבייט ניט לאווקע, אונ ער איז היינט געפאהרליך קראנק. ער זוכט זיך אפילו צוא פערענטפערין, אז ער איז געוועזען פערשפארט אונ מאכט נאך מיך שולדיג, אז איך האב דאס איהם פערשלאסען, אונ ער האט קיין אנדער בריה ניט געהאט, וויא זיך צוא העלפען מיידען

דורך דיזעם מיטטיל. אבער עס איז ליגען: דיא פאזאנע, וואס זיינען גלייך געקומען, זיינען ארויף אויבען האבען געעפינט דיא טהיר אונ האבען נאך געזעהען, וויא דער שליסעל שטעקט אין דער טהיר פון אינוויינינג. דער ווילע האט מען איהם אטפראוועט אין באלניצא. אויב ער וועט בלייבען לעבען, זא שטעהט איהם נאך פאר אדיעלא פאר דעם פאדזאנג אויסער נאך, וואס ער האט אבגעטאן מיט אונז. לייקענען קען ער זיך ניט: רחל, וועלכע ער האט אזוי פיל שלעכטעס געטאן, איז אגוטער עדות; אונ איינער פייקע, וואס איז געוועזען בייא אייך, זאגט אויך זעהר גוט געגען איהם: זיא איז געוועזען זיין גאנצע ארודיע אין דיא אללע מאכערייזינע. היינט איז זיא אריין געפאללען דורך איהם, אונ וויל זיך מיט איהם אבּרעכענען.

אזויא ריידענדיג האט זיך געעפינט דיא טהיר אונ עס איז אריין שמשין שטעריין. פאטער, מוטטער אונ טאכטער זיינען זיך געפאללען איינאנדער אפען האלדז, האבען זיך געקוסט אונ געוואכען פריידענטרערען.

55

דאס קאנווערט.

אז דיא ערשטע איבעררשונג וואר פאראיבער האבען זייא זיך גענומען איינאנדער ערצאהלען, וואס זייא זיינען יעדער אויס געשטאנען אין דיא לעצטע פאאר מעג אונ נאך דעם אללעס, וואס פריער האט מיט זייא פאסירט. יעטצט איז זייא שוין אפען געשטאנען אללע מאכערייען אונ אללע שווינדלען, וואס פוכם האט מיט זייא געטאן. היינט האט זיך שוין אללעס גוט אויס געוואזען. דער רעכטער שולדיגער ליידעט היינט אשטראף, וויא ער האט פערדינט; קיינער האט איהם נישט געטאן, נאר ער זיך אלליין. אונ וואס איז גאר צוא פערדאנקען? דיא שטאנד האפטינקייט פון אדאלפס באראקטער, זיינע שטארקע ליבע צוא אמאליען אונ דיא פעסטע איבערצייגונג זייגע אין איהרע טרייהייט. דאס אללעס האט איהם ניט צוא געלאזען דעם געדאנקען, אז זיא זאל איהם זיין פאלש. אז זיא זאל זיין אזויא נידערטראכטיג. מיט דיזער פעסטקייט איז ער געגאנגען ווייטער, האט געזוכט אונ נאך געפארשט, ביז עס האט זיך פאר איהם ענטוויקעלט דיא גאנצע געהיימע מאכינאציאן, וואס דא האט געארבייטעט אין דער פינסטער. וואלט ער געוועזען ניט שטאנדהאפט אין באראקטער, וואלט ער ניט פעסט געגלויבט אין אמאליעס טרייהייט. וואלט אללעס געוועזען פערלארען אונ זייא וואלטען אללע בלייבען אונגליקליך.

— ארמע מאטילדע! — לאכט אדאלף. — איהרע אגענטען האבען נישט אויס געפיהרט הע הע!

— איך וויל גלויבען, אז זיא איז גאר ניט שולדיג, — פערענטפערט איהר אמאליע. — איך וויל ניט גלויבען, אז אפרויענצימער, וואס איז עדעל

ערצאגען , זאל זיין אויף אזוי פיל פערדארבען , אדער זאל זיין אזוי אונבעזאנגען צו מיינען , אז ליבע קען מען ערצווינגען , אז דיא ליבעס געפיהלע , וואס איז איינגעפלאנצט ביא יענעם אין הארצען , זאל מען קענען ארויס רייסען אונ אריין זעטצען ביא זיך אין הארצען . איך מיין , אז זיא האט געוועלט דיא פארטיע , יע ; אבער פון דיא אללע אינטריגעס האט זיא געוויס ניט געוואוסט, אונ זיא וואלט אים קיינען פאלל ניט וועלען בויען איהר גליק דארט , וואו עס איז געוועזען אזוי פיל שפיכות דמים .

— עס קען זיין אז יע , אונ עס קען זיין , אז ניט אויך , — זאגט אדאלף , — וויא עס קען זיין גוטע אונ שלעכטע אונטער מאנכפערזאנען , אזויא קען זיין דאס זעלבע אונטער פרויענצימער .

— יע , אים מהשבותן , — רופט זיך אב דבורה , — איך האב אייך גאר פערגעסען צו ערצאהלען .... דער קאפף איז אזויא פערדרייט ... מיר זיינען געוועזען אזו צוטומילט , אז מיר האבען ניט געוואוסט , וואו מיר זיינען אין דער וועלט ... יע , וויא געפאלט אייך ? היינט איז געקומען אהער אפרייליין אונ איז דא אבגעזעסען צוויא שטונדען אפען זייגער ; האט ניט אב געטראטען פון דאנען דיא גאנצע צייט , האט צוא געזעהען אלץ , וואס דא האט זיך געטאן , וויא מיר האבען געוויינט , געקלאגט , וויא אמאליע האט געחאלעשט ... האט נאך אליין געהאלפען איהר מינטערן . אונ איך וויים עד היום ניט , ווער זיא איז , וואס זיא איז .

— וואס האט זיא פארט געזאגט דארף זיא דא ? זיא האט דאך געמוזט יע זאגען וואס עס איז .

— זיא האט געזאגט , זיא דארף עפעס אמאליען ; נאר כל זמן עס איז געוועזען דער טומיל , דיא סומאטאכע , האט זיא נישט גערעדט .

— אונ נאכדעם ?

— אז עס האט זיך אביסיל איינגעשטילט , האט זיא דער לאנ... אמאליען אט דיזעס קאנווערט , וויא געפאלט אייך ?

אדאלף נעהמט דעם קאנווערט אין האנד קוקט איהם ארום .

— וואס איז דא ? וואס קען דא זיין ? מען דארף עפענען , וועלען מיר זעהען .

— זיא האט אנגעזאגט , מען זאל עס ניט עפענען ביז אין אשטונדע ארום .

— נו , עס וועט שוין זיין באלד אשטונדע . וויא זעהעט זיא אויס דאס פריילין ?

— מען האט ניט געקענט זעהען איהר געזיכט ; זיא וואר פערדעקט מיט אוואל אדונקעלען אריקען .

— אוואונדער , הלעבען ! זיא האט גאר ניט געזאגט איהר נאמען ?

— ניין . נאר מיר דאכט , זיא איז געוועזען אקריסטין ; זיא האט גערעדט ריין רוסיש . מיט אגוטען אקצענט .

— נו , מיר וועלען עפענען דאס קאנווערט , וועלען מיר שוין אללעס וויסען .

— ניין , זיא האט געזאגט , אז פון קאנווערט וועלען מיר נאך אויך

ניט וויסען: איינע ערקלארונג וועלען מיר ערשט האבען אין איינינע טעג ארום.

— אזעלכטענע זאך, עהרען ווארט. נו לאמיר שוין זעהען וואס איז אין קאנווערט; דארטען איז דאך געוויס וואס אנגעשריבען; וועלען מיר לעזען, וועלען מיר וואס וויסען.

— נאר וואס האט זיא עס אבגעלייגט אין אשטונדע ארום? פרעגט אמאליע וואס איז דער אונטערשייד, פריער, שפעטער עפענען דאס קאנווערט?

— נו, וואס קען מען מאכען? — זאגט דער אלטער: מען מוז געדולדיג ווארטען, ביז עס וועט קומען דיא ערקלארונג.

— איך האב מורא פאר איין אנדער זאך זאגט דבורה: צו שמעקט דא ניט עפעס איין אונגליק ווייטער? צו איז דא ניטא עפעס ווייטער אשווינדעל פון דעם באנדיט, פון דעם פוכסען? איך ווייס? מען זאגט, עס איז פארבאנגען אזא פולווער. וואס מען שיט אריין אין אבריף, און דאס איז גאר אסם, פון זיין שטויב אליין שטארבט מען אויגענבליקליך. אויף פוכסען קען מען אלעס גלויבען; ער איז מסוגל אויף אלעס אין דער וועלט.

— עה. דומעס צייג! — זאגט אדאלף.

ער נעהמט אמעסעריל פון דער קעסענע און שניידט פאנאנדער דאס קאנווערט.

— ניין ניין! — זאגט אמאליע, לייג אוועק... איך האב מורא...

— נישט קשה, — זאגט אדאלף שניידענדיג דאס קאנווערט.

ער עפינט עס אויף שלעפט ארויס אפאק הונדערטער בילעטען. ציילט אב פופצעהען שטיק, נעהמט ארויס פיר וועקסלען צו 500 רובל יעדער, און עפעס אדאקומענט געמאכט אין נאטאריוס.

אללע זיינען געבליבען שטעהען פערוואונדערט.

56

דיא וואהלטהאט.

יעטצט מיין ליבער לעזער, לאמיר זיך דער מאנען אן אפערזאן וואס האט געשפילט דיא הויפט ראלע אין אללע בעשריבענע ערייגניסע, דאס איז באטילרע אייבענשטאם, וועלכע מיר האבען נאר איין מאל געזעהען אים לויף פון אונזער ערצאהלונג, ריידענדיג מיט אדאלפן, וועלכער האט געזאלט זיין איהר חתן, וויא זיין פאטער האט געוועלט. אדאלף האט איהר יעמאלט ערקלארט. אז דיזע פארטיע קען ניט צוא שטאנדע קומען. זיא האט זיך געפינען דורך זיינע רייד ביטטער געקראנקט און בעליידיגט; געקראנקט אז ער פאר שטויסט איהר ליבע, און בעליידיגט, אז ער גיט דעם פארצוג איין ארעמע מיידעל געגען איהר אזא גרויסארטיגע. זיא האט איהם דאן געענטפערט: אז דיא פארטיע וועט יע צו שטאנדע קומען; נאר דאדורך וועלען דריא פערזאנען אונגליקליך זיין, דאס הייסט, ער און זיא און פרייליין שטערין.

זיא האט אדאלפען געליבט, און האטש זיא האט געוואוסט, אז הארין אייזבערג וויל דורך דיזען בונד פאפראווען זיין אדמיניסטראציאן, דאך האט

זיא געוועלט אויפאפפערן אגרויסען טהייל פון איהר פארמאגען צוא ליב דיזע פארטיע. אויף אדאלפס ליבע מיט איין אנדערע האבען דיא פערמיטטלער, דאס הייסט, דיא שדכנים אונ זונדל פוכס איהר ערקלארט, אז דאס האט ניכטס צו בעדייטען. דאס איז נאר איין יוגענד רויש (שכרות עלומים), וואס געהט באלד פאר ביא אונ עס וועט דער פון ניכטס ווערען. עס טרעפט הויפיג אזעלכע זאכען, — האט זיא גערעכענט, — אונ דא וועט אויך אזויא זיין.

נו, אזויא וויא אלץ, וואס עס ווילט זיך, גלויבט זיך, זא האט מאטילדע דיזעס אויך געגלויבט, זיא האט געהאפט, וויא יענע האבען איהר פערזיכערט אז זייערע פערהאלטניסע וועלען שוואכער ווערען, דאן וועט זיא מיט זיכערען שריטטען געהען צו איהר ציל. אבער אויף גוואלד מיטטלען איז זיא ניט איין געגאנגען. זיא איז געוועזען אגוטע, אונ א וואהלטהעטיגע פאר ארעמע אונ אונגליקליכע אונ זיא האט ניט געקענט פערטראגען, עס זאל ווער עס איז ליידען פאר איהר.

ווען אדאלף איז געוועזען אוועק געפאהרען נאך אדעססע, האט מען איהר געזאגט, אז יענע געליבטע האבען זיך שוין מיט מזל צעררי‌סען אונ עס איז פון זייער ליבע נישט געווארען. מען האט איהר געזאגט, אז דער ווייטע קען זיא פאהרען אהיים אונ אז אדאלף וועט קומען, וועט מען מאכען זייערע תנאים. ווען אדאלף איז שוין געקומען, האט מען איהר געשריבען; נאר ווייל ער וואר קראנק, קען מען נאך וועגען דיא תנאים ניט ריידען.

אז זיא האט דער הערט, ער איז קראנק, זא איז זיא אלס כלה געקומען צו פאהרען איהם בעזוכען. זיא איז געקומען צו הארן אייזבערג מיט אוויזיט אונ האט געבעטען, מען זאל איהר אריין פיהרען צוא דעם קראנקען אין זיין צימער. ער איז געלעגען אויף אהיטצקראנקהייט אונ ער האט געבערעדעט. ער האט גענומען פלודערען פון זיינע טויט שרעקענים, וועלכע ער האט געהאט אין אדעססא פון דעם אלטען אייפערזיכטיגען מאן; וויא ער איז געוועזען אין געפאהר פון הונגערטויט... וויא מען האט איהם געוואלט נאקאזען מיט קנוטעס. נאכדעם האט ער גערעדט פון זיינע שרעקענים. וויא מען האט איהם גערעכנט פאר אשר, פאר אגנב, אונ פון נאך טויזענדע מיזוואנעס, וואס ער איז אויס געשטאנען. יע, ער האט דאס אלץ גערעדט ניט בינדיג, געפלודערט; אבער מען האט געקענט פערש‌טעהען, אז איין עטוואס אמת איז דא דרינען, ער האט גערעדט אין אזעלכע שרעקליכע אויפדרייקקע, וואו זיין ברענענדע קראנקע פאנטאזיע האט עס נאר געקענט ארויס ברייננען. דער צו האט ער נאך אזאג געטאן: דאס האב איך אלץ פון דיא בלוט אנגעטען פון דיא מלאכי הבלה, וואס מאטילדע שיקט ארויס, אום מיין הארץ ארויס צו רייסען.

דאס אללעס האט פריילין אייכענשטאם געהערט אונ זיא איז געווארען אצומישטע. — א, זאגט זיא מיט אביטטערין זיפץ, — דיא ליבע פון אדאלפען מיט יענער מיידעל איז ניט קיין קליינקייט; זיא איז צוא ערינסט, אז מען זאל זיא דורך גוואלד מיטטלען פאנאנדער רייסען, שטעהען זייא אין לעבענסגעפאהר.

זיא האט זיך שטארק פערטראכט וועגען דעם.

פון יעמאלט אן האט זיא גענומען נאך פארשען, וואס טהוען דא איהרע פערמיטלער פאר איהר. האט אויך נאך געפרעגט וועגען דיא פאמיליע שטערן, האט מען איהר געזאגט, אז זייא זיינען פארנעהמע עדעלע מענשען אונ זעהר עהרליכע אונ גוטע. זיא האט שוין גענומען האבען מיטלייד מיט זייא.

אז אדאלף האט זיך גענומען בעסערן פון זיין קראנקהייט אונ דער פאטער האט מיט איהם גענומען ריידען וועגען שליסען דיא פארטיע מיט פרייליין אייכענשטאם, האט ער דאס גאר ניט געוועלט הערען. דער פאטער אונ פוכס האבען בעשלאסען ווייטער צו נעהמען טאן דריגען, אונ ניט קוקען אויף קיינע מיטעל, נאר צו קומען צום ציעל. מאטילדע האט דאס געקראגען צו וויסען, איז זיא געווארען בייא זיך זעהר געפאלען.

— פאר פאלען! — רעדט זיא צו זיך, — עס וועט דער פון גאר ניכשט זיין. איך האב געהאט אזיסען חלום, היינט האב איך מיינע אויגען געעפענט אונ איך זעה, אז דאס גליק איז ניט פאר מיר. יע, אדאלף וואלט געווען פאר מיר אגוטע פארטיע, ער האט אלע איינגעשאפטען, וואס איך האב מיר אימער געווינשט צוא זעהען אין מיין לעבענס פריינד... ער איז מיין אידעאל... בעזאנדערס געפאלט מיר אין איהם זיין גוטעס וועזען, זיינע עדלע געפיהלע; אבער אוי וויא! דיזע האט ער אוועק געגעבען איין אנדערער. אונ יע מעהר זייא זיינען עדלער, יע וויניגער איז צו האפען פאר מיר, ער זאל דיזע געפיהלע צוריק געהמען פון יענער אונ אב געבען מיר. ניין! דאס וועט ער ניט טאן; דארויף דארף איך ניט האפען. יע, איך האב מאנכע מאכט; זיין פאטער שטעהט פאר מיר, דאס הייסט פאר מיין געלד, נאטירליך, אונ דער זוהן מוז איהם געהארכען, אונ ווען ניט געהארכען, וועט ער איהם ניט צו לאזען יענע צו הייראטהען, — אבער וואס האב איך דער פון? וואלען מיר אנגעהמען, איך פיהר שוין אוים, איך האב געהייראטהעט מיט אדאלפען, ער איז שוין געגאנגען צו דער חופה, איך רוף זיך שוין אן מאדאם אייזנבערג; — אבער וואס איז דאס פאר אלעבען? יענע ליבעס געפיהלע קען ער מיר ניט שיינקען, אונ פערקעהרט, ער וועט מיר נאך זיין דער גראסטער שונא; ער וועט אויף מיר ניט וועלען קוקען, וועט מיט מיר ניט וועלען ריידען, וועט מיך אימער אנרופען קוקלע אהן הארץ אהן געפיהלע. אז איך האב געקענט צווייא פערבונדענע הערצען פאנאנדער רייסען. וואס שטעהט מיר דאן פאר? אלעבען פול ביטערן שמערץ, אלעבען פול גראם אונ הערצעלייד... ניין, ניין! איך קען אזא פארטיע ניט טאן... איך קען זיך ניט אונגליקליך מאכען אויף צייט לעבען.

יע, ליבע איז פון דיא זאכען, וואס קענען זיך איינער זייטיג ניט האלטען. ווען איך אליין איהם ליעבע אונ ער ענטפערט מיר ניט מיט געגענליבע, וא וועלען שוין מיינע געפיהלע צו איהם אבגעשטשיקט, האבען קיינען שטאנד אונ פערלירען זיך. נאר איז דען דא איין אדאלף אויף דער וועלט? קענען דען

מיינע איינגעשאפטען אונ מיינע מאטעריעלע מיטעלן מיר ניט פערשאפען אלעבענס פריינד, מיט וועמען איך זאל גליקליך זיין? וויא צו ערצוויינגען? וואצו געהמען מיט גוואלט? וואו עס איז דא געוואלד, קען קיין גליק זיין. ניין, איך וויל ניט אונ איך דארף ניט וועלען.

יע, איך האב געהערט, אז זייא האבען געמאכט גרויסע אינטריגען, האבען אנגעצונדען צווישען זייא דאס פייער פון אייפערזיכט אונ דער צו נאך גרויסע צרות. וויא ביטער איז דיא אייפערזיכט! וויא קוואלפאלל זיינען אידרע וואונדען! יע, אונ זייא האבען נאך ניט אויפגעהערט; זייא האבען שוין אויפגעבויט נייע פלאנער, וויא זייא צו גרונדע צו ריכטען, אונ פון וועמעס וועגען טהוען זייא דאס אלעס? נאר פון מיינט וועגען, אום יענע אב צוראמען פון דעם וועג צו מיין גליק. נאר איז דען דאס גליק? קען איך דען טרינקען וויין, וואס איז געמישט מיט יענעמס טרערן? ניין, ניין! איך בין נאך ניט אזוא וויט פערדארבען, אז איך זאל ניט קענען פערשטעהען וואס איז דאס איין איינציגסטע פריידע אדער איין אבגעדורכטע. אז איך זאל נעהמען אדאלפען, וואס וועט ווערען פון איהם? וואס וועט ווערען פון יענער אונשולדיגע אמאליען? זיא האט דאך מיר גישט געטאן; זיא האט דאך פון מיר נישט אוועק גענומען. איך נעהם דאך פון איהר אוועק; זיא האט דאך פריער זיין הארץ פערנומען. איך האב געהערט, אז זיא איז געוועזען קראנק; איך וויים, אז ער איז געוועזען קראנק; פון וואס איז דאס אלין? — פון דיא יסורים, וואס מען האט זייא אבגעטאן, אונ צו ליב מיר. יע, געטאן האט איין אנדערער, ניט איך; אבער צו איז דען דער, וואס הייסט הרגען, ניט דער זעלבע מארדער, וואס הרגעט מיט זיינע אייגענע האנד? דער הרגעט מיט זיין צינג, וואס הייסט, אונ דער מיט זיינע האנד וואס שלאגען. א ניין. איך וויל קיינע מארדערין ניט זיין.

מיט אזעלכע געדאנקען איז מאטילדע אומגעגאנגען דיא גאנצע צייט, ביז ענדליך האט זיא זיך בעשלאסען צו געהען צו אמאליען, מיט איהר זיך דורך רעדען אונ זעהען, וויא וויט שטעהט זיא אין איהרע פערהאלטניסע מיט אדאלפען, אונ פרובירען זיך איהר, אדער איהרע עלטערן, פארלייגען א שיינע סומע געלד. איהרע עלטערן זיינען ניט רייך, פיליכט וועלען זייא געפינען פאר ראטהזאם זיך פרייוויליג פון דיזער פארטיע צו ענטזאגען.

זיא וויים אויך, אז וועגען דעם באנקראט, וואס הארין האט געמאכט אונ האט דאביא איינגעשלונגען שטערנס דרייא טויזענד רובל, האט זיך אדאלף פערפליכטעט, אמאליען צו הייראטהען, אום אויף דיזע ארט זייא איינגער-מאסען צו פערגיטיגען, זא האט זיא גערעכנט, וויא באלד אז דא שפיעקט געלד, זא איז פיליכט מעגליך. דיזע פערפליכטיגונג אדאלפס מיט געלד אראב צו נעהמען.

ווייטער ווערט זיא זעהען, אויב דא איז גאנץ אונמעגליך, וואס צו טאן, זא וועט זיא ניט צו לאזען צו קיינע גוואלדמיטעלן, אונ זיא וועט זיך גאנץ

ענטציהען פון דער פארטיע מיט אדאלפען; אונ אום צו ברינגען איהר געוויסען, וואס דורך איהר האט אמאליע געהאט אזוא פיל צרות אוים צו שטעהען, ווערט זיא איהר מאכען אשיינעס געשענק דער פאר.

מאטילדע וואר ווירקליך גוטהערציג אונ מילדטהאטיג.

ווייטער. מאטילדע האט געוואוסט, אז איהר פאטער האט ערווארבען זיין קאפיטאל ניט דורך אוים ערהרליך, וויא אונ וואו האט זיא ניט געוואוסט; זיא האט זיא געהאט געוויסענסביססע, אז זיא דארף היינט הנאה האבען פון אקאפיטאל, וואס אנדערע האבען דאדורך געליטען. אלזא האט זיא זיך בעשלאסען צו טאן עטוואס גוטעס, אונ דאמיט איינער מאכען וואשען דיא פלעקען פון איהר פאטערס אנדענקען. יע, מען דארף טאן גוטעס אונ בעזאנדערס מיט יענע, וועלכע האבען געליטען דורך איהר.

מאטילדע האט אזא געטאן.

זיא האט זיך פארבערייטעט אונ איז אוועק געגאנגען צו שמשין שטערן. מען האט זיא דארטען ניט געקענט, דער צו האט זיא זיך נאך פערדעקט דאס געזיכט מיט אדיקען וואל. זיא האט געדענקט פריער צוא פערפיהרען מיט אמאליען אזייטיגעס געשפראך אונ נאכהער אריין ריידען וועגען זייערע אנגעלעגענהייטען. זיא איז אבער געקומען אין דער רעכטער צייט, ווען דארטען איז געווען גרויסע קלאגען; וואס שמשין שטערן איז פערפאלען געווארען, וואס מען האט זייא אונטערגעווארפען אפרעמדעס קינד. זיא האט געזעהען מיט איהרע אויגען דעם יאמער אין שטוב, אונ האט אויך צו געזעהען מיט איהרע אויגען דעם יאמערליכען צו שטאנד פון אדאלפען, וואס ער האט געהאט פון יענעם אונגליקק-בריף. דיא אלטע דבורה האט איהר נאך אויסגערצאהלט דיא אלע צרות, וואס זייא זיינען אוים געשטאנען דיא גאנצע צייט. מאטילדע האט אגוט הארץ אונ האט מיט איהר מיט געוויינט. זיא האט נאכדעם געזעהען, וויא אמאליע איז געפאלען אין אונמאכט; האט אליין געהאלפען איהר מינטערן. זיא האט זיך דיא ביטערסטע פארוירפע געמאכט: זיא זעהט אזעלכע גרויסע צרות, וואס מענשען שטעהען אוים, אונ פון ווען שטאמט דאס אלץ פון איהר.

זיא האט יעטצט געזעהען קלאר, אז פון דורך ריידען זיך איז דא קיינע רעדע.

מיר ווייסען, אז הארץ אום פעטער צו צו בינדען מאטילדען צו זיך, האט ער געמאכט בייא איהר אייניגע אנלייהען (הלוואות): ערסטען איז ער מאכע געווען נייטיג אין דיא געלד, וויא מיר ווייסען, אונ צווייטען קען דיא פארטיע מיט איהר שטעהען אויף אבעסערע פוס. זיא האט דאס גערן געמאן: ערסטען האט זיא זיך געוועלט ניט זיין געפאליג צו איהר צוקינפטיגען שוויגער-פאטער, אונ צווייטען האט זיא טאקע געוועלט זיך דאדורך מעהר אנקניפפען אן דיזער פאמיליע.

זיא האט אבער דאס געלד ניט געגעבען אויפ'ן ביילען וואָרט: זיא האט

ארויס גענומען פון איהם גוטע זיכער הייט ; וועכסלען אונ אקאנטראקט אויף זיין הויז אויף צוועלף יאהר ,

יעצט אז זיא האט געזעהען , דיא פארטיע מיט אדאלפען קען גיט צוא שטאנדע קומען אונ מאנען ביא הארא צ׳ן איהר געלד איז אונמעגליך ; צווייטען וויל זיא דאך מאכען אגעשענק אמאליען פאר אלע צרות , וואס זיא איז דורך איהר אויס געשטאנען , זא האט זיא געפונען קסאטי (רעכט געלעגען) , דעם חוב , וואס זיא האט אויף הארא צע, איבער געבען אויף אמאליעס נאמען .

אלזא איידער זיא איז געגאנגען צו אמאליען , האט זיא מיט אטאג פריער געמאכט אפערעדאטשא ביין נאטאריוס אויפ׳ן קאנטראקט , וואס זיא האט אויף האראצ׳ס הויז , האט אויך געמאכט נאדפיסען אויף דיא וועכסלען , וואס זיא האט געהאט אויף איהם . דאס האט זיא גערעכנט אוועק צו געבען אמאליען , וויא מיר ווייסען ; גאר זייענדיג דארטען , וואו זיא האט זיך אנגעזעהען אזעלכע גרויסע קלאגען , האט זיא געפונען דיזעס געשענק נאך צו ווייניג , האט זיא דער ליינט נאך 16 הונדערטער אין דאס קאנווערט . אונ דיזעס האט זיא זייא אבגעגעבען פאר איהר אוועק געהען פון דארטען .

אין דריא טעג ארום האט אמאליא ערהאלטען דיזען בריף :

וועֶרטהעס פריילין !

איך בין געגען אייך זעהר אונגערעכט געוועזען . איך וואר דיא אורזאכע פון זעהר פיל צרות , וואס איהר זייט אויס געשטאנען . דאס וואר אבער געטאן אהן מיין וויסען . יעצט בעט איך אייך אום פערצייהונג . פאר אלעם , וואס איהר האט געליטען דורך מיך , האב איך אייך געלאזען אקליינע בעלאהנונג ; אבער ביטטע , איהר זאלט דאס ניט בעטראכטען אלס וואהלטהאטליכע גאבע ; איהר זאלט עס בעטראכטען אלס אייגענעס קאפיטאל , וואס אייער פאטער האט אמאל געליהען הערר׳ן הארא צ איזבערג אונ דורך אבאנקראט האט ער עס ניט געקענט צוריק געבען . יעצט קומט עס צו אייך צוריק מיט פראצענט : דאס איז אייער אייגענעס געלד , קיינע נדבה ח״ו . מיט דיא ווערטהע פאפירען , וואס איהר האט יעצט אויף הערר׳ן איזבערג , וועט ער געצוואונגען זיין איינ־צוגעהען אויף דיא פארטיע מיט זיין זוהן , איך האב אייך דאמאלס אלעס ניט ערקלארט ; ווייל איך האב מורא געהאט , איהר וועט דאס געלד ניט וועלען אננעהמען . איך בין גלייך אוועק געפאהרען פון דאנען אום ניט צו זיין מעהר אין דער שטאדט , וואו עס האט זיך געגאסען אזוא פיל טרערן פון מיינעט וועגען . אדיע , הייראטהעט אדאלפען אונ זייט מיט איהם אונגעשטארטעס גליק . איך פאר מיינע גוטע וואונש , וויל האפפען , אז דער גוטער גאט וועט מיר אויך בעשערען אונגעשטארטעס גליק . דער מאנט מיך ניט צום שלעכטען .

מאטילדע אייכענשטאם .

דעם זעלבען טאג האט האראץ איזבערג ערהאלטען דיזען בריף :

(דער פוכס) ה״ד גערענרסטער

געעהרטעסטער הערר האראץ אייזבערג!

איהר האט געזוכט, אפארטיע מיט מיר צו מאכען און איהר האט ניט געפרעגט דאס הארץ פון אייער זוהן. איהר האט געוועלט זיינע איינווילליגונג דארויף דורך גוואלד מיטעל בעקאמפפען. איהר האט ארויס געשיקט אגענטען, באנדיטען, וועלכע האבען געבראכט פערזיכטען פיל צרות, דאס קען איך אייך ניט פערצייהען; דען איך בין קיין מענש פון גוואלדטהאטען. איך האב געוועלט אייער זוהן הייראטהען, יע, אבער ווען ער קען מיך ניט ליבען, זא ענטזאגע איך זיך פון דיזע פארטיע. מיינע עטליכע טויזענד רובל, וואס מיר קומט פון אייך, ביטע אבצוגעבען פריילין שטערן: זיא האט מיינע דאקומענטען מיט אפערעדאציא, וויא עס געהערט צו זיין. פאר וואס איך האב דאס געטאן, קענט איהר זיך יע וואונדערן, ניט וואונדערן, — דאס איז ניט מיין זאך. נאר איין עטוואס קענט איהר יע וויסען: אין דיא געלד איז יענע 3000 רובל, וואס איהר האט אמאל ביא שמשין שטערן געליהען. און ווען דער אויבערסטער וועט אייך העלפען, וועט איהר קענען מיר זייא אוועק געבען; שטערנען זיים איהר שוין יעצט גאר נישט שולדיג. איהר קענט יעצט טאן מיט אייער זוהן איין אנדער שדוך; אויף מיר האט איהר נישט צו האפען.

פערבלייבע מיט האכאכטונג ערגעבענסט מאטילדע אייבענשטאם.

הארץ אייזבערג האט שוין געזעהען, אז מיט אדאלפען וועט ער נישט מאכען, יעצט האט ער בעקומען איין אבזאג פון מאטילדען, קיין אנדער רייכע כלה איז ניטא, אגענטען האט ער יעצט אויך ניט, — זא האט ער שוין אויפגעגעבען אלע האפנונג דורך אפארטיע זיינע אומשטאנדע צו בעסערן און האט שוין מעהר ניט געשטערט אין דער פארטיע מיט פריילין שטערן בעזאנדערס נאך יעצט, ווען ער איז איהר היינט אבער הוב אין עטליכע טויזענד רובל.

זונדעל פוכס איז אוועק פאר סוד און הארץ האט ניט געזוכט איהם מיט וואס צו העלפען, ווייל ער האט גערעכנט, אז ער האט דאס געמאכט דעם פארזאג אין זיין הויז.

פייקע איז ארויס פרייא, ווייל שטערן האט זיא אין ניכטס בעשולדיגט געגען איהם; דאס האט ער איהר געטאן דער פאר, וואס זיא האט חרטה געהאט אויף אלץ, וואס זיא האט געטאן, און איהרע עדות האט איהם אין גאנצען געראטעט.

פאר רחלען איז אדאלף אימער געבליבען איהר בעשיטצער, האט איהר חתונה געמאכט מיט איין ערענטליכען מאן, וועלכען ער האט געגעבען אשטעלע אין זיינע געשעפטען און זייא האבען זיך געלעבט צו פרידען. דאס קינד האט ער צוגענומען צו זיך און ער האט זיך ביא איהם געהאדעוועט. רחל איז געווען ביא זייא אהויז פריינדין, און זייא פלעגען זיך אין דיא פרייע שטונדען ערצאהלען פון דיא צרות, וואס זייא זיינען אמאל אויס געשטאנען.

ע נ ד ע